STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03655

ONKL MOZES

Sholem Asch

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שלום אש

געזאַמלטע שריפטן

צענטער באַנד

פאַרלאַג „קולטור-ליגע״ וואַרשע

שלום אש

אָנקל מאָזעס

פאַרלאַג „קולטור־ליגע" וואַרשע

Printed in Poland

געדרוקט אין 550 עקזעמפלארן

וואַרשע 1928

Copyr. by SHOLEM ASCH
New-York 1921

SZOLEM ASZ — „Szriftn

Wyd. „KULTUR-LIGA“
Warszawa 1928

Druk. „GRAFIA“, Nowolipki 22

ערשטער טייל

1

איבער ווילליאַמסבורגער בריק

אין „דאַן-טאַן“, ניו-יאָרק, איז די זון פון דער וועלט אונטערגעגאַנגען. עס האָט זיך געדאַכט, אַז פון דער גאַנצער וועלט האָט זי אויסגעקליבן די פאַרוואָלקנטע הויכע קאַסטנס, וואָס שטייען ביים ברעג פון דעם איסט-טייך, איבער זיי אונטערצוגיין. און ווי הויך די קאַסטנס זענען נישט געווען, ווי העכער איינער האָט נישט געפרואוווט איבערן אַנדערן איבערצושטייגן, האָט מען ערשט פון דאַנען, פון דער ווילליאַמסבורגער בריק, אָנגעזען, ווי קליין און ווי נידריג זיי זענען דאָך אויס קעגן דער הויכקייט פון הימל, פאַפירענע קאָרטן-הייזלעך, וואָס קינדער האָבן אויפגעשטעלט צו שפילן זיך מיט זיי. די קאָרטן-הייזלעך האָבן איינזאַם און פאַרלאָזט געבלאָנדזשעט אין דער ברייטער און הויכער אומענדלעכקייט פון חלל, און זענען פאַרשעמט געוואָרן, וואָס זיי האָבן געוואַגט זייערע קעפ אויפצוהייבן אַזוי הויך פון דער ערד...

אַ פייערדיגע זון איז אַרויס פון איר טוי-באַדעקטער רונדיגער פאָרם, און אַ צעבלוטיגטע האָט זי זיך אויסגעגאָסן איבערן גאַנצן הימל — גאַנצע טייכן האָט זי פאַרפלייצט. פון

דער צווייטער זייט האָט אַ שטאַרקע מעכטיגע האַנט פון דער זייט פון ים מאַטע שלייערס געצויגן און איבערגעוועבט איבער די טייכן רויט-בלוט, איבער די בלאָע פעלדער, וואָס האָבן זיך געצויגן איבער דער ווייטקייט און ברייטקייט פון ניו-יאָרקער „דאַן-טאַונער" הימל. ווי זיי וואָלטן געוואָלט פאַרשטעלן פון מענטשנס אויגן, וואָס דאָרט, אונטער די שלייערס, קומט פאָר. די גרויסע איינזאַמע שטיינערנע קאַסטנס האָבן זיך מיטאַמאָל אָנגעצונדן. גאַנצע ווענט-שויבן האָבן געברענט אין בלישטשענ-דיגער שיין. און „דאַן-טאַון" ניו-יאָרק, באַגאָסן מיט דער אונ-טערגייענדער זון, האָט זיך אויסגעדוכט אויסצוזעען ווי אַ צע-שטערטער בבל, ווי אַ צעפאַלענע אַלטע שטאָט. די הויכע איינ-זאַמע פינקלדיגע ווענט זענען די חורבות פון פאַרגעסענע זו-נען-טעמפלען פון ווילדע טורעמס, וואָס מענטשן האָבן אַמאָל אויפגעשטעלט אין די הימלען צו שטייגן און מיט די געטער מלחמה צו האַלטן...

די וויליאַמסבורגער בריק איז געוועזן, ווי אַן אייזערנער לעבעדיגער ריז וואָלט זיך אויסגעצויגן איבער דעם „איסט רי-ווער" און מיט זיינע הענט און פיס אָנגעכאַפּט דיביידע ברעגן פון טייך. איבער זיין רוקן זענען געפלויגן, ווי ווילדע אייזער-נע חיות מיט אָנגעצונדענע קעפּ, איין באַן נאָך דער אַנדע-רער. און די חיות האָבן געהאַט אין זייערע בייכער איינגע-שלונגען טויזנטער און טויזנטער מענטשן, וואָס זענען גע-שטאַנען קעפּ אויף קעפּ און מיט דערשראָקענע געריסענע אויגן אַרויסגעקוקט פון די פענסטערלעך, פון די אייזערנע חיהשע פענסטער-אויגן. דאָס האָבן די אייזערנע קאַסטנס, וואָס פינקלען זיך יעצט אין דער רויטער זון, צוריקגעשיקט זייערע איינוואוי-נער אויף איבערנאַכט צו זייערע ווייבער און קינדער איבער דעם טייך.

די לויפנדע באַנען מיט די מענטשן זענען געווען אַזוי פיל און אַזוי אָפט, אַז דער אייזערנער ריז — וויליאַמסבורג-בריק האָט געקרעכצט אונטער זייער לאַסט. טיילמאָל האָט זיך געדאַכט, אַז דער ריז וועט עס נישט אויסהאַלטן און אָפּלאָזן

זייגע הענט און פיס, און אַלץ וועט פאַלן אונטער אים אין טיפן טייך אַריין. נאָר יעדעס מאָל, ווען אַ באַן איז דורכגע־לאָפן, האָט דער ריז געגעבן אַ ציטער. זיין רוקן האָט זיך גע־געבן אַ ווייכן עלאַסטישן בייג. און דער צוג האָט זיך דורכגע־גליטשט איבער אים, ווי שטאָלענע גליטשערס איבערן אייז.

אומהיימלעך פיל זענען געווען די באַנען. פון אַלע עקן פון ניו־יאָרק זענען זיי פון די לעכער פון דער ערד געקראָכן, און אַלע זענען זיי דורך איבער דעם רוקן פון ריז. איינע נאָך דער אַנדערער, און צוויי מיטאַמאָל, און דריי מיטאַמאָל — און איינע האָט די אַנדערע איבערגעיאָגט. איבער די ביידע זייטן פון ריזס בויך זענען געלאָפן וועגן און פראַכט־וועגן, אויטאָמאָ־בילן און טראַמווייען, ווי פליגן וואָלטן זיך אָנגעזעצט אויף אַ גרויסן קערפּער. און אַלץ האָט אויף זיך אויסגעהאַלטן דער ריז, געקרעכצט און אויסגעהאַלטן.

אַביסל אָן אַ זייט ציט זיך אַ שמאָלער וועג פאַר פוס־גייערס איבער דעם רוקן פון בריק, נאָר דער פוס־וועג איז דער איינציגער איינזאַמער וועג אויפן בריק, — איבער אים זענען יעצט, אין פריען האַרבסטיגן פאַרנאַכט, געגאַנגען טאַ־טע און מאַמע פון ניו־יאָרק נאָך ברוקלין — האָפּקינס סטריט — צופוס אַהיים. אונטער זייערע פיס זענען דאָס געפלויגן די באַ־נען מיט די מענטשן. און פאַר זייערע אויגן האָט דאָס „דאַונ־טאַון" ניו־יאָרק געלויכטן זיך אין פאַרנאַכטלעכער זונען־שיין. נאָר זיי האָבן דאָס נישט באַמערקט. זיי זענען פאַרטיפט גע־ווען אין זייער געשפּרעך. און דער רעש פון די באַנען האָט זייער אויפמערקזאַמקייט נישט אָפּגעווענדט.

האָבנדיג זייער וואַנדערונג אונטער דעם געוועלב פון דער הויך־באַן, איז זייער געהאָרך אַזוי צוגעוויינט געוואָרן צום גע־זאַנג פון אייזן, אַז עס האָט זיך זיי אויסגעוויזן, אַז דער קוויטש פון ראָד אויף דעם רעלס איז דאָס געהער פון דער הויך פון דער לופט, וועלכע זיי אָטעמען אין זיך אַריין... זייער אויג האָט זיך אויך נישט אָפּגעשטעלט אויף דעם גראַנדי־עזן בילד, וואָס די זונען־פאַרבן שפּילן אָפּ מיט די שויבן פון

די פענסטער. זייער אויג איז געוואָרן איינגעוואוינט צו זען נאָר נוצלעכע זאַכן און נישט זיך אָפּצושטעלן אויף אויסערלעכע צו-פעליקייטן. זייער געשפרעך איז אויף אַ מינוט נישט געוואָרן אָפּגעהאַקט. און די טאָכטער האָט ווייטער געפירט איר באַ-לעבט וואָרט.

— שעם זיך, טאַטע, צוויי טעג קומסטו נישט אַהיים. נישט געוואוסט וואו צו זוכן דיך, מאַמאַ האָט געוויינט, קינדער האָבן געוויינט, געמיינט ביסט פאַרלוירן געגאַנגען. שעם דיך, טאַטע!

די טאָכטער, וועלכע האָט גערעדט צום פאָטער אַזעלכע רייד, איז אַלט געווען פערצן און אַ האַלב יאָר און איז געווען אין אַכטן קלאַס פון פאָלקס-שול, דאָך איז זי געווען אַזוי אָנ-פאַרטרויט מיט אַלע געהיימנישן פון איר משפחה, אַז זי האָט זיך גאָר נישט געשעמט צו רעדן מיט איר פאָטער דערפון. איבריגנס, איז מאַשאַ שוין נישט געווען אַ קינד. מיט איר פערצן און אַ האַלב יאָר לעבן, מיט אירע אַמעריקאַנישע ער-פאַרונגען און מיט איר אַכטן קלאַס פאָלקס-שול איז זי קלו-גער און ערצויגענער געווען פון אירע עלטערן, וועלכע זענען איבערגעבליבן אַזוי גרין און אומערפאַרן, אַזוי ווי זיי זענען געקומען פון קליינעם שטעטל פון פוילן.

מאַשאַ איז אַ מינוט שטיל געבליבן. אירע קליינע בעקע-לעך זענען רויט געוואָרן און אירע שוואַרצע, שוואַרצע אייגע-לעך האָבן נאָך מער אָנגעהויבן צו פינקלען. זי האָט זיך גלייך געמאַכט איר לאַנגן שוואַרצן צאָפּ, דאָס איינציגע צירונג, וואָס זי האָט געהאַט אויף זיך, און וועלכער האָט גאָר נישט גע-פאַסט צו איר קליין אויסגעוואַקסן קליידל. פון די קורצע אַרבל האָט זיך אַרויסגעוויזן מאַשעס לאַנגע רויטע הענטלעך. דאָס מיידל האָט געהאַלטן אין איין ציען די אַרבל פון קאַפּטנדל איבער אירע הענט, ווען איין אַרבל האָט נאָכגעגעבן, האָט דער צווייטער זיך אַרויפגעגליטשט, און מאַשאַ האָט געהאַלטן אין איין קעמפן מיט אירע אַרבל.

פון דער זייט פון ים האָט געבלאָזן איבער וויליאַמס-בורגער בריק אַ קאַלטער ווינט, און האָט געטראָגן דעם גרינעם

פייכטן ריח פון ים איבער דער בריק, האָט געזאַלציג געמאַכט דאָס מויל — דעם פּאָטער מיט דער טאָכטער האָט זיך גע־גלוסט עסן. דער ווינט האָט צעיאָגט מאַשעס האָר און געטראָגן איר צו־קורץ קליידל, פון וועלכן עס האָבן זיך די הויכע שיין מיידלשע פיס צו ווייט אַרויסגעזען. מאַשאַ האָט געקעמפט מיטן ווינט, דאָ געשלעפּט דאָס קליידל אַראָפּ צו פאַרשטעלן אירע פיס, און דאָ געשלעפּט דאָס קליידל אַרויף צו פאַרשטעלן אירע נאַקעטע הענט. די פרייד, וואָס דער פּאָטער אירער גייט מאָרגן צו דער אַרבעט, האָט זי געטראָגן מיט אימפּעט אַהיים צו דער מאַמען...

אַז דער פּאָטער מיט דער טאָכטער זענען אָנגעקומען אין האָפּקינס סטריט, איז שוין טונקל געווען. וואַרימע גאַז־ליכט האָט זיך אַרויסגעגאָסן פון די געוועלבער. פאַר די קינאָס און פאַר די זאָדע־געוועלבלעך זענען געשטאַנען קינדער און מיט זשעדנע אויגן צוגעקוקט, ווי יונגלעך און מיידלעך גייען אַהין אַריין.

אַ פּאָר פון די קינדער האָבן אין אהרן מעלניק, „עלכער איז דורכגעגאַנגען (געפירט פון זיין טאָכטער מאַשען) — דער־קענט זייער פּאָטער, און מיט אַ געשריי און אַ ליאַרם: פּאַפּאַ! זענען זיי אים נאָכגעלאָפן. מאַשאַ האָט זיי באַרואיגט מיט אַ וואונק און מיט אַ וואָרט. מורא געהאַט, אַז דער פּאָטער זאָל נישט פאַרשווינדן פאַר דער טיר פון הויז. נאָר וואָס נעבעך אהרן מעלניק איז צו דער טיר פון זיין הויז צוגעקומען, איז זיין צוריקקומען אַלץ געוואָרן מער זיכער אי פאַר אים און אי פאַר זיין טאָכטער מאַשאַ. פאַר דער טיר פון הויז זענען אין וואַ־רימען פאַרנאַכט געזעסן די ווייבער. האַלב אָפּגעוואַשן און אָנ־געטאָן האָבן זיי אָפּגעוואַרט זייערע מענער, וואָס קומען צוריק פון דער אַרבעט. די אַלע שכנים האָבן אַ לעבעדיגן אינטערעס גענומען אין די פאַמיליע־אַנגעלעגנהייטן איינער פון אַנדערן. זיי האָבן, זעלבסטפאַרשטענדלעך, געוואוסט פון אהרנס אַנטלויפן פון דעם ווייב מיט די קינדער און מיט גרויס אינטערעס, צו אַלעמענס גרויסער צופרידנהייט, צוגעזען, ווי מאַשאַ פירט יעצט

אַהיים דעם פאָטער. און ווי זיי וואָלטן זי אַריינגענומען אין זייער ווייבערשער חברותא, האָבן זיי איר צוגעוואונקען מיט די בליקן און מינעס פאַר דער גוטער אַרבעט, וואָס זי האָט געטאָן, צוריקברענגענדיג דעם טאַטן אַהיים.

אין דער שטוב האָט אהרן געפונען זיין ווייב ראָזע מיט דעם קליינעם קינד אויף דער האַנט, וועלכס אַזוי ווי עס וואָלט געווען געוואוסט, אַז עס איז דער איינאיינציגער זון צווישן די פיר טעכטער, וואָס אהרן האָט געהאַט מיט זיין ווייב — האָט עס קיינמאָל נישט געוואָלט אַראָפּ פון דער מוטערס הענט. ראָזע, וועלכע האָט מיט אירע דרייסיג יאָר אויסגעזען שוין, ווי אַ יידענע אין די פערציגער, האָט נאָך איין רעשט געהאַט איבעריג פון איר יוגנט, און דאָס זענען געווען אירע געדיכטע שוואַרצע האָר, וועלכע האָבן מיט זייער יוגנטלעכן גלאַנץ זיך גאָר נישט צוגעפּאַסט צו איר פאַרעלטערט פּנים און קאַליע געוואָרענע גאָלדענע ציין, וואָס האָבן דאָ און דאָרט אַרויסגעקוקט פון איר מויל. זי איז געווען פאַרביטערט און בייז פון צרות און קלאָג, און זי האָט געליטן פיזישע ליידן אַ גאַנצן טאָג פון האַלטן דאָס קינד אויף די הענט. זי האָט אָנגעקוקט איר מאַן:

— גיב נאָר אַ קוק — ער איז דאָך שוין דאָ. די מציאה האָט זיך דאָך שוין אָפּגעפונען.

ראָזע האָט געוואָלט עפּעס ווייטער רעדן, נאָר די קליינע מאַשאַ איז אונטערגעשפּרונגען, אַרויסגענומען פון אירע הענט דאָס קינד, און געזאָגט:

— מאַמאַ, שווייג, דו וועסט נישט שווייגן??!

— וואָס זאָל איך שווייגן? — וואָס, ער וועט אַנטלויפן, דער תכשיט! — האָט די מוטער געזאָגט מיט מער דרייסטקייט און מוט. נאָכדעם ווי זי האָט געהאַט פרייער אָפּגעעטעמט פון דעם קינדס לאַסט, וואָס זי האָט געפילט אַ גאַנצן טאָג אויף די הענט — זאָל ער אַנטלויפן. ווער האָט געשיקט נאָך אים?

— מאַמאַ, דער טאַטע גייט דאָך מאָרגן אַרבעטן, דער

אָנקל בערל האָט געשאַפן אַ פּלאַץ פאַר אים. איך בעט דיך, שווייג!

דאָס וואָרט „אַרבעט" האָט געבראָכן אַביסל דאָס אייז. און איר טאָן איז געוואָרן אַביסל אַנדערש.

— אַזוי, ער גייט שוין אַרבעטן, ער וועט מיך שוין נישט לאָזן הונגערן מיט מיינע שוואַלבן, אָ-וואַ, אַן איינזעניש.

גאָר אהרן האָט דעם ווייב נישט געוואָלט צוליב טון. די טאָג-טעגלעכע צרות, וואָס דאָס לעבן האָט זיי געשאַפט, האָבן אין מאַן-און-ווייבס הערצער אָנגעזאַמלט אַזוי פיל ביטערניש פון איינעם אויפן צווייטן, אַז זייער איינציג ביסל נחת איז געווען, ווען איינער האָט דעם צווייטן געקענט קרענקען. דאָך האָט זיי די פיינדשאַפט נישט געשטערט צו לעבן צוזאַמען פופצן-זעכצן יאָר, קינדער האָבן. עס איז געווען, ווי די פיינדשאַפט וואָלט געוועזן דער ליים, וואָס קנעט צוזאַמען זייער לעבן, און אַז אהרן האָט געזען, ווי דעם ווייבס אויגן זענען רואיגער געוואָרן פון דער טאָכטערס רייד, האָט עס אים געקרענקט.

— די מאַמע וועט קענען גיין אַרבעטן, זי קען נישט אַרבעטן מיט די זייטן? — פאַרוואָס מוז איך דאָס? — האָט ער זיך אָנגערופן פון ווינקל אַרויס.

— צו וואָס האָסטו אים אַהיימגעבראַכט? — האָט ראָזע אָנגעהויבן צו שרייען אויף דער טאָכטער — די טיר וועל איך אויסקלאַפּן מיט אים. גיי אַרויס פון מיין שטוב, די מינוט פון מיין שטוב!

מאַשאַ איז געבליבן שטיין פאַרצווייפלט. זי האָט געזוכט אַן עצה, ווי צו ראַטעווען די לאַגע. זי איז געשפּרונגען פון איינעם צום אַנדערן און געבעטן זיך מיט אירע קינדערשע אויגן און הענטלעך:

— מאַמע, שווייג, איך בעט דיך. טאַטע, שווייג. איך בעט דיך. עס איז דאָך נישט שיין פאַר די שכנים.

אין איר קליין קעפּל איז אויפגעגאַנגען אַ געדאַנק: דער

טאַטע איז הונגעריג און מיד, און די מאַמע איז הונגעריג און מיד; אין שטוב איז פינצטער און טרויעריג — דורך דעם קריגן זיי זיך. ווען זי וואלט געקענט גרייטן צום טיש און אויפגעבן אוונט-ברויט, אין שטוב וואלט געווען ליכטיג, וואלטן זיי זיך נישט געקריגט. זי האט פלינק אנגעצונדן דאס גאַז-ליכט, דאס שטיבל איז באַלויכטן געווארן. און ווירקלעך, ווי עס איז נאָר אין שטיבל ליכטיג געווארן, האבן זיך מאַן און ווייב אויפגעהערט צו קריגן. זיי האבן זיך געשעמט איינער פאַרן צווייטן אין דעם ליכט, פאַרן קינדס אויגן. ראָזע האט אנגעהויבן צו וויינען אויף איר ביטער מזל, וואס דער גזלן האט זי געשלעפּט אין וויסטן „אַמעריקע", „און איר פאָטער און מוטער וועלן קיין רו אין קבר נישט האָבן, ווען זי וואָלט זיי נאָר אויף זייערע קברים געקענט אָנזאָגן, אין וועמענס הענט זיי האָבן זי איבערגעגעבן". אהרן איז געזעסן אַ פאַרשטיינערטער אין ווינקל און געשוויגן. אין שטיבל האָבן זיך אנגעהויבן צו קלייבן די קינדער פון דער גאַס און אנגעהויבן צו פאדערן אוונט-ברויט. די מוטער האט זיי אפגעשיקט צום פאטער און צום טייוול. דענסטמאל האט מאַשאַ איבערגעלאזט דאס קליינע קינד אויף אַ שוועסטערלס הענט און איז אַליין אַרויס אין גאַס שאַפן עסן. זי האט זיך אפגעזאגט פון געדאַנק, וואס זי האט פריער געהאַט, צו באָרגן ביי דער קצבטע, אויפן ערשטן שטאָק, פופציג סענט, ביז דער טאַטע וועט אָנהויבן אַרבעטן. דאָס וואָס דער פאָטער איז צוריקגעקומען און דער אָנקל לואי האָט אים געקראָגן אַ פּלאַץ, האָט איר מער שטאַרקייט און גלויבן געגעבן אין זיך. זי איז אַריין מיט דרייסטקייט אין דעם שפּייז-געוועלבל, וואָס איז געווען אין ווינקל-גאַס און האָט זיך געהייסן געבן ברויט, פוטער און קעז, און טאָמאַטען-זופּ אין קעסטל און זי האָט נאָך פאַרלאַנגט אַ מאַרינירטן הערינג און אוגערקעס. האָט זי דער סוחר אָנגעקוקט פאַרוואונדערט, האָט זי שטאָלץ אָפּגעענטפערט: „פּאַפּאַ גייט מאָרגן אויף אַ פּלאַץ, אָנקל בערל האָט אים פאַרשאַפט". האָט דער סוחר פאַרשטאַנען, און שוין גאָרנישט געזאָגט. איר וואָרט „פּאַפּאַ גייט מאָרגן אויף אַ פּלאַץ" איז געווען אַ ווינטש-פינגערל,

וואָס האָט פאַר מאַשען אויפגעעפנט דעם סוחרס געוועלבל, דעם קצבס יאַטקע, און זי האָט געקריגן, וואָס זי האָט געוואָלט.

און מאַשאַ האָט רעכט געהאַט. קוים איז ליכטיג געוואָרן אין שטיבל און מאַשאַ האָט אויפן טיש דערלאַנגט דעם רייכן אָוונט-ברויט, מיטן מאַרינירטן הערינג און די אוגערקעס און די טאָמאַטען-זופּ, איז נישט נאָר מאַן און ווייב האָבן זיך אויפגעהערט צו קריגן, נאָר אהרן מעלניק האָט זיך דערמאָנט, אַז ער איז אַ פאָטער פון פיר טעכטער און אַ זון, האָט די קינדער אַרומגעזעצט ביים טיש, אָנגעזאָגט זיי, אַז זיי זאָלן זיצן אָרנטלעך — און אין שטיבל ביים טיש זענען אַרום געזעסן די גליקלעכסטע פאַמיליע און געגעסן זייער פאַרדינט שלומדיג אָוונט-ברויט.

2
קינדער

אהרן מעלניק האָט פאַר זיין טאָכטער ליגן געזאָגט, קיין שטעלע צו אַרבעטן האָט אים קיינער נישט צוגעזאָגט. ביינאַכט, ווען ער איז געלעגן אין בעט מיט צוויי קינדער פון ביידע זייטן — האָט ער זיך דערמאָנט, אין וואָס פאַר אַ לאַגע ער געפינט זיך און זיין גאַנצע משפחה. ער האָט מורא געהאַט פאַר דעם מאָרגנדיגן טאָג, ווען דאָס ווייב מיט די קינדער וועלן זיך אויפהייבן און וועלן אים געפינען אין דערהיים. דער דערוואַקסענער ייד, דער פאָטער פון פינף קינדער, האָט זיך געפילט ווי אַמאָל אין די קינדער-יאָרן, ווען ער איז אַנטלאָפן פון חדר און וואַרט אויף אַ פּסק. און דאָס געפיל האָט אים געמאַכט היימלאָז און קינדיש, אַ שעמעוודיקייט האָט אים אַרומגענומען פאַר זיינע קינדער, וואָס טוליען יעצט די קעפּעלעך צו אים.

אהרן האָט נישט ליב געהאַט זיינע קינדער צוזאַמען, ווייל ער האָט אין זיי געזען די סיבה פון זיין אומגליק, פון זיין פאַרשקלאַפט לעבן. אָבער צו יעדן קינד האָט ער געפילט אַ

באַזונדער געפיל. און יעדעס קינד האָט געהאַט אַ באַזונדער אָרט אין זיין האַרצן. צילליע, דאָס מיידעלע נאָך מאַשען, האָט ליב געהאַט אַ שרעק דעם קינאָ, און כאָטש זי איז נאָר איינמאָל אין איר לעבן געווען דאָרט, ווען דער אָנקל לואי האָט זי אַמאָל מיטגענומען, דאָך פון דענסטמאָל אָן שפּילט זי נאָך נאָך אַלצדינג וואָס מ'האָט אין קינאָ געשפּילט. זי נעמט אַ קישנדל און מאַכט זיך אַ פּופּע און הילט זיך דערמיט איין אין דער מאַמעס טוך, און שפּילט דאָס שטיק: „די מאַמע מיטן קינד״. און ערשט היינט אין אָוונט, נאָך דעם רייכן אָוונט-עסן, האָט די פאַמיליע מעלביק געפּייערט דאָס איבערבעטן צווישן טאַטע-מאַמע מיט צילליעס אַ פאָרשטעלונג. אהרן האָט פאַרגעסן זיין היימלאָזיקייט און זיין ביטערקייט, און ער האָט געלאַכט און געפרייט זיך מיטן קינדס שפּילן. און אייגנטלעך איז דאָס געווען צילליע, וואָס האָט מיט איר פאָרשטעלונג דעם טאַטן צוריקגעצויגן אין שטוב אַריין, אים אַריינגעפירט אין דער משפּחה אַריין... יעצט אָבער איז צילליע צוריק געוואָרן אַ קליין, פּיצינק מיידעלע, מיט אַ שקאָציש שמוציג פּנימל, וועלכס האָט אפילו אין שטילן שלאָף אַרויסגעפּאָדערט אַלעמען מיט דעם חוצפּהדיגן זיכערן אויסדרוק. עס איז געווען ווי אַ זאָרג וואָלט אַראָפּ פון קינדס געמיט, און מער זיכער שוין וואָס דער טאַטע איז דאָ אין דערהיים, האָט עס זיך ווי אַ קעלבל איינגעטוליעט מיט די פּיס, מיט די הענט, מיטן קעפּל אין טאַטנס לייב אַריין...

דאָס צווייטע קינד, סטעלאַ, איז געווען גאָר אַ גאַנץ אַנדערע פון צילליען — זי איז שטענדיג געווען אַ שרעקעוודיקע און אַ שעמעוודיגע. איז אַ מענטש אין שטוב אַריינגעקומען, האָט זי זיך באַהאַלטן אין אַ ווינקעלע און געוויינט. די טאַטע-מאַמעס קריגן זיך, אין וועלכן זי איז דערצויגן געוואָרן, האָט אויף דעם קינד אַרויפגעוואָרפן אַזאַ שרעק פאַר מענטשן, אַז זי האָט געוויינט ביינאַכט פון שלאָף אַרויס, פון שרעקלעכע חלומות, וואָס זענען זי באַפאַלן. צייט דער פאָטער איז אַוועק פון דערהיים, האָט דאָס קינד גאָר מורא געהאַט צו שלאָפן: געוויינט

אָבער איינצעגורען איר קערפּערל אין פּאָטערס שטאַרקער ברוסט און דערמיט זיך פילן זיכער, האָט דאָס קינד ביינאַכט געזוכט דעם פּאָטער אויפן געלעגער. היינט, דאָס ערשטע מאָל זינט דער פאָטער איז אַוועק, איז דאָס קינד איינגעשלאָפן רואיג...

אהרן האָט געפילט די צוויי קינדישע פוכיגע קערפּער-לעך, איינגעקנאָטן און איינגענורעט אין אים אַריין, אַזוי ווי זיי וואָלטן זיך אָנגעהאַלטן אָן פּאָטער און נישט געוואָלט אים אַוועקלאָזן פון זיך און געבעטן זיך ביי אים, אַז ער זאָל זיך פאַר זיי ווידער איינשפּאַנען אין דעם יאָך, וועלכן ער האָט אַזוי הפקרדיג פון זיך אַראָפּגעוואָרפן...

און אין יאָך זיך איינשפּאַנען האָט ער נישט געוואָלט. ער האָט זיך דערמאָנט אין די יאָרן, ווי ער איז געזעסן אויף דער „בויערי"-גאַס, און די אַלע האָפענונגען און חלומות, וואָס ער האָט געהאָפּט אַרויסצורייסן זיך פון דער ווערקשטעל און אַליין ווערן עפּעס אַ שטיקל מענטש פאַר זיך, קומען צו אַ תכלית. און די אַלע האָפנונגען האָט ער איינגעבייט מיט דער נאָדל אין די הויזן אַריין, וועלכע ער האָט אויף דער מאַשין געקלאַפּט... ביז אַמאָל האָט זיך ביי אים געפונען די קראַפט איבערצערייסן, אָפּצעהאַקן דאָס לעבן און זוכן עפּעס נייעס. יעצט זאָל ער ווידער צוריקגיין — צוריק גיין אין „שאַפּ" אָן האָפנונגען, אַז אַמאָל וועט אַנדערש זיין, נאָר באַגראָבן זיך אַליין אויפן לעבן לאַנג, אָן האָפנונג אויף בעסערס?...

די אומזיכערקייט און די היימלאָזיקייט האָט אים ביי-נאַכט געפייניגט און געדושעט אים ווי אַ נישט-גוטער. עס האָט זיך אים געחלומט אַ שרעקלעכער חלום, אַז ער האָט אָנגעהויבן צו וויינען אויס דעם שלאָף אַרויס. אָבער נישט אַ באַדויערנד מענטשלעך וויינען, נאָר אַ געוויסן-בייסנד קלאָגן פון אַ חיה. — ער האָט געוויינט פון שלאָף, ווי נישט-גוטע וואָלטן אים געפייניגט. מען האָט אים געריסן פון שלאָף, ער האָט זיך אויפגעכאַפּט:

— הע, וואָס, מאַשאַ?

— טאַטע וואָס איז דיר? וואָס שרייסטו?

— ווער, איך? גאָרנישט. וואָס האָסטו זיך אויפגעכאַפּט?
— האָסט אַזוי שרעקלעך געוויינט, ווי ווער וואָלט דיר שלעכטס געטאָן.
— גאָרנישט. קום אַריין אין בעט. עס איז קאַלט...
די קינדער זענען געשלאָפן מיט די עלטערן. די קלענערע מיט דער מאַמען און די גרעסערע מיטן פאָטער. די איינציגע, וואָס איז שוין געשלאָפן באַזונדער, אויסגעבעט אויף דריי שטולן, איז געווען די עלטערע, מאַשאַ. נאָר ווען עס פלעגט איר קאַלט זיין ביינאַכט, פלעגט זי אַריינקומען צום פאָטער אין בעט אַריין. זי האָט זיך דערפרייט מיטן פאָטערס איינלאַדונג. זי האָט פאַררוקט די שוועסטערלעך אָן אַ זייט.
אַז מאַשאַ איז אַריינגעקומען אין בעט אַריין, האָט זיך דער פאָטער פלוצלונג אָפּגערופן:
— מאַשאַ, דו ביסט דאָך שוין אַ קלוג מיידל, הער מיך אויס. ווילסטו, אַז דער טאַטע דיינער זאָל שטענדיג זיין פאַרשקלאַפּט ביי דער ניי-מאַשין, ביים אָנקל מאָזעס, און מיר זאָלן שטענדיג לעבן אין אָרעמקייט? דו פאַרשטייסט דאָך, דו ביסט דאָך אַ קלוג מיידל, אַז איך וועל צוריקגיין אויף אַ פּלאַץ אַרבעטן — וועל איך שוין שטענדיג אַרבעטן ביי דער מאַשין, זיין אַ פינצטערער שטעפּן-שניידער, אָן האָפנונגען אויף עפּעס בעסערס. און איר אַלע, דו און די קליינע קינדערלעך, וועלן נאָך קיין צייט נישט האָבן אויפצוּוואַקסן, וועט איר שוין מוזן גיין באַלד אַרבעטן. ווילסטו אַזוי? יאָ?
— איז דאָך שוין אונזער מזל אַזעלכער, אַז מיר זאָלן געבוירן ווערן ביי אַן אָרימען פאָטער, וועלן מיר אויך אַרבעטן, וואָס דען קענסטו טאָן?
— ווען איך וואָלט נאָר צייט געהאַט, צייט געהאַט אַ פּאָר חדשים, אַז איך זאָל זיך קענען אַרומקוקן עפּעס אַנדערש. און אַז איך זאָל נאָר האָבן אַביסל געלט, אַ קליין ביסל געלט אָנצוהויבן עפּעס אַנדערש. אָט איז ערשט נישט לאַנג געקומען אַ לאַנדסמאַן, האָט ער בשום אופן נישט געוואָלט אַריינקומען צום אָנקל מאָזעס אין „שאַפּ". „שטאַרבן אויף דער גאַס, איי-

דער אַרבעטן" האָט ער געזאָגט, געקראָגן פון ערגיץ אַביסל געלט, גיט צירונג אויף אויסצוצאָלן, און ער האָט שוין אַ ביז-נעס פאַר זיך. ווען איר וואָלט מיר נאָר אַביסל אָפּגעלאָזט, נאָר דעם אָטעם כאַפּן.

דאָס מיידעלע האָט זיך פאַרקלערט אַביסל — זי האָט געקוקט אויפן פאָטער, און ביים קליינעם שיין פון דער גאַז-באַליכטונג, וואָס האָט געברענט אַ גאַנצע נאַכט, האָט זי גע-זען דעם פאָטערס רויטע אויגן און זי האָט אויף אים רחמנות געהאַט. זי האָט געטראַכט און געזאָגט:

— איז וואָס וואָלט געווען, ווען דו וואָלסט געהאַט אַביסל געלט?

— וואָלט איך געווען עפּעס איינגעקויפט און וואָלט גע-פעדלט. איך וואָלט צירונג געגעבן אויף אויסצוצאָלן, איך וואָלט עסן-זאַכן צוגעשטעלט אין די הייזער, אין געפּענגעניש וואָלט איך נישט צוריקגעגאַנגען, אויף דער „בויערי" גאַס.

— און וויפיל באַדאַרפסטו?

— הונדערט דאָלאַר, מיין קינד, הונדערט דאָלאַר. וואָס קומט אָבער אַרויס?

— און דער אָנקל מאָזעס קען דיר אויסבאָרגן, אַז ער וויל?

— אַז ער וויל, — געוויס קען ער. וואָס קומט אָבער דערפון אַרויס. אַרויסגעוואָרפענע רייד. איך וועל צוריקגיין אויף אַ פּלאַץ, איך וועל... לאָז זי וואַרטן אַ מינוט, — ווייזט ער אויף דעם ווייב — ביז איך וועל קריגן. — צום אָנקל מאָ-זעס קען איך דאָך נישט גיין, ער וועט דאָך מיך נישט נע-מען צוריק.

— האָסט דאָך געזאָגט, אַז דו האָסט שוין אַ פּלאַץ, אַז דער אָנקל בערל האָט דיר געשאַפט?

— ליגן געזאָגט. איך האָב אייך נישט געוואָלט די שמחה פאַרשטערן. ווי אַזוי האָב איך אַ פּלאַץ? צו אָנקל מאָזעס קען איך דאָך נישט צוריקגיין. איך האָב דאָך אים באַליידיגט. איך וועל

נישט גיין אַרבעטן,גיט אייך אַן עצה אָן מיר. לאָז אייך דוכטן, אַז איך בין געשטאָרבן, באַגראָבן, איך בין נישטאָ...

דאָס מיידל האָט שוין געשוויגן. אין איר קליין קעפּל האָט געאַרבעט אַ געדאַנק. זי האָט געקלערט וועגן אַ פּלאַן, ווי אַזוי צו שאַפן דעם פאָטער הונדערט דאָלאַר, אַז ער זאָל פּרואוון זיין מזל. עס איז נאָר געווען איין-איינציגער וועג, דער וועג צו אָנקל מאָזעס. זי האָט נאָך דעם אָנקל מאָזעס קיינמאָל נישט געזען, נאָר זי איז געווען זיכער אין זיך, אַז ווען זי זאָל אים זען — וועט זי אַרויסקריגן פון אים דאָס געלט, וואָס זי דאַרף פאַרן פאָטער. און דעם פּלאַן האָט זי ביי זיך אָפּגעמאַכט.

דערווייל האָט מאַשעס קערפּערל, וואָס איז צוגעקומען אין בעט אַריין, פאַרלאַנגט אַן אָרט פאַר זיך. די פּיסעלעך האָבן זיך צונויפגעמישט, און איינס אָן דאָס אַנדערע האָבן זיי זיך געקאָפּעט, ביז אַלע דריי שוועסטערלעך האָבן זיך אויפגעכאַפּט. דערזען די גדולה, אַז מאַשאַ איז אַריינגעקומען צו זיי אין בעט אַריין, — האָט זיך זיי נישט געגלוסט שלאָפן. די שוועסטער האָבן זיך אָנגעהויבן צו שפּילן, צו קיצלען און צו שטאָרכן איינס דאָס צווייטע און אָנגעהויבן צו לאַכן. מאַשאַ האָט פאַרגעסן אָן די גרויסע פּלענער, וואָס זי האָט פאַרן פאָטער, אַרויסצוקריגן די הונדערט דאָלאַר, וואָס איז נויטיג פאַר אים אָנצוהויבן דאָס נייע, גרויסע, גליקלעכע לעבן — געקריגן אַ שטאָרך און אַ קאָפּע — האָט זי אָפּגעגעבן דאָס איריגע. די שוועסטער האָבן אָנגעהויבן צו קריכן און געמאַכט דעם פאָטערס גרויסן מענלעכן קערפּער פאַר דעם לייטער, אויף וועלכן זיי זענען אַרויף און אַראָפּגעגאַנגען, אהרן האָט אויך פאַרגעסן אָן אַלע זאָרגן. עס איז אים אָנגענעם געווען די קילע קינדערשע לייבעלעך, וועלכע האָבן אַזוי געגלעט זיין לייב. ער האָט זיך אָנגעהויבן שפּילן מיט די קינדער, יעדעס מאָל געכאַפּט איינס און אָפּגעציילט. אויף דעם אָנגענעמסטן אָרט, וואו עס איז זיס צו פּאַטשן אַזוי פיל פּעטש פאַר יעדן קינד, וויפל עס ציילט יאָרן. דאָס פּאַטשן אין די געזעסלעך האָט

די קינדער זייער אַמוזירט, און זייער לאַכן און פרייד האָבן אויפגעוועקט די איבעריגע קינדערלעך, וועלכע זענען געשלאָפן מיט דער מאַמען. און עס האָט אָנגעהויבן צו ווערן אַ פעל־קער־וואַנדערונג, פון טאַטעס בעט צו דער מאַמעס, און פאַר־קערט, אַזוי לאַנג און ברייט, ביז זיי האָבן אַרויסגערופן דעם „שאַטן“, זיי האָבן אויפגעוועקט די מאַמען.

— וואָס פאַר אַ שוואַרצע יאָר אויף זייערע קעפּ? וואָס האָסטו טאָג געמאַכט? וויייניג איז דיר דער טאָג, באַדאַרפסטו נאָך די נאַכט?

די קינדער האָבן איבערגעצויגן די קאָלדרעס איבער די קעפּלעך און געמאַכט זיך שלאָפן, שנאָרכנדיג הויך. איינס נאָר, דאָס קליינע, האָט זיך נישט געקענט איינהאַלטן און אַרויסגעפּ־הילכט מיט אַ געלעכטער, האָבן אים די אַנדערע גלייך נאָכ־געטאָן, און דאָס געלעכטער האָט פאַרהילכט דאָס קליינע שטיבל.

אהרן האָט צוזאַמען מיט זיינע קינדער איבערגעצויגן די קאָלדרע איבערן קאָפּ, אויך מורא געהאַט פאַר דעם ווייב. די קינדערס לאַכן ון פרייד האָבן אַרויסגערופן ביי אים נייע שטראָמען פון ענערגיע. ער האָט מיט אַמאָל אָנגעהויבן צו פאַרשטיין דעם געדאַנק פון הויזן־נייען... ער האָט פאַרשטאַנען זיין אַקטיעריג לעבן, פאַרוואָס ער איז אָפּגעזעסן אויף דער „בויערי“ ביים אָנקל מאָזעס, און באַשטימט ווידער זיך איינ־צופעדימען אין דער נאָדל — פאַר דעם לאַכן און פרייד פון זיינע קינדער...

3

פאַרטאָג

עס איז נאָך געווען טיף אין דער נאַכט, ווען די זאָרג האָט אַהרן מעלניקן אַרויסגעיאָגט פון שטוב. אין די בעטן זע־נען נאָך אַלע, דאָס ווייב און די קינדער, געשלאָפן. אהרן מעל־ניק האָט זיך אָנגעטאָן אין דער שטיל. ער איז אַריין אין דער

קיך, אויפגעהויבן דעם טאָפּ, אונטער וועלכן דאָס ווייב האָט באַהאַלטן דאָס ברויט פאַר די קינדער, געוואָלט אַרויסנעמען דאָס לעבל ברויט. ער האָט זיך אָן עפּעס דערמאָנט, געגעבן אַ מאַך מיט דער האַנט, און איז צוגעגאַנגען צו דער טיר.

— טאַטע, וואוהין גייסטו? — האָט אים מאַשאַ אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט.

— דו ביסט עס, מאַשאַ? וואָס האָסטו זיך אַזוי פרי אויפגעכאַפּט? צוריק אין בעט אַריין!

— איך האָב געזען, ווי דו האָסט זיך אָנגעטאָן. איך וועל דיך נישט לאָזן גיין. איך האָב מורא, ווּעסט נישט צוריקקומען.

אַ פאַרעקשנטער ביטערער שמייכל האָט פאַרקרימט אהרנס ליפּן:

— נאַר, גיי צוריק אין בעט אַריין, ווּעסט מיר יעדן טריט נאָכגיין? איך גיי אַרויף צום פעטער בערל — איך באַדאַרף זיך מיט אים אַן עצה האַלטן, מיר וועלן צוזאַמען גיין צום אַנקל מאָזעס.

מאַשאַ האָט געקוקט דעם פאָטער אין די אויגן אַריין.

— ווּעסט אין אָוונט אַהיימקומען?

— געוויס וועל איך אַהיימקומען — וואו דען וועל איך גיין?

מאַשאַ האָט פאַרגעסן, אַז זי איז שוין „אַ דערוואַקסענע“. עס איז עפּעס איבער איר געקומען. זי האָט זיך פּלוצלונג געגעבן אַ נורע צו צום פאָטער, אַריינגעשטעקט איר קעפּל אין זיין בויך אַריין, און האָט געזאָגט:

— האָב נישט קיין זאָרג. וואָס האָסטו זאָרג? מיר'ן זיך שוין אַן עצה געבן... איכ'ל נעמען אין שפּייז-געוועלבל, ער וועט באָרגן... זאָרג נישט פּאַפּאַ, עס וועט זיין אָל-רייט.

אהרנען האָט פאַרדראָסן די רייד, האָט ער געמורמלט:

— עס איז „אָל-רייט“, — און ער האָט פלינק פאַרלאָזט דאָס הויז.

איבער „דאַן טאַן“ ניו-יאָרק איז אויפגעגאַנגען די זון.

ווי אַ פרעמדער, וואָס קומט צום ערשטן מאָל אין אַ לאַנד אַריין, האָט זי געבלאָנדזשעט איבער דער ווייטקייט און ברייטקייט פון הימל, און האָט פאַרויס פאַר זיך אויסגעגאָסן וועלן מיט ליכט, וועלכע האָבן פאַרפלייצט פעלדער הימל. נאָך האָט גע־רוט אין טיפן שלומער די שטילקייט פון דער נאַכט איבער די איינזאַמע הויכע שפיצן און דעכער פון די הימל־קראַצערס. עס איז געווען, ווי זיי וואָלטן זיך געוועקט פון שלאָף — און די טויזנטער, טויזנטער שויבן־ווענט האָבן אָנגעהויבן אַנטקעגן צו פינקלען דעם מאָרגן־ליכט. דאָס מאָרגן־ליכט האָט געוועקט, און אויך דער אייזערנער ריז, דער ווילליאַמסבורגער בריק, וואָס ליגט איבערן טייך, האָט זיך געוועקט פון שלאָף, אויסגעצויגן הענט און פיס און דאָס ערשטע שטיקל אַרבעט אָפגעטאָן — אַריבערגעפירט דעם פאַרשלאָפענעם טראַמוויי־וואָגן מיט אהרן מעלניק און אַ שנאָרכנדיקן קאָנדוקטאָר... איבער די גאַסן פון „דאַן טאַן" האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן די ערשטע — איינזאַמע זענען זיי נאָך געווען — מענטשן, וואָס לעבן אין דער נאַכט, מילך־וואָגנס און בעקער־וואָגנס, און צייטונגס־טרע־גער. דאָס גרויסע ניו־יאָרק וועקט זיך ערשט דאָס ערשטע רופן. פון ערגיץ־וואו קלינגט אַ קאַר, קלאַפּט אַן איינזאַמע דאַך־באַן איבער די קעפּ... איבער די גאַסן זענען נאָך פאַרשפּרייט די רעשטלעך פון נעכטיגן טאָג. טעפּ מיט אַש, האַלבע פאַרברענטע קאַסטנס, וואָס יינגלעך האָבן נעכטן אָנגעצונדן, אַלטע שטיקער מעבל אַרויסגעוואָרפן פון שטוב... אויף די ברעטלעך פאַר די פענצטער לופטערט זיך דאָס נעכטיגע עסן. און פאַרדאַרטע, אויסגעטריקנטע שטיקער וועש טאַנצן ווי פרימאָרגן־שדים אויף די פייער־לייטערס, אויף די שנירן... די נאַכט איז געוואָרן גע־כאַפּט פון טאָג, און ער אַנטפלעקט פאַר דער ליכטיקייט אַלע פאַרבאָרגענישן און סודות פון איר.

מיט אַ שולדיג־באַוואוסטיג שמייכעלע איז אהרן אַרויף אויף די פינצטערע טרעפּ. שטיקנדע ריחות פון נעכטיגן עסן, פון שלאָפנדע מענטשן, פון נישט־געלופטערט בעט־געוואַנד האָבן זיך געהערט פון אַלע טירן... אינאייינעם מיט די ריחות האָבן

זיך פאַרנומען קינדישע שטימען, וואָס וויינען פון די וויגן אַרויס; פון אַ טייל טירן האָט זיך געהערט אַ שילטן צווישן מאַן און ווייב, און איבער זיי אַלעמען, אויפן לעצטן שטאָק, האָט אהרן געהערט פון דער טיר אַרויס דעם ברודערס באַקאַנטן גמרא-ניגון, ווי ער לערנט משניות.

דעם ברודער האָט ער געטראָפן אין טלית און תפילין, געזעסן ביים טיש, אין אַ ריין ווינקל אין קיך, און הויך געלערנט. זיין גמרא-ניגון האָט נישט אויפגעוועקט טשאַרלינען, זיין זון, וועלכער איז געלעגן אין אַן אויפגעלייגט בעטל, אין אַ צווייט ווינקל. בערל האָט דערזען זיין ברודער, האָט ער איבערגעהאַקט דעם גמרא-ניגון און אויסגערופן מיט פרייד:

— הער, זע נאַר, ווער עס איז דאָ, אהרן, וואָס עפּעס אַזוי פרי?

— איך בין אַרויפגעקומען דיך הערן לערנען. איך ווייס, אַז דו לערנסט אין דערפרי, איידער דו גייסט אַרבעטן.

דער ברודער האָט זיך אַרומגעקוקט, אויב קיינער הערט זיי נישט, האָט ער זיך אָפּגערופן אין דער שטיל:

— וואָס האָסטו דיר געמאַכט אַ ברוגז? מיט וועמען? מיט דיין אייגן ווייב און קינד? וועלכער ייד טוט דאָס? נעכטן איז דאָ געווען דיין מיידל, מאַשאַ, דיך זוכן. עס איז דאָך אַ רחמנות, וואָס טוסטו?

— איך בעט דיך, רעד נישט מיט מיר וועגן דעם — האָט זיך אהרן אָפּגערופן שטרענג, אַז נישט, האָסטו מיך שוין מער נישט. איך בין אַרויפגעקומען צו דיר, געפינט זיך דאָרט, ביי דיר אין „שאַפּ", אפשר אַ פּלאַץ פאַר מיר?

— וואָס, ביי העמדער, צווישן שיקסעס? וויפל וועסטו פאַרדינען? און וואָס איז די מעשה מיטן אַנקל מאָזעס? מען האָט דאָך מיר געזאָגט, אַז דו לערנסט זיך ווערן אַ צושניידער — און ער האָט דיר צוגעזאָגט.

— זאָל ער ברענען, זיין שוועל וויל איך נישט איבערטרעטן מער — איך בין אים מוחל די גליקן. אויס משפחה,

אַרבעטן ביי משפחה איז ערגער ווי דאָס גיהנום. שוין גענוג, איך וויל פרואוון ביי אַ פרעמדן.

— אָבער ביי העמדער, צווישן אַלטע יידן און שיקסעס, להבדיל, דו, אַ טאַטע פון פיר קינדער—וויפל וועסטו פאַרדינען?

— וואָס עס זאָל נישט זיין — אַבי עפּעס נייעס. — אַבי עפּעס אַנדערש.

— מיר'ן זען, מיר'ן פאָרן צוזאַמען — האָט דער ברודער אָפּגעענטפערט.

גנענדל איז אַרויס פון דער צווייטער שטוב, און כאָטש גנענדל איז שוין געווען אַ באָבע פון אַ גאַליציאַנער אייניקל — און גנענדל איז שוין צוועלף יאָר אין אַמעריקע און האָט פינף קינדער ביי זיך אין „פענסיאָן", וואָס מיט אַנגסטן רייסט זי פון זיי אַרויס די צאָלונגען, דאָך טראָגט נאָך גנענדל דאָסזעלבע עלטע־גאַנטע שייטל מיט דריי געקרייזטע לאָקן אויף דעם גלאַנצנ־דיגן שטערן, אַזוי ווי זי איז געוואוינט געווען אין דערהיים, אין פוילן, ביי אַ פאַראַדנע שול־גאַנג אין שבת און יום־טוב. אַזוי ווי אַמעריקע האָט געהאַט אַ פאַרניכטנדן עפעקט אויף איר מאַן בערל, געמאַכט אויס אים אין אַ גאַנץ קורצע צייט אַן אַלטן יידן, מיט אַן איינגעהויקערטן רוקן, אַזוי האָט אַמעריקע געווירקט אויף גנענדלען, זיין ווייב, גאָר פאַרקערט. גנענדל איז אין אַמעריקע יינגער געוואָרן. זי איז דאָ געוואָרן „ליבעראַל". אַנשטאָט דעם „צאינה וראינה", וואָס איז געווען איר גייסטיגע שפּייז פון דערהיים — האָט זי דאָ געלעזן יידישע צייטונגען מיט אַלצדינג זיך אינטערעסירט. די קינדער האָבן זי אָפט מיט־גענומען אין יידישן טעאַטער, פון וועלכן זי האָט גרויס הנאה געהאַט, און ליב געהאַט זיך צו פוצן אין די טעכטערס אויס־געטראָטענע קאָמאַשן אָדער איבערגעמאַכטע קליידלעך, אַזוי, אַז גנענדל האָט אין אַ געוויסער מאָס אָנגעהאַלטן די „מאָדע", נאָר אַביסל פאַרשפּעטיגט... דעם מאַנס לערנען און פרומקייט, וואָס איז געווען איר שטאָלץ און איר גליק אין דערהיים, — האָט דאָ ביי איר ווייניג ווערט געהאַט, און ווייל די מאַשין האָט אויס בערלען אַזוי פרי געמאַכט אַן אַלטן, איינגעהויקערטן מאַן,

האָט ער פאַרלוירן יעדן חן און אָנזען אין אירע אויגן. ער האָט געהאַט ביי איר אַ שווער לעבן אויף דער עלטער.

— נו, פּאַק איין דיין פּעקל און מאַך פּלאַץ, די קינדער דאַרפן פרישטיק עסן (גנענדל האָט זייער ליב געהאט צו באַנוצן אין איר שפּראַך די נייע ווערטער פון די קינדער).

— שוין, שוין, עס איז שוין טאָג געוואָרן, די חברה הייבט זיך אויף — האָט בערל געזאָגט צום ברודער מיט אַ שמייכל, וואָס איז געקומען פון זיינע קוואַלנדיגע אויגן — צוגעמאַכט זיינע ספרים און אַוועקגעטראָגן זיי אין אַ ווינקל אַריין. — דו ווייסט, אהרן, אין דערהיים האָב איך געלעבט ביי טאָג, מיט אַלע מענטשן צוגלייך, — דאָ אָבער אין אַמעריקע, לעב איך ביינאַכט, ביי טאָג וואָס בין איך? גאָרנישט, אַ וויסטער העמדער-נייער. איך זיץ צווישן איטאַליענישע שיקסעס און ניי. איך בין גאָרנישט ביי מיין ווייב, ביי מיינע קינדער. ביינאַכט אָבער, זעסטו, ווען אַלע שלאָפן — בין איך ווידער צוריק בערל, לערן איך מיר מיין בלאַט גמרא, מיין משניות. איך הער אויס, וואָס דער תנא זאָגט, ווי אינדערהיים. מיר דוכט זיך, אַז איך בין אין בית-המדרש און לערן. אַמעריקע איז אַ פאַרדרייטע וועלט. דאָ לעבט מען ביינאַכט, און מען איז טויט ביי טאָג...

4

דער ברודער בערל מיט זיינע קינדער

— טשאַרלי, טשאַרלי, הורי אַפּ! שטיי אויף, נו, ס'זענען דאָך שוין אַלע אַנגעטאָן — האָט די מוטער געוועקט דעם יונג, וואָס איז געשלאָפן אין דער קיך, אויפן אויפגעשטעלטן בעט.

— וואָס, ער שלאָפט נאָך דער לערן-בחור? ער מיינט, אַז ער איז אינדערהיים. ער וועט ווידער פאַרלירן דעם פּלאַץ, און מיר וועלן מוזן אַרבעטן פאַר אים — האָט זיך אָנגערופן דבורה, בערלס עלטסטע טאָכטער, אַ מיידל פון אַ יאָר עטלעכע און צוואַנציג, וועלכע איז אַריינגעקומען פון דער צווייטער

שטוב אָנגעטאָן אין הוט און זשאַקעט, גרייט אַרויסצוגיין. פון איר טונקל-ברוין געזיכט האָבן אַרויסגעקוקט אַ פּאָר פרישע אויגן, נור די דיקלעכע ליפּן און די בלויע אָדערן ביים האַלז, וועלכע זענען געווען זייער דין, האָבן געמאַכט איר אויסזען רחמנותדיג, אָן אויסזען, וואָס האָט דאָס פאַרעלטערטע מיידל זייער אויפגערעגט, און צייט איר יונגער שוועסטער, ראָכעלע, האָט חתונה געהאַט פריער פאַר איר, איז דאָס מיידל געוואָרן אומערטרעגלעך אין שטוב.

— שוין זיך אויפגעהויבן, וואָס ווילסטו פון אים? — האָט די מוטער זיך אַריינגעמישט.

נאָר טשאַרלי מיט אַ פאַרפעדערטער טשופּרינע און מיט אַ פאַרשלאָפן פּנים, האָט זיך אויפגעכאַפּט, ווי אַ פייער וואָלט אויסגעבראָכן, אַרומגעקוקט זיך פאַרוואונדערט. באַלד זיך געפּוּ-נען, אויסגעריבן די אויגן און גענומען זיך אָנטאָן לאַנגזאַם.

— מאַמאַ, דער פרישטיק נאָך נישט פאַרטיג? אויב אַזוי וועל איך עסן „ברעקפעכט" אין דרויסן. איך האָב נישט קיין צייט צו וואַרטן, אַז דער אויפזעער זאָל מיר אַראָפּרעכענען פון דער צאָלונג.

— אָבער, דבורה, אַט שוין, די קאַווע שטייט שוין אויפן טיש. דער טאַטע האָט זיך נאָר פאַרשפּעטיגט אַביסל מיטן דאַ-ווענען. דער פעטער איז געקומען, זעסט, אַט שוין, וואָס וויל-סטו? — איז די מוטער כלינק צוגעלאָפן צום קיכל.

— עס איז נישט מיינע „ביזנעס", יאָ פעטער אָדער נישט פעטער, אַז איך קום אַרויס, דאַרף מיין „ברעקפעסט" שטיין אויפן טיש. איך קען מיך נישט פאַרשפּעטיגן צוליב מיין פעטער.

— דבורהלע, — האָט זיך דער פאָטער אָנגערופן צונויפלייגנ-דיג די תפילין — דבורהלע!

דבורהלע, — וועלכע האָט נאָך גוט געדענקט דעם פאָטער פון דער היים, געדענקט נאָך די גוטע צייטן, ווען דער פאָטער איז געווען דער אָנגעזעענער חסיד אין שטעטל, און געפירט דאָס שיינע הויז; דורכגעמאַכט די ביטערע צייט, ווען דער פאָטער איז אָרעמער געוואָרן, און אָנגעקומען מיט דער פאַמיליע אין אַמעריקע שוין אַ דערוואַקסע-

נע, — האָט געפילט צום פאָטער אַ געוויסן רעספּעקט, מער ווי אַלע אַנדערע קינדער. דעם פאָטערס רופן „דבורהלע" האָט זי דערמאָנט אָן דער אַלטער היים, אין דער שטוב אין שטעטל, ווען פאָטער און מוטער האָבן זי גערופן מיט דעם זעלבן נאָמען. זי האָט זיך אָפּגעשטעלט, געוואָלט צוגיין העלפן דער מאַמען גרייטן דעם אָנבייסן צום טיש, ווי זי איז געוואוינט געווען, נאָר ווען זי האָט געקוקט אויפן יונג, וועלכער האָט זיך לאַנגזאַם אָנגעטאָן, נישט געאיילט, מיט אַ רואיקייט, האָט עס איר פאַרדראָסן.

— וועל, אַז ביי אונז גייט אַלץ מיטן קאָפּ אַראָפּ.

דבורה איז געווען די ערשטע פון די קינדער, וועלכע האָבן פאַרדינט געלט און אַהיים געבראַכט דער מאַמען. זי האָט פאַרדינט געלט פון ערשטן טאָג אָן, וואָס זי איז אַראָפּגעקומען קיין אַמעריקע — האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי איז די אמתע באַלעבאָסטע פון שטוב. זי האָט נישט פאַרגינען, וואָס אירע יונגער ברידער און שוועסטער האָבן נאָך פאַרכאַפּט די ענגלישע שול, איינער אַ יאָר, דער אַנדערער צוויי. זי האָט געמוזט גיין באַלד אַרבעטן, — האָט זיך איר אַלץ אויסגעדאַכט, אַז זי, די איינציגע, האָט געאַרבעט פאַר דער שטוב. כאָטש אירע ברידער און שוועסטער האָבן שוין לאַנג געאַרבעט און פאַרדינט געלט, נאָר אַממערסטן האָט זי נישט פאַרגינען דעם יונגערן ברודער טשאַרלי, וועלכער איז געקומען קיין אַמעריקע נאָך אַ קינד, און ער האָט פאַרכאַפּט מער ענגלישע שול, ווי די איבעריגע קינדער, און כאָטש היינט איז ער שוין דערוואַקסן, דאָך גייט ער נישט אַרבעטן שטענדיג, נאָר האַלט זיך אין איין לערנען אין די אָוונטן אין צוגרייטונגס-שול, און בייטאָג אַרבעט ער ביי וואָס עס מאַכט זיך, אַמאָל יאָ, אַמאָל נישט. די שוועסטער האָט אים נישט פאַרגינען, וואָס דער יונג וועט באַלד אַריינקומען אין אוניווערזיטעט, און אפשר וועט ער זיך דערשלאָגן צו ווערן אַן אַדוואָקאַט, צו וואָס ער שטרעבט. עס האָט זיך איר אַלץ אויסגעדאַכט, אַז דאָס האָט זי אויף אים אַזוי שווער געאַרבעט אין דער יוגנט, און דאָס צוליב אים זענען אירע

ליפן און העגט געוואָרן אַזוי גראָב און איר האַלדז דין און באַצויגן מיט בלאָע אָדערן... צוליב אים איז זי איבערגעבליבן אַן אַלט מיידל.

— גאַנץ קלאָר, מיין פרישטיק וועט נישט פאַרפאַלן ווערן. עס איז דאָ, ווער עס זאָל עם אויפעסן — האָט זי געוואָרפן אַ בליק אויפן יונג.

דער יונג האָט פאַרשוויגן דער שוועסטער. ער איז געווען צוגעוויינט צו אַזעלכע סצענעס פון זיין יוגנט אָן. ער האָט די שוועסטער פאַרשטאַנען און רחמנות געהאַט אויף איר. אַ שולדיגער, וואָס ער האָט זיך אויפגעצויגן אויף איר חשבון, האָט ער זיך אָנגעטאָן אין שווייגן.

— וועל, וואָס איז, ווידער די באַלעבאָסטע? האָט זיך געהערט קלאָרעס שטימע פון צווייטן שטוב. זי איז אַרויסגעקומען אויך שוין אָנגעטאָן אין הוט און מאַנטל. זי איז געווען מיט יאָרן יינגער פון דער שוועסטער, האָט פאַרכאַפּט אַ יאָר ענגלישע שול, און אַרבעט שוין ביי אַ בעסער פאַך, ביי פרויעןהוט אַלס אַ פאַרקויפערין, און די עלעגאַנץ, וועלכע איז נויטיג ביי איר פאַך, האָט מען אָנגעזען אָן אירע קליידער און איר באַוועגונג.

— מאַמאַ, זי איז דאָך נישט די גאַנצע באַלעבאָסטע דאָ אין שטוב, מיר גיבן דאָך אויך צושטייער צום באַלעבאָטישקייט.

די שוועסטער האָט אָבער שוין נישט געהערט קלאָרעס ווערטער. זי איז שוין געווען הינטער דער טיר.

— נעם שוין צונויף דיינע תּפילין, מיטן תהילים, מיטן טלית, נעם שוין צונויף, אַלץ איז איבער דיר. אַז עס קומט אין דער פרי, צעלייגט ער זיך אַזוי — אַז די קינדער האָבן נישט וואו צו עסן, האָט גנענדל אויסגעלאָזט איר ביטער האַרץ צום מאַן.

בערל האָט זיך געשעמט פאַרן ברודער, האָט ער געשמייכלט מיט זיינע קלאָרע קינדערשע אויגן.

— גנענדל, עס איז דאָך ווער דאָ אין שטוב, גנענדל!

גנענדל האָט זיך גאָרנישט אָנגערופֿן. שטיל געגרייט צום טיש. אין אַ מינוט איז דער געבעט-טיש געוואָרן פֿאַרוואַנדלט אין אַן עס-טיש. בערל האָט זיך געוואַשן און געשטופּט דעם ברודער צום עסן.

אהרן, וועלכער האָט זיך שרעקלעך געפֿילט ביים ברודער, האָט שוין לאַנג געוואָלט אַרויסלויפֿן פֿון שטוב, נאָר ער האָט גרויס רחמנות געקראָגן אויפֿן ברודער, און ער האָט אים זייער ליב געקראָגן, זעענדיג זיינע ליידן, האָט ער אָנגעטאָן אַ כּח איבער זיך, געוואַשן זיך (כאָטש ער האָט עס קיינמאָל נישט געטון) און אָװעקגעזעצט זיך ביים טיש מיטן ברודער עסן.

אַז דער יונג איז צוגעקומען צום טיש אָן הוט, אומגעדאַוונט און אומגעוואַשן, עסן, האָט בערל, וועלכער האָט דענסמאָל געהאַלטן פֿאַר דער המוציא און נישט געטאָרט מפסיק זיין, געברומט צום יונג: נו—נו—נו.

— וואָס נו, אָט שוין נו, — האָט גנענדל גענומען דעם זונס היטל און אָנגעטאָן אים אויפֿן קאָפּ — גיי, טשאַרלי, זאָג קריאת-שמע.

דער זיבעצן-יעריגער יונג האָט געטון, וואָס די מאַמע האָט אים געהייסן, גענומען דעם טאַטנס טלית ביי די ציצית, געמורמלט אַ פּאָר ווערטער, אַ קוש געגעבן און אָװעקגעזעצט זיך עסן.

— גנענדל! — האָט בערל געברומט בייז.

— וואָס איז? שוין, דו דאַווּנסט פֿאַר אים. דו דאַווּנסט פֿאַר אַלע. אין אַמעריקע האָט מען נישט קיין צייט צו דאַווענען.

אהרן האָט אָנגעקוקט די שווגערין און האָט זי נישט דערקענט. איז דאָס די פֿרומע יידענע, וועלכע פֿלעגט אין דער היים זיין די זאָגערין אין דער שול און לויפֿן יעדעס מאָל אין בית-המדרש אַריין מיט אַ לעפֿל, מיט אַ טעפּל אַ שאלה פֿרעגן? שטענדיג האָט זי געהאַט שאלות צו פֿרעגן. וואָס איז דאָס געוואָרן מיט איר דורך דער קורצער צייט, וואָס זי איז אין אַמעריקע!

נאָר גנענדל, ווי געזאָגט, איז אין אַמעריקע געוואָרן „לי-

בעראַל״. דאָס הויז ביים פעטער בערל איז געווען צעטיילט אין צוויי פּאַרטייען. איין פּאַרטיי איז געווען דער פאָטער מיט די עלטסטע צוויי טעכטער, דבורה, די פּאַרזעסענע, און אַ יינ־געדע, וואָס האָט חתונה געהאַט פאַר אַ גאַליציאַנער, וועלכע האָבן געדענקט דעם טאַטן פון דערהיים, ווען ער איז געווען רייך, און רעספּעקט געהאַט פאַר אים. די אַנדערע פּאַרטיי, די מאַמע מיט די יינגערע צוויי קינדער, טשאַרלי און קלאַראַ, וועלכע האָבן זיך האַלב דאָ ערצויגן. זיי האָבן די מוטער ליב געהאַט, און די מוטער האָט זיי ליב געהאַט. און די רייבונג פון די „פּאַרטייען״ האָט זיך געפילט ביי יעדן מאָלצייט.

בערל האָט אויך נישט פאַרשטאַנען, וואָס איז געוואָרן אין אַמעריקע מיט זיין ווייב, נאָר ער איז געוואָרן צוגעוואוינט דערצו. ער האָט אַזוי פיל זאַכן נישט פאַרשטאַנען דאָ אין אַמעריקע — און איז געוואָרן צוגעוואוינט, און גאָר נישט מער געפרעגט. דער ייד האָט געלעבט די צוועלף יאָר, וואָס ער איז אין אַמעריקע, איינזאַם, אַליין, אין מיטן קרייז פון זיין פאַמיליע. ער האָט מיט קיינעם קיין וואָרט נישט געהאַט אויס־צורעדן, נישט נאָר זענען זיינע קינדער דערווייטערט געוואָרן פאַר זיינע אויגן, נאָר זיין אייגן ווייב, מיט וועלכער ער האָט קינדער געהאַט און געלעבט אַדורך זיין לעבן, איז אים דאָ אין אַמעריקע פאַרפרעמדט געוואָרן. די איינזאַמקייט האָט דעם פרומען יידן אַריינגעטריבן אין רעליגיעזער התפעלות. ער האָט געזוכט זיין לעבן אין זיין רעליגיע. די וועלט האָט ער שוין נישט געהאַט — האָט ער געוואָלט, אַז די צווייטע וועלט, וואָס ער גרייט זיך אָן, זאָל זיין וואָס רייכער און הערלעכער... ער האָט נישט געגעסן פון דעמזעלבן ברויט, וואָס זיין משפחה. מוצאי שבת איז ער געגאַנגען צו אַ באַקאַנטן יידן, אין אַ יידיש געסל, וועלכער האַנדלט מיט כשרע פּוטער און קעז און וועלכן ער האָט געקענט אַלס אַן ערלעכן יידן. ער האָט געדאַוונט מיט אים אין איין שטיבל — און האָט זיך געקויפט אַ האַלב פונט פּוטער און אַ קעזל און פון דעם האָט ער געלעבט פון איין

וואָך צו דער אַנדערער... און פון דעם כּשרן עסן האָט ער איצט געגעסן.

אין אַ פערטל שעה אַרום איז שוין גנענדלס שטיבל גע-וועזן ליידיג און שטיל — אַלע זענען אַוועק צו דער אַרבעט.

אַז אהרן מיט בערלען זענען אַרויסגעקומען אויף דער גאַס אַרויס — האָט אהרן אָנגעקוקט זיין ברודער, און ערשט איצט האָט ער געזען, ווי דער ברודער האָט זיך פאַרעלטערט דורך דער קורצער צייט, וואָס ער איז אין אַמעריקע. ער איז שוין געווען אַן אַלטער מאַן מיט אַ גראָער באָרד און אַן איינ-געהויקערטן רוקן. און ווי לאַנג איז עס גאָר, ווי אָט דער אַל-טער מאַן איז געווען בערל חסיד פון קוזמין, מיט אַ שוואַר-צער באָרד און מיט בליענדע רויטע באַקן און מיט גלאַנצנדי-גע שוואַרצע אויגן? בערל חסיד, וועלכער פלעגט זיך קאָכן אין קהלשן טאָפּ, אַ ייד אַ ברען, אַ סוחר פון אַמאָל, געפאָרן נאָך גער צום רבין — אַ וואוילער לערנער — דאָס איז ער? אהרנען האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט צוויי ברידער, אַז יענער בערל חסיד איז איבערגעבליבן אין דערהיים, אינם קליינעם שטעטל, און דער דאָ, איז אַן איינגעהויקערטער אַלטער מאַשין-שטעפּער, אַ קלאָגעדיקער צעבראָכענער ייד...

בערל האָט באַמערקט, ווי אהרן קוקט אים אָן, און פאַר-שטאַנען וועגן וואָס ער קלערט.

— אָבער, בערל — שמייכלט אהרן — ווי קענסטו דאָס?

אהרן האָט געוואָלט עפּעס זאָגן און אָפּגעהאַקט אין מיטן.

— נאַר, עס איז שוין נענטער ווי ווייטער. איך האָב גאָר-נישט צו פאַרלאַנגען פון דער וועלט. איך בין שוין צופרידן.

אהרן האָט ערשט איצט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס דער ברו-דער — ביי דער גאַנצער פאַרשקלאַפונג — האָט נישט פאַרלאָרן דעם מוט און האָפנונג. ער האָט נישט געוואוסט ביז איצט, פאַר וואָס דער ברודער איז אַזוי רואיג און גליקלעך; פאַרוואָס זענען זיינע אויגן אַזוי קלאָר און ריין געבליבן. איצט האָט ער עס געזען. דער ברודער האָט אַ גלויבן אין יענער וועלט, און וואָס נענטער ער איז געקומען צו יענער וועלט, אַלץ גליקלעכער און

רואיגער איז ער געוואָרן. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַזוי ווי ער זעט דעם ברודער צופאָרן צו אַן אינזל, וואו עס וואַרטן פאַר אים אָנגעגרייט אוצרות, וואָס ער האָט אָנגעזאַמלט דורך דעם גאַנצן לעבן, און ער פאַרט אָפּנעמען זיין פּערמעגנס. וואָס נעענטער ער קומט צו צו דעם אינזל, אַלץ רואיגער און גליקלעכער ווערט ער. דער גלויבן אין דער צווייטער וועלט האָט דעם ברודער געגעבן כח איבערצוטראָגן אַזוי רואיג, מיט געדולד, די נויטן פון דער וועלט. און צום ערשטן מאָל האָט אהרן מקנא געווען דעם ברודער אויף זיין גלויבן. און ער האָט אָנגעהויבן צו זוכן אין זיין לעבן עפּעס אַזעלכעס, וואָס זאָל ענלעך זיין צום ברודערס גלויבן, און ער האָט גאָרנישט געפונען. זיין לעבן איז געווען פּוסט — און נאָר אָרעמקייט, וואָכעדיקייט און טרוקענע שקלאַפּישע אַרבעט פאַר דעם אָרעמען טאָג-טעגלעכן ברויט...

— קום, אהרן, מיט מיר.

— וואוהין?

— איך וועל דיך צוריקפירן צום אָנקל מאָזעס. איך וועל בעטן פאַר דיר, אַז ער זאָל דיך צוריקנעמען אויפן פּלאַץ, מן הסתם איז דאָך שוין אונזער מזל אַזוי... מיר מוזן אָפּריכטן גלות. געהייסן פון אויבן... אפשר אויף דער אַנדערער וועלט... ווער ווייסט? זאָג מיר, אהרן, דו דאַוונסט אַמאָל?

— איך האָב קיינמאָל נישט געקלערט וועגן דעם — האָט אהרן צו זיך אַליין געזאָגט.

— אויב אַזוי, צו וואָס טויג דאָס גאַנצע לעבן? צו וואָס לוינט עס זיך?

— „צו וואָס לוינט עס זיך" — האָט אהרן נאָכגעזאָגט דעם ברודערס ווערטער אין זיין געדאַנק, און טאַקע נישט געוואוסט, צו וואָס עס לוינט זיך — אַז קיין אַנדער לעבן, ווי אויף דער וועלט, האָט ער נישט געהאַט, און דאָס לעבן איז געווען אַן אָרעמס, אַ מיאוסעס — און אַ לאַנגווייליגס... און דאָך איז ער געגאַנגען נאָכן ברודער צום אָנקל מאָזעס, בעטן זיך, אַז מען זאָל אים לאָזן פאָרטזעצן דאָס לאַנגווייליגע לעבן...

5

אָנקל מאָזעס

פאַר אַ שטיק, שטיק צייט פריער, איידער אונזער געשיכטע הויבט זיך אָן, האָט זיך אַמאָל אין אַ קליין שטעטל אין פוילן פּלוצלונג באַוויזן אַ פרעמדער, אָנגעטאָן אַנדערש ווי אַלע איינוואוינער פון שטעטל, קורץ געקליידעט, דייטש, אין מאָדנע געקעסטלטע הויזן, געמאַכט אויס ווייבערשער סחורה, מיט אַ ברייט שטייף קאַפּעליושל און אַ ווייסן ווייט אויסגעשניטענעם קראַגן, אַ „פּאָטער-מערדער", ווי מען האָט עס דענסטמאָל גערופן. גרויסע גאָלדענע רינגען אויף די הענט און אַ גאָלדענע קייט אויף דער סאַמעט-געקעסטלטער וועסט; אַ מענטש אָן וואָנסעס, נאָר מיט אַ בערדל. דער פרעמדער האָט אַרויסגערופן אַזאַ שטוינען, אַז ווען ער וואָלט נישט געגאַנגען אין גאַס מיט אַ גוט-באַקאַנטן איינוואוינער, מיט יוספשי קאַשע-מאַכער, וואָלט מען זיך פאַר אים דערשראָקן. נאָר אַלטע איינוואוינער האָבן באַלד אין דעם פרעמדן דערקענט יוספשי קאַשע-מאַכערס עלטסטן זון, וועלכער איז אַוועק מיט יאָרן צוריק אין די ווייטע מקומות. יונגע מענטשן האָבן גאָרנישט געוואוסט, אַז יוסף קאַשע-מאַכער האָט אַן עלטסטן זון, און די, וועלכע האָבן יאָ געדענקט, האָבן געמיינט, אַז ער איז שוין לענגסט געשטאָרבן. זיין באַווייזן זיך פּלוצלונג אין די געסלעך פון שטעטל האָט ביי פילע אַרויסגערופן זכרונות פון דער יוגנט. זיי האָבן דערקענט אין דעם פרעמדן זייער יוגנט-פריינט, זייער חדר-חבר, און זענען צוגעגאַנגען צום פרעמדן און האָבן אים אָפּגעגעבן דעם ברייטן שלום-עליכם. באַלד איז דאָס גאַנצע שטעטל געוואויר געוואָרן פון דעם „אַמעריקאַנער", וואָס איז צוריק אַהיים געקומען פון די ווייטע מקומות. און אין אָוונט איז יוסף קאַשע-מאַכערס שטיבל באַלאַגערט געוואָרן פון קרובים, נאָענטע און ווייטע, פון שכנים און גלאַט איינוואוינער פונם שטעטל, וועלכע זענען געקומען נאָכפרעגן זיך נאָך זייערע, וואָס זיי האָבן אין אַמעריקע. האָט איינער געהאַט אַ זון אין אַפריקע, אין בראַ-

זיליע אָדער אפילו אין לאָנדאָן — איז מען געקומען זיך נאָכ־פרעגן אויף אים ביים אַמעריקאַנער. ווייל וואָס דאָס איז אַזעל־כעס אַמעריקע, האָט מען נאָך נישט גאַנץ גוט געוואוסט אין שטעטל, און אַלץ האָט געהייסן דענסטמאָל אַמעריקע — פון יענער זייט גרענעץ אָן, האָט זיך אויסגעוויזן, איז איין־איין גרויסע שטאָט, און די שטאָט הייסט אַמעריקע.

באַלד האָט דאָס שטעטל אָנגעהויבן צו קלינגען פון דעם „אַמעריקאַנערס" רייכטום. מען האָט דערציילט פון אַ שטעקן מיט אַ גאָלדענעם קאָפּ, וואָס ער האָט געבראַכט דעם פאָטער זיינעם, און פון מתנות, גאָלדענע זייגערס און קייטן, וואָס ער האָט געבראַכט די ברידער און דער גאַנצער משפחה. און האָט ער זיך נאָר שבת אין גאַס אַרויסגעוויזן, אין אַ נייעם געקעס־טלטן אָנצוג, אַן אויבער־ראָק מיט אַ זיידענעם אונטערשלאַק, — האָט דאָס אַרויסגערופן אַזאַ רושם, אַז דאָס גאַנצע שטעטל האָט זיך געטראָגן אין וואָלקנס פאַנטאַזיע פון דער לעגענדע פון „אַמעריקאַנערס" רייכטום. יוספשי קאַשע־מאַכער, וועלכער איז געווען אין שטעטל נישט קיין זייער אָנגעזעענער בעל־הבית, אַ ייד, וואָס האָט אַ גאַנצע נאַכט געמאָלן קאַשע אין אַ קליין גע־וועלבל און שטענדיג אַרומגעגאַנגען בייטאָג אַ פאַרשלאָפענער, איז מיט אַמאָל געוואָרן אַזאַ אָנגעזעענער בעל־הבית, ווי ער וואָלט דאָס גרויסע געווינס געוואונען. און אַ גאַנצן שבת האָט מען געהאַלטן אין איין טראָגן קוגל און טשאָלענט פון שיינע אָרנטלעכע בעלי־בתּימס טישן צו יוסף קאַשע־מאַכערס שטוב, מכבד צו זיין דעם גרויסן גאַסט, דעם „אַמעריקאַנער".

גערעדט האָט מען, אַז דער אַמעריקאַנער איז אַרויפגע־קומען אין שטעטל אַריין גרויסע געשעפטן צו מאַכן, אַז באַלד נאָך שבת שטעלט ער זיך בויען אַ גרויסע קאַשע־מיל, און ער האָט שוין אָפּגעקויפט ביים שררה פון שטעטל די פעלדער הינ־טער דער שטאָט. יידן האָבן זיך געמאַכט חשבונות, אַז זיי וועלן גליקלעך ווערן דורך אים. און נאָך שבת זענען אַריינגע־קומען צו יוספשי קאַשע־מאַכער פאַרשידענע בעלי־בתּים, יידן מעקלער און יידן סוחרים, און האָבן אָנגעהויבן אָנצושלאָגן

פאַרשידענע געשעפטן. איינער — אָקסן, דער צווייטער — וואָל און אַ דריטער אַ הלוואה אויף גוטע פּראָצענטער. אַנדערע זענען ווייטער און טיפער געגאַנגען און אָנגעהויבן זיך איידל צו אינטערעסירן מיט הארץ־אָנגעלעגנהייטן. ווארום געהערט האָט מען, אַז דער אַמעריקאַנער איז נאָך אַ בחור. דער אַמעריקאַנער האָט אַלץ אויסגעהערט גאַנץ ערנסט, מיט אַלץ זיך אינטערעסירט, אויף אַלץ זיך נאָכגעפרעגט און די איינצלהייטן פון אַלעם געוואָלט וויסן, און האָט אַלעמען האָפנונגען געגעבן, און עס האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז אָט שוין־שוין גייט ער טאָן דאָס געשעפט. נאָר קיין געשעפטן אין שטעטל האָט ער נישט געמאַכט.

אַ פּאָר וואָכן האָט זיך דער אַמעריקאַנער אַרומגעדרייט אין שטעטל פּוסט־און־פּאַסט, געוואוינט אַלץ ביים פאָטער דעם קאַשע־מאַכער, קיין מילן האָט ער נישט אויפגעמויערט און קיינע געשעפטן האָט ער נישט געמאַכט, און קיין גראָשן האָט מען ביי אים נישט פאַרדינט — האָט ער זיין גאַנצן רייץ פאַרלאָרן. קיינער האָט זיך שוין מיט אים נישט אינטערעסירט, די אַמעריקאַנער געקעסטלטע הויזן האָבן קיין באַוואונדערונג מער נישט אַרויסגערופן, אפילו זיינע גאָלדענע רינגען מיט די גאָלדענע מתנות. יוסף קאַשע־מאַכער איז געוואָרן אויס מחותן. מען האָט ווייטער געהערט אַ גאַנצע נאַכט די שטיין־מילן אַרויסוויינען פון געוועלבל אַרויס און בייטאָג געזען אַ שלאָפּעדיקן פאַרמעלטן יידן. יעדער האָט געהאַט צו טאָן מיט זיינע אייגענע געשעפטן. אין „אַמעריקאַנער" האָט מען מער נישט געדענקט.

נאָר ווען קיינער האָט זיך שוין מער נישט אינטערעסירט מיט דעם „אַמעריקאַנער", האָט זיך דער אַמעריקאַנער אָנגעהויבן צו פאַראינטערעסירן מיט די איינוואוינער פון שטעטל. אויסגעפרעגט יעדן באַקאַנטן, פון וואָס ער לעבט, וויפל ער פאַרדינט אַ וואָך, און וויפל ער באַדאַרף אַ וואָך. אַריינגעקומען אין פרעמדע שטובן און געזען, ווי מען וואוינט און ווי מען לעבט, וואָס מען עסט און אויף וואָס מען שלאָפט, און אַז מען האָט אים געפרעגט, צו וואָס באַדאַרף ער דאָס וויסן, אויב ער וויל געבן פרנסה, האָט ער געשמייכלט:

— אַ מענטש דאַרף אַלצדינג וויסן. עס איז גוט צו וויסן.

אין אַ געוויסער צייט אַרום איז דער אַמעריקאַנער פאַר־שוואונדן פון שטעטל, מיטגענומען אַ ייִנגערן ברודער מיט זיך, איבערגעלאָזט דעם פאָטער, זאָגט מען, אַ פּאָר הונדערט רובל דאָס מילעכל צו פאַרגרעסערן. און אַזוי ווי ער איז געקומען פון דער „אַמעריקע", אַזוי איז ער פאַרשוואונדן. צוערשט האָט מען עס אפילו נישט באַמערקט. נאָר דערנאָך, אַז מען איז געוואויר געוואָרן, אַז דער „אַמעריקאַנער" איז אַוועק, האָט מען גערעדט אין שטעטל, אַז עס האָט גאָר אַנדערש נישט געקאָנט זיין. ווייל דאָס אַמעריקא איז אַ כּשוף, וואָס לאָזט נישט רוען. און דער וואָס האָט נאָר די שוועל איבער אַמעריקע איבערגעטראָטן, וועט שוין נישט קאָנען איינזיצן אויף אַנדער ערד, מעג עס זיין אייגענע געבוירענע, ווייל עס ציט אים צוריק — אַזוי ווי דעם גנב צו דער תּליה...

נאָך דעם „אַמעריקאַנער" האָט זיך דאָס שטעטל אָנגע־הויבן צו לאָזן קיין אַמעריקע. קיינער האָט אין אָנפאַנג נישט באַמערקט, ווי דאָס שטעטל ווערט ביסלעכווייז, ביסלעכווייז שיטערער און שיטערער. די אַלטע גייען אויפן בית־עולם און די יונגע ווערן פאַרשוואונדן קיין „אַמעריקע"... צוערשט האָט דער אַמעריקאַנער אַריבערגענומען זיינע אייגענע: די ברידער, דערנאָך די משפּחה, די ברידערס קינדער, די פעטערס, די איידעמס און די זין פון די פעטערס. דערנאָך האָבן זיך אָנגעהויבן צו ווענדן צו אים קינדער פון מחותּן, באַקאַנטע, און גלאַט אַזוי „לאַנדסלייט" נאָך שיפס־קאַרטן. עס האָבן זיך אָנגעהויבן צו יחסנען צום „אַמעריקאַנער" גלאַט פרעמדע יידן, אַבי נאָר אויסצוגעפינען אַ שטיקל מחותּנעשאַפט און דערוויזן עס אין בריוו און געבעטן אַ שיפס־קאַרטע. דער אַמעריקאַנער זאָגט נישט אָפּ. און דאָס שטעטל ווערט איינציגווייז אויסגע־רונען. די „שטעט" אין דער קאַלטער שול ווערן שיטערער, גאַנצע משפּחות ווערן פאַרשוואונדן. שבת נאָכן דאַווענען, ביים דיינס חומש־לערנען, ווערט דער עולם וואָס אַמאָל ווינציגער, אין שטעטל זעט מען מער ווייבער ווי מענער, מער עלטערן

ווי קינדער, מער קליינע און אַלטע, ווי דערוואַקסענע, אַלע זענען זיי נאָך נאָכן „אַמעריקאַנער". אַפילו דער אַלטער קאַשע־מאַכער האָט אויף דער עלטער פאַרשלאָסן זיין בודקעלע — און דאָס וויינען פון די מיל־שטיינער האָט אויפגעהערט ביינאַכט אין אַלטן מאַרק — און איז אַראָפּגעפּאָרן נאָך דער „אַמעריקע", צו זען זיך מיט זיינע קינדער, איידער ער שטאַרבט. אַזוי פאָרן זיי נאָך דעם „אַמעריקאַנער", ווי ער וואָלט זיי מיט אַ כשוף אַהין געצויגן, ביזן היינטיגן טאָג...

אין „אַמעריקע" האָבן זיך די איינוואוינער פון שטעטל צוריק געפונען. אויף דער „בויערי"־גאַס איז געשטאַנען אַ דריי־שטאָקיג הויז, פאַרשטויבט און שמוציג, וואָס די דאַך־באַנען האָבן אָנגע־טראָגן דערויף דעם שטויב פון די גאַסן. און אין די אוי־בערשטע שטאָקן איז געזעסן דאָס גאַנצע שטעטל קוזמין... און האָט גענייט מלבושים ביים אַמעריקאַנער. און ווער איז אויף דער „בויערי" נישט געזעסן? די למדנים פון שטעטל, די יחסנים, צוזאַמען מיט בעלי־מלאכות און גלאַט גראָבע יונגען פון דער היים — אַלע זענען זיי געזעסן אויפן הויכן שטאָק, און האָבן גענייט און גענייט. און די, וועלכע זענען דאָרט אַריינגעפאַלן — זענען געבליבן אויפן לעבן לאַנג. זיי האָבן מער נישט געוואוסט, ווי נאָר איין וועג: אין דער פרי צו דעם „שאָפּ", אין אָוונט פון דעם „שאָפּ" — אַהיים. און ביים אַריינגאַנג פון הויז אויף דער „בויערי" איז געשטאַנען אַ קליין פאַרשטויבט שילדל, וועלכעס האָט געטראָגן דעם אַמעריקאַנערס נאָמען: „מאָזעס מעלניק".

6

דער „אַמעריקאַנער" אין אַמעריקע

אין געוועלב פון קליידער איז געשטאַנען דער „אַמערי־קאַנער", דער אָנקל מאָזעס, אָן אַ ראָק, און האָט מיט אַ גרוי־סער שניידערשער שער זיך אָפּגעשאָרן די נעגל פון די פינ־גער. איבער דער גאַנצער לענג פון געוועלב זענען געשטאַנען לאַנגע, ברייטע טישן, אויף וועלכע ס'איז געווען אָנגעלייגט ביז

אין האַלבן באַלקן אריין קופּעס מיט קליידער: רעק, מאַרינאַר-קעס, הויזן און וועסטן.

ביי די טישן האָבן זיך אַרומגעדרייט שטאַרקע יונגען, ברייטביייניגע, מיט שטייפע אַרויסגעשטעלטע ברוסטן, און האָבן געשוויגן פון אימה פאַרן „אָנקל". נאָר פון צייט צו צייט האָט איינער געוואונקען דעם צווייטן מיט די אויגן. עס איז נאָך געווען זייער פרי אין מאָרגן, און די שניידער אַרבעטער זענען ערשט אַריינגעקומען צו דער אַרבעט.

— קוזמין קריכט — זע, זע, ווי קוזמין קריכט — האָט דער אָנקל מאָזעס געוויזן מיט דער גרויסער שער אויף די אַריינגעקומענע יידן, אַ טייל מיט בערד, אַ טייל אָן בערד, אַ טייל אַלטע, שוין איינגעהויקערטע, אַ טייל יונגע, מיטל-יאָריגע, וועלכע זענען מיט אַ געוויסער פוילקייט אַריינגעקומען אין געוועלב אַריין און אַרויפגעלאָזט זיך אויף די טרעפּ אויף די אויבערשטע שטאָקן, וואו עס זענען געווען די ווערק-שטעלן.

— זע, זע, ווי קוזמין קריכט — העי, דו, גרינער נאָטע! ווי האָט מען אים גערופן אין דערהיים? נאָטע פּוטערמילך — האָט ער אָפּגעשטעלט איינעם פון די אַרבעטער, אַ מיטל-יאָריגן ייד, וועמעס אויגן עס זענען נאָך געווען האַלב פאַרוועבט אין שלאָף און די פאות נאָך נאַס פון וואַשן, און געגאַנגען איז ער פוילנדיג זיך.

— וואָס קריכסטו? — וואָס מיינסטו, דאָ איז קוזמין? אין קוזמין איז מען געקראָכן, אין אַמעריקע לויפט מען פלינק— העי, פאַרשטאַנען? — הויב די פיס, דו אוגערקע גרינע!

די יידן ביי די טישן מיט די קליידער האָבן אויפגעלאַכט, ווי געוואָלט צופרידנשטעלן דעם אָנקל — אָבער צו לאַכן האָבן זיי נישט געוואַגט. דער „אָנקל" האָט אויפגעהויבן זיינע אויגן, די שיטערע געלע ברעמען זענען פאַרטרונקען געוואָרן אין דעם פעטס פון זיין פנים, און אַז די יונגען האָבן געזען דעם אָנקלס „באָקעטע" אויגן, וואָס זיצן אין זיין ברייט-פעט פנים, זענען זיי פאַרשטומט געוואָרן.

— קום נאָר אַהער, יונגערמאַן — האָט דער אָנקל גע-

וואָונקען צו אַ יונג, אויף וועלכן זיין רונדיג געשאָרן בערדל האָט עדות געזאָגט, אַז ער איז אַ פרומער, און וועלכער איז אָריינגעקומען שפּעטער פון אַלע. ערשטנס, ווייל ער איז געווען דעם אָנקלס אַ קוזין, האָט ער זיך דאָס ערלויבט, און צווייטנס, ווייל ער איז נישט לאַנג געווען נאָך דער חתונה, און אויף זיינע ווייכע בעקלאַך, וועלכע זענען געווען אויסגעקנעטן פון שלאָף, האָט זיך נאָך געפילט דער טעם פון קושן, וואָס דער יונגערמאַן האָט געגאָסן ביינאַכט...

— יונגערמאַן, מען לייגט עס אָפּ אויף שבת, וועט עס זיין פאַר דיין געלט — נישט אין מיטן דער וואָך. אין מיטן דער וואָך איז עס פאַר מיין געלט — פאַרשטאַנען?

דער יונגערמאַן, וועלכער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ מורנו מער ווי אַלע אַרבעטער, ווייל ער איז געווען דעם אָנקלס אַ קוזין, האָט אָנגעקוקט דעם אָנקל און נישט פאַרשטאַנען, וואָס ער מיינט. ער האָט זיך דערלויבט צו פרעגן:

— וואָס מיינט דער אָנקל?

— ווייסט שוין וואָס איך מיין —

און אַלע פּלאַצן אַרויס מיט אַ געלעכטער.

אַ רויטער שטראָם בלוט האָט באַגאָסן דעם יונגנמאַנס פּנים, ער האָט נישט געוואוסט וואו די אויגן אהינצוטאָן. ווען די יונגען ביי די טישן האָבן אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ געלעכטער, האָט דער אָנקל זיי איינגעשטילט מיט אַ בליק פון די אויגן, אויפגעהויבן די שיטערע ברעמען.

— הערים, כאַפּ אים אויפן פידל — האָט אַ יונג גע-געבן אַ געשריי אַריין פון דרויסן, און אַריינגעוואָרפן אין גע-וועלב אַריין אַ הויכן איטאַליענער מיט זיין ווייב.

— האָב נישט קיין מורא. איך וועל דיר פאַרקויפן דעם בעסטן קאַפּטן!

און איידער דער גוי האָט זיך נאָך צייט געהאַט אַרומ-צוקוקן, האָבן אים שוין צוויי יונגען געכאַפּט און געגעבן אַ צי אַראָפּ פון אים די הויזן, אַרויפגעצויגן אַ פאָר אַנדערע, קורצע, די נאָט האָט געפּלאַצט הינטער אים, אַרויפגעשלעפּט

אויף אים אַ צו קורצן רעקל, פון וועלכן דער גוי האָט אַרויס־געשטעקט אַ פּאָר לאַנגע הענט, וואָס־ער האָט נישט געוואוסט, פון וואַנען זיי האָבן זיך אים גענומען — איינער האָט אים געצויגן דעם ראָק פון הינטן, אַ צווייטער פון פאָרנט, אויסגעשטעלט אים די ברוסטן, אַרויסגעקלאַפּט אים די פּלייצעס, און באַלד האָט שוין אַ דריטער צוגעטראָגן צו אים אַ שפּיגעלע און געשפּיגלט דעם גוי:

— זעט ער נישט אויס ווי אַ „דזשענטלמען?" סעם, קום נאָר אַהער, גיב נאָר אַ קוק אויף אים — האָט דער יונג, וואָס האָט דעם איטאַליענער אָנגעמאָסטן דעם אַנצוג, צוגערופן אַן אַנדערן: — קוקט ער נישט אויס, ווי אַ מיליאָנער?

— געוויס, אַזאַ יאָר אויף זיין מאַמען, — האָט סעם אי־בערגעגלעט מיט זיין גרויסער האַנט דעם גויס אַנצוג אויף זיי־נע פּלייצעס. ער איז „אָלל־רייט."

אין געוועלב האָט זיך באַוויזן אַ מיידל. אירע צוויי שוואַרצע צעפּ זענען געווען ערשט געצוואָגענע און פּאַרקעמטע און אַראָפּגעלאָזט זיך מיט רויטע בענדלעך, פאַרקניפּט איבער אירע פּלייצעס. דאָס ברוינע זשאַקעטל, וואָס זי האָט געטראָגן, כאָטש אויסגעריבן און אויסגעוואָקסן, דאָך איז עס געווען ריין. מען האָט געשפּירט דערפון אַ שטאַרקן גערוך פון עסיג, מיט וועלכן דאָס מיידל האָט די פלעקן אַרויסגענומען. פון אונטער איר זשאַקעטל, איבערן קליידל, האָט זי געטראָגן אַ ווייס שירצל, ווי זי וואָלט געגאַנגען אין שול צום עקזאַמען.

— איך וויל זען דעם אָנקל מאָזעס. קען איך זען דעם אָנקל מאָזעס? — האָט דאָס מיידל געפרעגט דעם ערשטן אָנגע־טראָפענעם מענטשן אויף דער שוועל פון דער טיר.

דער מאַן האָט זי אָנגעקוקט.

— אָנקל מאָזעס איז נישטאָ. וואָס ווילסטו פון אָנקל מאָזעס?

— איך ווייס שוין וואָס איך וויל — איז דאָס מיידל ווייטער געגאַנגען און געפרעגט אַן אַנדערן יונג... איך וויל זען דעם אָנקל מאָזעס.

דער אָנקל מאָזעס, וועלכער איז נאָך אַלץ געשטאַנען מיט

דער גרויסער שניידער-שער אין דער האַנט (פון דעם האָט ער זיך נישט געקענט אָפּגעוואוינען זיין גאַנץ לעבן) אין פּראָנט פון זיין געשעפט, ביי דער טיר פון זיין ביוראָ-צימער און ביים אַרויסגאַנג פון די טרעפּן, וועלכע האָבן געפירט צו די אויבער-שטע שטאָקן פון די געווערק-שטעלן, האָט דערהערט ווי דאָס מיידל פרעגט זיך אויף אים. האָט ער געפרעגט פון דערווייטנס נישט אויפהויבנדיק די אויגן:

— וואָס איז?

אין דעם טאָן האָט דאָס מיידל דערקענט, אַז דאָס איז דער אָנקל מאָזעס, איז זי פלינק צוגעגאַנגען צו אים און גע-זאָגט אין אַ בעטנדן קינדישן טאָן:

— איך בעט דיך, אָנקל מאָזעס, זיי גוט צו מיין פאָטער. דו קענסט אים העלפן. העלף אים.

— וועמעס איז דאָס? — האָט דער אָנקל געפרעגט די מענטשן זיינע.

די יונגען האָבן געצויגן מיט די אַקסלען, ווי זיי וואָלטן געוועזן באַנוצט באַוועגונגען אָנשטאָט ווערטער.

— ווי הייסטו? וועמעס ביסטו?

— מיין נאָמען איז מאַשאַ. איך בין אהרן מעלניקס טאָכטער. דו ביסט זיין אָנקל. איך ווייס, דו ביסט אָנקל מאָזעס— דער פּאַ האָט דאָס געזאָגט.

— דו ביסט דעמס, אַ. איך ווייס שוין. איך ווייס שוין— וואָס ווילסטו?

— איך וויל, אַז דו זאָלסט אים אויסבאָרגן הונדערט דאָלאַר. פאָטער וויל גיין אין ביזנעס. ער האָט נישט קיין געלט. דו האָסט יאָ. איך בעט דיך, באָרג אים הונדערט דאָלאַר, אָנקל.

דער אָנקל מאָזעס האָט אויפגעהויבן זיינע אויגן. ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגן דעם מיידל, נאָר אז ער האָט דערזען די נאָסע צוויי שוואַרצע צעפּ און דאָס ווייסע שירצל, איז זי אים געוואָרן געפעלן. ער האָט צוריק אַראָפּגעלאָזט די אויגן און געזאָגט:

— גיי אַהיים, קינד, גיי אַהיים צו מאַמאַ. איך וועל זען, וואָס איך קען טאָן.

— וועסטו באָרגן פאַ הונדערט דאָלאַר, אַז ער זאָל גיין אין ביזנעס, אָנקל? יעס?

— אָלל-רייט, גיי אַהיים. איך וועל שוין זען, וואָס איך קען טאָן.

דאָס מיידל איז נאָך געשטאַנען פאַרן אָנקל, ווען אין דער טיר האָבן זיך באַוויזן איר פאָטער אהרן מיט דעם עלטסטן ברודער זיינעם, בערל. די יידן זענען אַריינגעגאַנגען מיט מורא, און געשלעפּט זיך מיט שרעק צום אָנקל.

— אָט איז פאַ — האָט מאַשאַ אויסגערופן, דערזעענדיג דעם פאָטער. — ווייסט פאַפּאַ, — אָנקל מאָזעס האָט געזאָגט, ער וועט דיר באָרגן געלט צו גיין אין ביזנעס.

— וואָס טוסטו דאָ? — אַהיים גיי. גיי אַהיים — האָט זיך אַהרן פאַרשעמט פאַר די מענטשן איבער דעם, וואָס זיין קינד איז אַריינגעקומען בעטן פאַר אים.

מאַשאַ האָט זיך אָפּגערוקט אין אַ ווינקל.

— וואָס איז? — האָט דער אָנקל צוגעשריען נאָך פון דערווייטנס, ווען ער האָט דערזען די יידן אַריינקומען, און דער „וואָס איז” האָט די יידן אָפּגעשטעלט.

סעם, אַ שטאַרקער יונג פון אַ יאָר עטלעכע און צוואַנציג, איז צוגעלאָפן צו די יידן, זיי אָפּגעשטעלט און עפּעס גערעדט מיט זיי.

סעם איז געווען דעם אָנקל מאָזעס ליבלינג. ער איז געווען זיין שוועסטערס קינד, וועלכן ער האָט אַראָפּגעבראַכט קיין אַמעריקע, און גענומען אים צו זיך אין געשעפט אַריין. סעם איז געווען דעם אָנקל זייער געטריי, און אָפּגעהיט דעם אָנקלס אינטערעסן. דער אָנקל האָט געוואוסט דערפון, און ער האָט געהאַט צו דעם יונג מער צוטרויען, ווי צו אַלע אַנדערע. ער האָט אים געמאַכט פאַר דעם געלט-נעמער. קיינער האָט נישט געטאָרט נעמען קיין געלט, ווען ער האָט עפּעס פאַר-קויפט, נאָר סעם. סעמען האָט דער אָנקל ליב געהאַט, וויל

ער איז געווען ענלעך צו אים, ווען דער אָנקל אַליין איז נאָך געווען אַ קצב-יונג אין דערהיים. סעם האָט געקאָנט ביים אָנקל אַלץ אויספירן. און אַלע לאַנדסלייט וואָס האָבן באַדאַרפט עפּעס צום אָנקל, האָבן זיך צום ערשטן געווענדט צו סעמען, אַז ער זאָל זיין זייער מליץ-יושר.

— סעם, בעט פאַר אים. וועסט טאָן אַ מצוה. סעם, טו אַ טובה אַהרנען. טו אַ טובה — האָט בערל געבעטן ביי סעמען פאַר זיין ברודער.

סעם איז צוגעגאַנגען צום אָנקל און געזאָגט:

— אָנקל, אַהרן מעלניק פון קוזמין איז צוריקגעקומען צו דער אַרבעט — אים צוריקנעמען?

— גאָרנישט צו טאָן, — האָט דער אָנקל זיך אָנגעהויבן באַשעפטיקן מיט דער שער, וואָס דאָס איז געווען אַ צייכן, אַז „אַלע טירן זענען צוגעשלאָסן", — זאָל ער גיין מיטן ברודער נאָך ברוקלין העמדער נייען מיט איטאַליענישע שיקסעס — איך באַדאַרף אים נישט מער. פאַר מיר איז ער שוין צו-אַלט.

סעם האָט געוויזן צום ברודער בערל מיט דער האַנט און פאַרצויגן די ליפּן. עס הייסט, אַז ער קען גאָר נישט מאַכן.

— אָנקל, האָט רחמנות אויפן... — האָט דער עלטערער ברודער בערל געוואָגט צו טרעטן אַ טריט נענטער פאַרן אָנקל. — ער האָט דאָך אַ ווייב מיט קינדער. דער אָנקל וועט זיך אַ גרויסע מצוה פאַרדינען. אַ גרויסע מצוה.

— איך טו נישט קיין מצוות. איך האָב שוין גענוג גע-טאָן מצוות, אַז מען זאָל מיך דערנאָך שילטן דערפאַר, זידלען דערפאַר. וואָס האָט ער געזאָגט אויף מיר? זאָג סעם, וואָס ער האָט אויף מיר געזאָגט, ווען ער איז אַראָפּגעלאָפן פון דער הויך?

— האָט דער אָנקל אַ זאָרג, וואָס ער האָט געזאָגט, ווער עס האָט געזאָגט? שנאָרערס! אַז ווען נישט דער אָנקל, וואָלטן זיי דאָך אַלע געווען געפוילט אין קוזמין. דער אָנקל האָט אים אַראָפּגענומען, אים מיט די בעבעכעס, געשיקט געלט, שיפס-קאַרטן,

און ער וואָגט דעם אָנקל אַקעגן צו רעדן. אָ, זיין גליק איז, וואָס איך בין נישט געווען אין געוועלב, איך וואָלט אים גע-וויזן דעם אָנקל אַקעגן צו רעדן — האָט זיך סעם פּלוצים צע-קאָכט פאַרן אָנקל.

— מילא, האָט ער געזאָגט. ער ווייסט דען, מישטיינס גע-זאָגט, וואָס ער רעדט? עס איז אים שלעכט, רעדט ער — גאָט איז דאָך אויך מוחל—ער האָט גערעדט נאַרישקייטן. זאָל אים דער אָנקל...

— נאַרישקייטן, — ביי מיר רעדט מען נישט קיין נאַ-רישקייטן; ביי מיר רעדט מען גאָרנישט. ביי מיר שווייגט מען. געהערט? מען שווייגט!—האָט דער אָנקל אויפגעהויבן די ברעמען — ווי האָט מען אים גערופן אין דערהיים, סעם?

— אהרן גאָרגל.

— גאָרגל האָט מען אים גערופן — האָט דער אָנקל זיך הויך פונאַנדערגעלאַכט. — גאָרגל, גאָרגל איז גוט — נאָר דאָ אין אַמעריקע גאָרגלט מען נישט, אין קוזמין גאָרגלט מען, נישט דאָ אין אַמעריקע.

אהרן איז געשטאַנען די גאַנצע צייט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, איינגעגראָבן דעם בליק אין דר'ערד. ער האָט געלאָזן פאַלן איבער זיין קאָפּ אַלע שפּאָטערייען, וואָס מען האָט גע-זאָגט איבער אים, און געשוויגן. ער האָט געוואָלט וואָס שנע-לער צוריק אַרויפקומען אין דער הויך אַרויף צו דער מאַשין, און ווידער זיין איינגעשפּאַנט אין דעם לעבן.

— זאָל דער אָנקל רחמנות האָבן, ווען נישט אויף אים, איז אויף זיין ווייב און קינדער. — וואָס זענען זיי שולדיג, אַז ער רעדט נאַרישקייטן? ער וועט שוין נישט רעדן, ער וועט עס שוין געדענקען אויפן גאַנצן לעבן...

— „גאָרנישט צו טאָן".

מאַשא איז געשטאַנען אין אַ ווינקל און צוגעזען און צו-געהערט, ווי מען שפּאָט און מען באַליידיגט איר פאָטער. אירע בעקלעך האָבן געברענט און אירע הענטלעך האָבן געציטערט. צוערשט איז עס איר געווען אַ וואונדער, וואָס דער „פּא" לאָזט

זיך אַזוי, וואָס דער „פּאַ" שווייגט. דערנאָך האָט עס איר אָנגעהויבן ווי צו טאָן. זי האָט געוואָלט וויינען, שרייען. זי האָט זיך איינגעהאַלטן. איינגערעדט זיך: זיי זענען גרויסע, ווייסן זיי וואָס צו טאָן. נאָר ווען זי האָט געהערט, ווי מען רופט איר פּאָטער „גאָרגל", איז זי אויפגעשפּרונגען פון איר ווינקל, וואו זי האָט זיך באַהאַלטן די גאַנצע צייט, זי איז צוגעגאַנגען צום פאָטער און אָנגעהאַלטן זיך ביי דער האַנט, און גרויסע טראָפּנס טרערן האָבן אַרויסגעשפּראָצט אויף די הערעלעך פון אירע אויגעלעך:

— קום, „פּאַ", אַהיים. זיי נישט דאָ, „פּאַ". זיי זענען שלעכטע מענטשן... זאָרג זיך נישט „פּאַ" — מיר וועלן שוין לעבן, מיר וועלן זיך שוין אַן עצה געבן... נעם נישט קיין געלט פון אים (זי ווייזט אָן אויפן אָנקל מאָזעס). — דו ביסט אַ שלעכטער מענטש — זאָגט זי צום אָנקל — אַ ברוטאַל, אַ חיה, אַ הונט — דאָס ביסטו.

— מאַשא, געדענק אין גאָט, וואָס טוסטו? דעם אָנקל בעט איבער, וואָס האָסטו געזאָגט?

— איך וויל נישט איבערבעטן דעם אָנקל. קום, פּאַ, אַהיים. קום, פּאַ. איך וויל נישט דו זאָלסט דאָ זיין.

— נעמט זי אַוועק. וואָרום... — האָט סעם געשריען צו אהרנען און צו בערלען, און אָפּגעשטופּט זי פון אָנקל.

דער אָנקל מאָזעס האָט אויפגעהויבן זיינע ברעמען. עס האָבן זיך אַרויסגעוויזן זיינע פייכטע בלאָליכע אויגן, ער האָט אַוועקגעלייגט די שער פון דער האַנט, פאַרלייגט די הענט זיך אויפן בויך און אָנגעקוקט דאָס מיידל, וואָס האָט געהאַלטן דעם פאָטער ביי דער האַנט און אים אַוועקגעשלעפּט. ער האָט איינגעביסן זיינע אָפּגעגאָלטע ליפּן און געזאָגט ווי צו זיך:

— דאָס קעלבל געפעלט מיר!

אַז סעם האָט דערהערט דעם אָנקלס שטימע, האָט ער אָפּגעלאָזט דאָס מיידל. אַ מינוט האָט דער אָנקל געקוקט אויף דעם מיידל, און מאַשא האָט אים אָנגעקוקט. דער אָנקל האָט זיך געמיט איר צו קוקן גלייך אין די אויגן אַריין. דער אָנקל איז ערנסט געוואָרן, פאַרביסן די ליפּן און געזאָגט צו מאַשאן:

— איך וואָלט געוואונטשן, אַז דו זאָלסט זיין מיין טאָכטער.

מאשא האָט אים געקוקט אין פנים אריין. אויף די הער־לעך פון אירע הייטלעך זענען ווידער טראָפּן טרערן געהאָנגען, און זי האָט אים אָפּגעענטפערט:

— איך האָב דיך פיינט!

דער אָנקל האָט געשמייכלט. זיינע גרויסע פליישיגע ליפּן האָבן זיך אויפגעעפנט און ער האָט געוויזן זיינע געזונטע וויי־סע ציין, אָנגענומען דאָס גאָלדענע קייטל פון זייגער און דער־מיט געבאָמבלט און אויסגערופן:

— סעם!

— יאָ, אָנקל — איז דער יונג צוגעלאָפן.

— ווי האָט מען אים גערופן אין דער היים? — האָט ער אָנגעוויזן אויף אהרנען.

— גאָרגל.

— נעם דעם גאָרגל אַרויף אין דער הויף און גיב אים אַרבעט. ועסט אים געבן פינף דאָלאַר מער אַ וואָך שכירות, פאַר דער טאָכטער — אָנווייזנדיג אויף מאשאן).

דער פעטער בערל, אהרן, סעם און אַלע מענטשן אין געוועלב האָבן אויפגעעפנט זייערע אויגן און מיילער און אָנגע־קוקט דעם אָנקל, אויב ער מיינט עס ערנסט.

— זעסט, זעסט, דאַנק דעם אָנקל, גיב אַ קוש אין האַנט, — האָט דער פעטער געשריגן אויף מאשאן.

מאשא האָט געקוקט אויפן פאטער. וואָס וועט „פאַ" טאָן. זי האָט געזען ווי „פאַ" איז מיט פרייד אַרויפגעשפּרונגען די טרעפּ צום ווערקשטעל, נאָך סעמען, און דער אָנקל האָט אים נאָכגעשריגן:

— גיי, גאָרגל, גיי.

פאַ האָט גאָרנישט אָפּגעענטפערט, נאָר צוגעשמייכלט.

דאָס מיידל איז פלינק אַרויסגעלאָפן פון געוועלב, און די טרערן האָבן זיך ווי ליכטיגע רונדיגע פּערל געקייקלט איבער אירע צעגליטע בעקלעך.

7

אַנקל מאָזעס לעבן

אין דער לעצטער צייט האָט אַנקל מאָזעס זייער פיל געקלערט וועגן זיך, וועגן זיין לעבן, זיין פאַרגאַנגנהייט און זיין צוקונפט. אַ זאַך, צו וועלכער ער איז גאָרנישט געוואוינט געווען. און אויך איצט, נאָך מאַשאַס אַוועקגיין, האָט אַנקל מאָזעס זיך פאַרקלערט. דאָס קינד מאַשאַ האָט אויף אים געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק.

קיין קינדהייט האָט אַנקל מאָזעס נישט געהאַט. אַנקל מאָזעס איז אויפגעצויגן געוואָרן ביים פאָטער, דעם קאַשע־מאַכער. דער פאָטער האָט געריבן קאַשע פאַר די פויערים, און זיינע קינדער אַליין האָבן געהונגערט. פון קליינערהייט אָן האָט ער געמוזט אַרבעטן און פאַרדינען פאַר זיך: שלעפּן פעקלעך פון מאַרק אַהיים נאָך אַ בעל־הביתטע, לויפן אין שעכט־הויז אַריין אַ הון שעכטן. און אין שעכט־הויז האָט ער זיך באַקאַנט מיט די קצבים־יונגען און שוין נישט אָפּגעטרעטן פון זיי. געהאָלפן בהמות בינדן, אמאָל פון אַ געשאָכטן שעפּטל דאָס פעלכל אַראָפּגעצויגן. אַזוי האָט ער זיך פאַרדינט זיין שטיקל ברויט, ביז ער איז אויסגעוואַקסן אַליין פאַר זיך. קיינעם האָט ער נישט געהאַט און האָט נישט באַלאַנגט צו קיינעם. אַז ער האָט באַדאַרפט זיך שטעלן צו סאָלדאַטן און מורא געהאַט, אַז מען זאָל אים נישט פאַרשיקן, איז ער אַנטלאָפן פון שטעטל, געגנבעט דעם גרענעץ, און מיט אַן אָקסן־שיף איז ער דאָס וואַסער דורכגעפאָרן, אָן געלט, נאָר פאַר אַרבעט, וואָס ער האָט געהאָלפן די אָקסן פיטערן אויפן וועג. מיט אונטערגעשלאָגענע זייטן, וואָס די מאַטראָסן האָבן אים געשלאָגן איבערן וועג, און מיט צוויי רובל רוסיש געלט, האָט ער דעם באָדן באַטרעטן — און היינט איז ער מאָזעס מעלניק, דער פאַבריקאַנט פון דער „בויערי״־גאַס, פרעזידענט פון דער חברה „אַנשי קוזמין״, באַשעפטיגט האַלב קוזמין ביי דער אַרבעט, די

שענסטע יידן פון זיין שטאָט זענען ביי אים פרעסערס, שטעפּערס, און זיי ציטערן פאַר אים און זיי חנפענען אים; אַ בעל־הבית פון הייזער, אין וועלכע די קוזמינער לאַנדסלייט וואוינען ביי זייער לעבן; אַ פּאָר בעטלעך טראָגן זיין נאָמען אין שפּיטאָל „ביקור חולים", אין וועלכן די קוזמינער יידן ליגן קראַנק, ווען זיי ווערן אַלט, און „מאָזעס מעלניק" פינקלט מיט גאָלדענע בוכשטאַבן איבער דעם טויער פון „שער רחמים", ביים אַריינגאַנג פון בית־עולם, אויף וועלכן די קוזמינער רוען נאָך זייער טויט.

אָבער וואָס האָט ער פון זיין לעבן? טיילמאָל דאַכט זיך אים, אַז אויך ער, ווי זיינע אַרבעטער, איז ווי דער פאָדים, וואָס איז איינגעפעדעמט אין דער נאָדל. די מאַשין לויפט און די נאָדל נייט, צי זי וויל יאָ, צי זי וויל נישט... אַלע אין אַמעריקע זענען איינגעפעדעמט אין דער נאָדל, און אויך ער. פון ערשטן טאָג אָן צייט ער האָט די ערשטע פלאַשן ביר אָפּגעטראָגן פון שענק, אין וועלכן ער האָט געפונען אַרבעט דעם ערשטן טאָג פון זיין קומען, ביזן הייגטיגן טאָג, שטעקט ער אין דער נאָדל, און ער האָט קיין איין מינוט צייט נישט געהאַט זיך אָפּצושטעלן און איבערצוקלערן. די ענערגיע האָט אים געטריבן ווי אַ משוגענע מאַשין, און האָט אים אויף איין מינוט נישט אָפּגעלאָזט. גאַנצע נעכט איז ער געלעגן אויף זיין געלעגער און אויסגעאַרבעט פּלענער, געבויט זיך זיין קאַריערע.

פאַרשידן זענען געווען די געלעגערס, אויף וועלכע ער איז געלעגן אין זיין לעבן. אויף שמוציגע מאַטראַצן אין פינסטערע קעלערס; אויף בעסערע בעטן אין ליכטיגע שטובן — ער האָט אין אַלע בעטן פאַרבראַכט די נעכט נאָר מיט געדאַנקען וועגן ביזנעס־פּלענער: צוערשט ווי צו עפענען אַ רעסטאַראַן אין אַ ווינקל גאַס. דעם רעסטאַראַן האָט ער אָנגעהאַלטן אַ פּאָר יאָר, די ערשטע צייט פון זיין קומען, בעפאָר ער האָט חתונה געהאַט. דערנאָך האָט ער איבערגעטוישט דעם רעסטאָראַן אויף אַ געוועלב פון אויסבראַקירטע מענער־מלבושים, וואָס ער האָט אָפּגעקויפט פון גרויסע פאַבריקן און געשיקט אויף דרום

צו פאַרקויפן. פון דעם געוועלב איז אויסגעוואַקסן אַ שניידער־פאַבריק פון מענער־קליידער. שטענדיג איז דער קאָפּ געווען פאַרנומען מיט פּלענער וועגן דער צוקונפט. דערנאָך זענען אויסגעוואַקסן די פּלענער פון בויען הייזער. דאָס בויען הייזער איז געקומען איבער אים ווי אַ משוגעת. וואו ער האָט דערזען אַ ליידיגן פּלאַץ, האָט ער אים געוואָלט פאַרבויען מיט הויכע ביליגע וואוין־הייזער... ער האָט אָנגעהויבן צו בויען דוקא דענסטמאָל, ווען ער איז געווען צום ענגסטן אין געלט, דוקא דענסטמאָל, ווען ער האָט געהאַלטן פאַר אַ קריזיס, געשטאַנען פאַר אַ גרוב — דוקא דענסטמאָל האָט ער זיך גענומען אויס־צופירן די גרעסטע אונטערנעמונגען. עס איז געווען ביי אים ווי אַ שפּיל, ווי אַ וועט — ווי ער וואָלט געוואָלט אַליין מעסטן זיינע אייגענע כוחות.

נישט די באַדערפנישן האָבן אים געטריבן צו דעם איי־ביגן יאָגעניש נאָך געלט. אַנקל מאָזעס אַליין האָט געהאַט די קלענסטע באַדערפנישן. פאַר זיך האָט ער גאָרנישט געדאַרפט. עס איז אים נישט געווען קיין אונטערשיד, אין וואָס פאַר אַ וואוינונג ער וואוינט, אין וואָס פאַר אַ בעט ער שלאָפט. עס האָט זיך אים זייער אָפט פאַרבענקט נאָך איצט צו שלאָפן אין אַ קעלער, און ער האָט אייגנטלעך גאָר קיין הנאה נישט גע־האַט פון דעם ליכטיגן צימער מיט דעם ווייכן בעט און מיט דעם דעליקאַטן געשניצטן מעבל, אין וועלכן ער האָט מורא געהאַט זיך ריכטיג אָוועקצוזעצן... און נאָך היינט פלעגט ער אָפט מיטאָג־צייט אַריבערגיין מיט זיינע אַרבעטער אינם ביליגן רעסטאָראַן און אַריינכאַפּן שטייענדיג, אין איילעניש, שטופנדיג זיך, אַ סענדוויטש, אַ קאַרטאָפל, אַ טאַץ קאַווע, און נישט געוואָלט גיין מיט די ביזנעס־לייט עסן אין דעם ביזנעס־רעס־טאָראַן, נישט דערפאַר ווייל ער איז געווען קאַרג, נאָר דער־פאַר, ווייל צו דעם אָרימען לעבן, אין וועלכן ער האָט אָפּגע־לעבט די גרעסטע העלפט פון זיין לעבן, איז ער געווען מער צוגעוואוינט און האָט דערפון מער הנאה געהאַט, ווי פון דעם רייכן לעבן. עס איז געווען עפּעס מער פון געלט, וואָס האָט

אים אין די קאַלטע ווינטערס אזוי פרי פון בעט אַרויסגעיאָגט, צו זיין דער ערשטער אין געוועלב און אָפּוואַרטן צו זען, צי די אַרבעטער קומען צו דער ריכטיגער צייט צו דער אַרבעט; מער פון געלט איז עס אויך געווען, וואָס האָט אים באוואויגן אין די זומערדיגע הייסע חדשים צו בלייבן אין שטאָט — און ווי־פיל ער האָט נישט געליטן פון דער היץ, וועלכע האָט אַזוי שלעכט געווירקט אויף זיין פעטן קערפּער, האָט ער דאָך נישט געוואָלט אוועקפאָרן ערגעץ־וואו אין אַ זומער־פּלאַץ, נאָר איז געשטאַנען צווישן די פאַרשטויבטע מלבושים, שווער געאָטעמט און געקילט מיטן שטייפן הוט זיין פאַרשוויצט פּנים, געווישט זיך דעם צעהיצטן, שיטער־באַוואַקסענעם קאָפּ מיט אַ טיכל און נישט געוואָלט זיך פאַרלאָזן אַפילו אויף סעמען, צו וועלכן ער האָט צוטרוי געהאַט. עס איז געווען עפּעס מער פון געלט — עס איז געווען, ווי ער וואָלט פאַרשקלאַפט געוואָרן צו זיין אומערשעפטער ענערגיע, און די ענערגיע יאָגט אים ווי אַ נישט־גוטע קראַפט, און ער מוז בלינד אויספירן די באַפעלן, וואָס זי באַפעלט אים.

וואָרום אָנקל מאָזעס האָט נישט געהאַט פאַר וועמען צו אַרבעטן און וועמען זיין געלט איבערצולאָזן. אָנקל מאָזעס איז געווען אַן אלמן. קינדער האָט ער יאָ געהאַט, נאָר נישט מיט זיין פרוי, מיט אַ פרוי פון אַן אַנדערן מאַן, און ער האָט נישט געוואוסט, אויב די קינדער זענען זיינע אָדער נישט... יעדנ־פאַלס האָט ער זיי נישט ליב געהאַט.

עס איז אַזוי געווען: ווען אָנקל מאָזעס איז יונג געווען, און האָט געוואָלט איבערגיין פון רעסטאָראַן צו אַ געוועלב מיט אויסבראַקירטע מענער־קליידער, האָט ער חתונה געהאַט מיט אַ שותּפס אַ טאָכטער. דאָס חתונה האָבן איז געווען אויס־גערעכנט מער אויס געשעפטלעכע נוצן, ווי אויס ליבע. אָנקל מאָזעס האָט נישט געוואוסט אין זיינע יונגע יאָרן פון ליבע. ער איז געווען אַזוי פאַרנומען אין זיינע ביזנעס, אַז ער האָט קיין צייט נישט געהאַט אָפּצוגעבן אָדער אָפּצושטעלן זיך אויף אַזעלכע זאַכן... דאָס יונגע ווייבל, וועלכע איז געקומען פון

גאַליציע און האָט געהאַט אַ סענטימענטאַלן געפיל, אַ שוואַכע און אַן איידעלע, האָט אים דוקא יאָ ליב געהאַט. נישט פער־זענלעך אים — יעדן איינעם, וואָס וואָלט מיט איר חתונה גע־האַט, וואָלט זי ליב געהאַט, ווייל זי איז געבוירן געוואָרן ליב צו האָבן און צו פאַרגעטערן און זיין פאַרשקלאַפט אונטער ווע־מען עס איז... זי האָט ארויפגעקוקט צו אים ווי צו אַ גאָט, זי האָט דרך־ארץ געהאַט פאַר זיין ברייטן מענלעכן קאַרק, זי האָט מורא געהאַט פאַר זיין ערנסט פאַרזאָרגט געזיכט און האָט באַוואונדערט זיין ענערגיע און זיין טעטיקייט. נאָר ער האָט זי נישט געזען. ער האָט זי געהאַלטן פאַר אַ זאַך... אָפטמאָל איז זי געלעגן נעבן אים ביינאַכט אויפן געלעגער און האָט געבענקט נאָך לאַסקעס, נאָך צערטלעכקייטן, צו טוליען זיך צו אים. זי האָט געבענקט נאָך גלעטן, פיעשטשען זיך ווי אַ קינד, און ער איז געלעגן אומגעדרייט מיט זיין שווערן קערפער צו דער וואַנט, און אָדער ער האָט הויך געשנאַרכעט, אָדער ער איז געווען פאַרנומען קלערנדיג וועגן ביזנעס. שטענדיג איז זיין קאָפּ פול געווען מיט רעק, הויזן, וועסטן, קנעפּלעך, לייוונט, סחורה — שטענדיג האָט ער געטראַכט וועגן דעם, און גאָרנישט געזען אַרום זיך, און האָט פון אים די נאַטור פאַרלאַנגט דאָס איריגע, האָט ער עס אויסגעפירט גראָב, אַן סענטימענטן, ווי מען עסט אָפּ אַ מטאָג און מען ווישט זיך אָפּ די ליפּן און מען גייט אַוועק פון טיש... דאָס ווייבל האָט אָבער נישט גע־האַט קיין פאַרלאַנג נאָך געשלעכטלעכעס לעבן, זי האָט געבענקט נאָך ליבע, נאָך לאַסקעס, נאָך וואַרעמקייט... און דאָס האָט ער נישט געהאַט צו געבן און נישט געקענט געבן. ער האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס זי פאַרלאַנגט פון אים, און געוואונדערט זיך, פאַרוואָס זי האָט קיין קינדער נישט. און אַמאָל, אַז ער איז געווען ביי זיינעם אַ פריינט, אַן עלטערן מענטש, ביי אַ זיל־בערנער חתונה, און געזען ווי די קינדער פון זיין פריינט האָבן די עלטערן צוגעטראָגן אַ טאָרט מיט אָנגעצונדענע ליכטלעך, און געפרייט זיך מיט זיי, איז ער אַהיימגעקומען אַ בייזער און געברומט צום ווייב:

— פאַרוואָס האָסטו קיין קינדער נישט?... גיי צו אַ דאָקטאָר.

דאָס ווייבל האָט נישט געבענקט נאָך קינדער, זי האָט געבענקט נאָך ליבע, און אין דעם דורשט נאָך ליבע איז זי אויסגעגאַנגען. זי איז וואָס אַ טאָג שוואַכער געוואָרן און קראַנ־קער. געוויס האָט ער אויף איר רחמנות געהאַט. ער האָט שוין קיין פאַרגעניגן נישט געהאַט פון זיין לעבן. אַז ער איז אויס־געגאַנגען מיט גוטע פריינט אַמאָל לעבן, פאַרברענגען ערגעץ־וואו אַן אָוונט, האָט ער זיך פאָרוואורפן געמאַכט, וואָס ער האָט זי איבערגעלאָזט אַליין אין דער היים. ער האָט דאַן אַוועקגע־וואָרפן די געזעלשאַפט און איז אַ היים געקומען, אָבער דעם ווייבל האָט ער גאָרנישט געקענט געבן. ער האָט נישט גע־וואוסט פאַר וואָס זי איז קראַנק, ער האָט זיך קיין עצה נישט געקענט געבן, פלעגט ער שרייען אויף איר:

— וואָס איז דיר? פאַר וואָס גייסטו נישט צו אַ דאָקטאָר? פאַר וואָס ביזטו קראַנק?

אַ פאָר יאָר פאַר איר טויט האָט ער שוין קיין ווייב נישט געהאַט — דאָס האָט אים געבראַכט, אַז ער זאָל מער קלערן וועגן דעם און אָנהויבן צו קוקן אויף פרויען... געפעלן איז אים אַ ווייבל פון אַ יידישן רעסטאָראַן, וואו ער פלעגט עסן מיטאָג. דאָס ווייבל איז געווען אַ ברונעטקע, מיט שאַרפע שוואַרצע ברעמען, געפעלן זענען אים די שוואַרצע הערעלעך, וואָס זענען געוואַקסן ווי פאות אויף אירע באַקן. אַמאָל האָט ער זי געזען הינטערן בופעט אין אַ וויס קאַפטנדל און אַ שירץ, קלימפּערנ־דיג מיט די שליסעלעך אין די הענט, און עפּעס באַפוילנדיג די קעלנערס, האָט זי אים דערמאָנט אָן אַ יידישע בעל־הביתטע אין דער היים, האָט ער אָנגעהויבן מאַכן חנדעלעך צו איר, בעטן זי מיט אים אַרויסצוגיין. אַלע האָבן זיך פאַרוואונדערט אויף מאָזעס מעלניק, נאָר דאָס ווייבל איז זייער גוט געווען צו אים. דער מאַן אירער האָט יאָ געזען, נישט געזען — גע־מאַכט נישט ווויסנדיג זיך. ער האָט געלעבט מיט איר אין גע־היים, און דאָס ווייבל האָט געהאַט יעדעס יאָר אויף זיין חשבון אַ קינד... ער האָט נישט געוואוסט, אויב דאָס זענען זיינע קינ־

דער אָדער איר מאַנס... דער מאַן אירער פּלעגט קומען ציען ביי אים געלט, שרעקן אים מיט סקאַנדאַלן, האָט אַנקל מאָזעס געגעבן. די געשעפטן האָט ער פאַרטרויט סעמען, און סעם האָט אים פון אַלע זאָרגן אַרויסגענומען. אַלעס שוין פאַר אים פאַר־זאָרגט.

זיין לעבן מיט אַן אַנדער פרוי האָט זיין אייגענע שוואַ־כע פרוי אינגאַנצן רויניִרט. און אין אַ קורצער צייט איז זי געשטאָרבן. אַנקל מאָזעס האָט אייגנטלעך קיין יורש נישט גע־האַט. די קינדער פון דעם רעסטאָראַן-ווייבל זענען אָפיציעל געווען דעם רעסטאָראַטאָרס, און ער איז גאָרנישט זיכער געווען, צי זענען זיי זיינע אייגענע... צען יאָר איז ער אַן אלמן גע־ווען. אַלע האָבן געזאָגט, אַז ער איז נאָך אַ יונגער מאַן, און שדכנים פלעגן אים די שוועלן אָפּשלאָגן. ער האָט נישט גע-קלערט פון נאָכאַמאָל חתונה האָבן. ער האָט עס נישט באַדאַרפט. ער האָט אָנגעהאַלטן ווייטער זיינע געהיימע באַציונגען מיט דעם רעסטאָראַטאָרס ווייבל, נאָר אַז ער איז באַענט געקומען צו די פופציגער, האָט ער דערפילט אַ געוויסע איינזאַמקייט אָן אַ פאַמיליע. די ענערגיע צו ביזנעס האָט אָנגעהויבן אַ ביסל זיך אויסלעשן. ער האָט שוין קיין חשק נישט געהאַט נייע היי־זער צו בויען אָדער נייע געשעפטן צו מאַכן. ער האָט אָנגעה־הויבן באַנוגענען זיך מיט די אַלטע געשעפטן און אָנגעהויבן צו בענקען נאָך אַ היימישער וואַרימער שטוב; נאָך קינדער, וואָס זאָלן געהערן צו אים, מיט וועלכע ער זאָל אַמאָל אין אַ יום־טוב גיין דאַוונען אין שול אריין, און זיך ווייזן פאַר פריינט... ער האָט געקלערט וועגן חתונה האָבן, און געלאָזט זיך רעדן שידוכים.

די אַלע כלות וואָס מען האָט אים גערעדט, זענען אים נישט געפעלן געוואָרן. עס זענען געווען ווייבער אלמנות, ווייבער גרושות, ווייבער מיט זין, ווייבער מיט טעכטער, ווייבער מיט געשעפטן, ווייבער מיט פאַבריקן. פון לאַנגווייליקייט האָט ער אַראָפּגעבראַכט זיין אַלטן פאָטער פון דעם קליינעם שטעטל.

אויסגעזוכט ביז צו א לעצטן פון דער משפחה און אראפגע־
בראכט קיין אמעריקע. די משפחה זיינע האט ער אבער נישט
ליב געהאט, און געהאט צו זיי טענות פאר וואס זיי טויגן
נאר אלע צו שניידעריי, נאר צו דער מאשין אדער צום פרעסן.
קיין איין געבילדעטער מענטש איז נישט געווען צווישן זיי,
אדער איינער וואס זאל זיין אומאפהענגיג, וואס זאל האבן אליין
זיין קאריערע געמאכט, וועלכער זאל זיין גלייך מיט אים, אז
ער זאל קענען רעדן מיט אים. ער האט פאראכטעט זייער פאר־
שקלאפונג, וואס ער האט זיי אליין פארשקלאפט, ער האט פאר־
אכטעט דאס חנפענען און בויגן זיך צו אים. ער האט געוואלט
געפינען צווישן זיי א מענטש, א זעלבשטענדיגן, וועלכער
זאל רעדן צו אים ווי זיין גלייכן. דורכדעם וואס מאשא איז
ארויס פון ווינקל און איז ארויפגעשפרונגען אויף אים און גע־
רופן אים: „חיה־הונט"... האט זי אויף אים געמאכט א שטארקן
איינדרוק. צום ערשטן מאל הערט ער, ווי מען זידלט אים. און
ווער? א מיידל, א קינד, וואס איר גורל איז אינגאנצן אפהענ־
גיג פון אים. זי וויל פון אים גארנישט — „זי האט מיך פיינט",
האט ער אין זיך געלאכט, דערפאר וואס איך האב באליידיגט
איר פאטער, און ער האט מקנא געווען אהרן מעלניק — א
קינד וו אס נעמט זיך אן פאר אים...

אלעס וואלט ער אוועקגעגעבן אהרן מעלניקן פארן קינד,
וואס נעמט זיך אן פאר אים...

און אנקל מאזעס האט זיך נאך געהאלטן פאר א יונגן
מאן. אינערלעך, אין זיך, האט ער נאך גארנישט געפילט די
עלטקייט, וועלכע די פעטקייט פון זיין פנים און דער שווערער
קערפער זיינער האבן אזוי שענדלעך פארראטן. ער האט זיך
נישט אפט געשפיגלט, און איבריגנס, זענען די ענדערונגען
אויף זיין געזיכט און קערפער פארגעקומען אזוי לאנגזאם, אז
ער האט עס גארנישט באמערקט, און עס האט זיך אים געדאכט,
אז זיין פנים האט זיך אויך נישט געענדערט. אינערלעך אין
זיך האט ער אבער געפילט נאך די קראפט גאר אויפסניי אנ־

צופאַנגען. יעדער נייער געדאַנק האָט געוועקט אין אים נייע קוואַלן פון ענערגיע, און דער געדאַנק, וואָס איז אים איצט אַזוי פּלוצלונג און מיט אַמאָל איינגעפאַלן, האָט אים געגעבן אַ צינד אָן און אויפגעוועקט אין אים אַ שטראָם לעבן.

„... מען דאַרף זי דערציען, דערציען פאַר זיך... זי זאָל זיין מיין קינד און זיך אָננעמען פאַר מיר אויך...” און אַ נייער שטראָם ענערגיע האָט זיך אַריינגעגאָסן אין זיינע אָדערן...

און מיט דעם אימפעט, ווי ער איז געוואוינט געווען אויס־צופירן פּלענער ווען עס איז אים עפּעס איינגעפאַלן, איז ער געגאַנגען אויספירן דעם פּלאַן...

8

דער נייער פּרעה

קוזמין האָט טריי געדינט „פּרעהן”. קוזמין איז געזעסן ביי דער אַרבעט און האָט געגנייט רעק, הויזן, וועסטן, פאַר מענטשן, וואָס זיי האָבן נישט געוואוסט וואו זייער געביין גע־פינט זיך. גאַנץ קוזמין איז געזעסן ביים אָנקל מאָזעס אין דער־הויף אין שאָפּ. ר' יואל חיים, דער דאָזאָר פון דער שול, און איטשע דער שוסטער־יונג, און זונדל, דער ווייבערשער שניידער. דער גרויסער פּראַנט און עלעגאַנט פון קוזמין, וואָס האָט אַמאָל באַצויבערט די הערצער פון די קוזמינער מיידלעך, און חיימשע דער פעלדשער, וואָס האָט די ווייבער געשטעלט באַנקעס — וואָס עס האָט זיך נאָר געטראָפן מיט אַ יידענע אין שטעטל, האָט ער איר געהייסן דאס העמד אַראָפּלאָזן און געשטעלט איר באַנקעס... ביז אַמאָל זענען זיינע באַנקעס פאַרדעכטיג געוואָרן... און חיימשע האָט געקריגן גוט אויסגעפּאַטשט פון אַ פּאָר שיינע בעלי־בתים. צוויי ציין פעלן אים פון דאַמאָלסדיגע פּעטש — היינט שטעלט ער שוין נישט קיין באַנקעס, נאָר זיצט ביים אָנקל מאָזעס אויפן „בוידים” און גייט הויזן. אַלע נייען זיי

הויזן. אָנקל מאָזעס האָט אויסגעגלייכט גאַנץ קוזמין. ניטאָ מער קיין שיינע בעלי־בתים, דאָזאָרעס מיט אָרימע בעלי־מלאכות, נישטאָ קיין תלמידי־חכמים מיט גראָבע יונגען, נישטאָ קיין שוס־טערס, יידן וואָס שטעלן ווייבער בּאַנקעס... און יידן, וואָס קיצ־לען ווייבער הינטער די אָרעמס, ווען זיי ברענגען זיי אָנצומעסטן די קליידער, — אַלע דינען צו איין אָפּגאָט, אַלע טוען איין זאַך — נייען הויזן...

נאָר קוזמין וויל נאָך נישט שטאַרבן. ביים אָנקל מאָזעס אויפן „בוידים״, ביי דער נאָדל לעבט ווידער דאָס אַלטע קוז־מין אויף מיט אַלע זיינע מערקווירדיקייטן. יעדער אַלטער שטיין, יעדעס אַלטע הויז און ווינקל יוערט מיט ליבע און בענקשאַפט דערמאָנט פון די געטרייע קינדער פון אַלטן קוזמין, וועלכע זיצן מיט די הויזן אין זייערע הענט און בענקען, און וואו נישט וואו פאַלט אַ טרער, לאָזט זיך הערן אַ קרעכץ פון אַן אַלטן איינוואוינער פון קוזמין, וואָס האָט זיך דערמאָנט אין איר שיינקייט...

— אַנו, לייבל, וואָס שווייגסטו היינט? לאָמיר הערן דעם אַלטן חזנס קדושהלע.

און לייבל, וועלכער האָט ליב געהאַט דאָס „ברעטל״ פון עמוד זיין גאַנץ לעבן, און קיינמאָל אין דער היים קיין גע־לעגנהייט נישט געהאַט צוצוקריגן זיך דערצו און אַרויסצווייזן זיינע חזנישע פעיקייטן — ווייזט עס איצט אַרויס פאַר קוזמין, ביי דער נאָדל און ביי די הויזן.

דעם אַלטן חזנס נגון טראָגט איבער קוזמין אין דער אַלטער שול אַריין, און עס דערמאָנט זיך זיי דער שיינער שבועותדיגער שבת, ווען יעדער בעל־הבית איז געזעסן אין זיין שיינער „שטאָדט״ מיטן טלית און גאָלדענער עטרה באַ־פּוצט, און געקוואָלן פונם חזנס נגונים, און היינט זיצט קוז־מין מיט הויזן אין די הענט...

באַלד אָבער פאַרשווינדט די אַלטע שול, און דער שיין־

פרימאָרגנדיגער שבת, און דאָס בענקשאַפט, און די ליבע נאָך קוזמין. עס בלייבן איבער בלויז הויזן און נאָדל.

סעם באַווייזט זיך אין דער טיר פון שאַפּ און גיט אַ געשריי:

— נאַ, זעט, קוזמין זינגט! אַזוי איז גוט. איר וועט זיך דאָ אַ שוואַרץ יאָר אויסריכטן פון מיר. איך רוף באַלד אַרויף דעם אָנקל מאָזעס צו אייך.

און איין קוזמינער בעל־הבית שרעקט דעם צווייטן:

— שווייג, שווייג, דער „גובערנאַטאָר" איז דאָ.

סעמען רופט קוזמין „גובערנאַטאָר", און דעם אָנקל „קייסער".

און פאַרן גובערנאַטאָר האָט מען נאָך מער מורא, ווי פאַרן קייסער.

קוזמינער בעלי־בתים ווערן פאַרשטומט, דערשראָקן פאַר דעם קליינעם שגץ סעם, וואָס אין דער היים איז ער געווען אַ קצב־יינגל. און דאָ איז ער דער „גובערנאַטאָר" פון קוזמין...

אָבער קוזמין האָט אַ גרויסן מליץ יושר. דאָס איז דער אַלטער מעלניק, אָנקל מאָזעס פאָטער, וועלכן דער זון האָט אַראָפּגעבראַכט קיין אַמעריקע. דער אַלטער דרייט זיך אום מיט דעם גאָלדענעם שטעקן, וואָס דער זון האָט אים געשאָנקען אַ מתנה, און דאָס שטייפע קאַפּעליושל, צו וועלכן ער איז נישט געוואוינט, פייניגט אים. פאַררוקט ער עס אָן אַ זייט. ער לאַנגווייליגט זיך דאָ אין אַמעריקע און בענקט נאָך דעם קאַ־שע־מילעכל, און פאַר לאַנגווייליקייט האָט ער אָנגעהויבן צו טרינקען. אַ שנעפּסל האָט ער ליב געהאַט נאָך פון דער היים, נאָר דאָ אין אַמעריקע, וואו ער האָט זיך געקענט פארגינען און גוטע ברידער האָבן זיך שטענדיג געפונען, וואָס האָבן דעם אַלטן געוואָלט מכבד זיין, איז דער אַלטער שטענדיג שיכור געווען. קיין באַקאַנטע האָט ער נישט געהאַט. זיינע אַלע לאַנדסלייט האָבן געאַרבעט אין שאַפּ — האָט ער ליב געהאַט אַרויפצוקומען אין שאַפּ און צו פאַרברענגען מיט זיי, און

מיט זיי שמועסן וועגן קוזמין. אָפּטמאָל האָט זיך דעם אַלטן אויך פאַרגלוסט צו נייען הויזן, געזען, אַז אַלע זיינע חברים פון קינדער-יאָרן, אַלע שיינע בעלי-בתים, פאַר וועלכע ער האָט אין דער היים דרך-ארץ געהאַט, נייען ביים זון הויזן, פאַר וואָס זאָל ער נישט נייען? — פלעגט ער זיך אַרויפקומען אין שאָפּ, און מיטהעלפן נייען. דעם אָנקל מאָזעס איז אָבער נישט אָנגעשטאַנען, אַז זיין פאָטער זאָל זיצן אין שאָפּ. און אַז דער פאָטער איז אַרויפגעקומען אין געווערקשטעל, האָט ער קוזמין געשטערט צו אַרבעטן, ער האָט פאַרפירט שמועסן מיט די לאַנדסלייט פון דער היים, פון אַלטע שררות, פון דאָרפס-געשעפטן, פון רב און חזן — און אָפּטמאָל האָט זיך קוזמין אַזוי אַריינגעלאָזט אין די שמועסן פון דער היים, אַז זיי האָבן זיך צעקריגט איבער אַ חזן אָדער אַ שוחט — און פאַרגעסן זיך, אַז זיי זעבען שוין נישט קיין בעלי-בתים פון קוזמין... נאָר דאָס רעדן אַליין האָט זיי פאַרגעניגן פאַרשאַפט. און דעם אַלטן האָט עס אַהין געצויגן צו דעם זונס שאָפּ. אָנקל מאָזעס האָט אָנגעזאָגט סעמען, אַז ער זאָל דעם פאָטער נישט אַרויפלאָזן אין שאָפּ אַריין, נאָר אַז דער אַלטער מעלניק האָט זיך אָנגעשפּורט, האָט ער קיינעם נישט געהאָרכט, פאַר קיינעם קיין מורא נישט געהאַט, סעמען געשלאָגן מיטן גאָלדענעם קאָפּ פון שטעקן.

— אַזאַ טויבן-כאַפּער איז דאָס. אַזאַ ימח-שמוניק, אַזאַ קצב-יונג, ער וועט מיך נישט אַריינלאָזן. מיין זונס פּראַצע איז דאָס, און ער וועט מיך נישט אַריינלאָזן — האָט ער אָוועקגעיאָגט סעמען מיטן שטעקל, און איז אַריין אין שאָפּ, מיטן קאַפּעליושל פאַרדרייט אָן אַ זייט, און געפאָכעט זיך מיטן רויטן טיכל — אַרויס פון דאַנען, ימח-שמוניק, אַרויס, אַרויס — האָט ער אַרויסגעטריבן סעמען פון שאָפּ.

קוזמין האָט זיך געפרייט אויף דעם „גובערנאַטאָרס" מפּלה. הויך צו פרייען זיך, הויך צו לאַכן האָבן זיי מורא געהאַט, דער גובערנאַטאָר קען זיך אָפּרעכענען, האָבן זיי געשטופּט איינער דעם אַנדערן און געוואונקען מיט די אויגן.

— ווי האָט מען אים גערופן אין דער היים? „אָכלאַף", העי, דו אָכלאַף איינער, האָט דער אַלטער נאָכגעשריגן סעמען פון די טרעפּ אַראָפּ. די מאַמע דיינע האָט דאָך געגנבעט גרויפּן ביי מיר אין געוועלבל. איך האָב דאָך זי אַמאָל אַליין געכאַפּט ביי דער האַנט, און דאָ אין אמעריקע ביסטו געוואָרן אַ גאַנצער פּרעה—הע, אַז אויסגעריסן זאָלסטו ווערן מיט מיין זון, מיט אַמעריקע אינאיינעם.

קוזמין האָט זיך געפּרעגלט אין נחת, האָט געצויגן די אַקסלען און געשטופּט איינער דעם צווייטן:

— דו זעסט די מפּלה?

— אויף אַלע יידן-פּיינט געזאָגט געוואָרן.

— די מאַמע זיינע האָט דאָך פלייש געגנבעט אין די יאַטקעס. ווי האָט מען זי דאָס גערופן? נעכא האָט מען זי גערופן...

און מ'האָט זיך אָנגעהויבן צו דערמאָנען אין אַלטן קוזמין און אויסגעגראָבן מעשיות פון פּאַרצייטנס.

נאָר באַלד איז אַלעס פאַרשטומט געוואָרן. קוזמין איז פּאַרצי-טערט געוואָרן, פאַרשטיינערט, פּאַרגליווערט. קוזמין איז געוואָרן איין מאַשין, וואָס האָט געהאַלטן אַ נאָדל אין האַנט און האָט געניייט. אין געווערקשטעל האָט זיך באַוויזן אָנקל מאָזעס אַליין, מיט דער גרויסער שער אין האַנט, אָן ראָק, נאָר די קייט פון זייגער האָט פאַרנומען די גאַנצע ברייט פון זיין דיקן בויך און האָט צוגעגעבן זיין פיגור אַ וויכטיקייט. ער האָט נאָר געשוויגן, נאָר אויפגעפּעפּנט די אויגן און זיך אַרומ-געקוקט. קוזמין האָט געצויגן די קעפּ צו די הויזן און געניייט. אָנקל מאָזעס איז צוגעגאַנגען צום פאָטער און האָט אים אָנגענומען ביים אָרעם:

— טאַטע, קום אַראָפּ.

— איך וויל נישט. וואָס ווילסטו מיר טאָן, וואָס? איך האָב נישט קיין מורא פאַר דיר, — האָט דער אַלטער מעלניק געשריגן און געקלאַפּט מיטן שטעקן מיט קוראַזש, וואָס ער האָט שטענדיג געקריגן נאָך אַ שנעפּסל מאַכן.

— טאַטע, דו שטערסט זיי צו אַרבעטן. זיי באַדאַרפן צו זיין אַליין, קום אַראָפּ מיט מיר, — האָט דער זון ווייך אָנגע־בומען דעם פאָטערס האַנט.

— איך וועל נישט גיין. איך האָב נישט קיין מורא פאַר דיר. וואָס ביסטו פאַר אַ נייער פּרעה, וואָס פאַר אַ קייסער? איך האָב פאַרן סאַמע נאַטשאַלניק נישט קיין מורא. איך האָב פאַר קיינעם נישט קיין מורא. איך באַדאַרף דיר נישט. וואָס האָסטו געוואָלט פון מיר? וואָס האָסטו מיך אַראָפּגעבראַכט? שיק מיך צוריק, איך וויל צוריק פאָרן אַהיים.

— דו וועסט צוריקפאָרן. וועסט צוריקפאָרן. קום אַראָפּ, טאַטע, שטער זיי נישט.

— איך וועל נישט גיין — האָט דער אַלטער געשריגן — איך באַדאַרף דיר צו אַלדע שוואַרץ יאָר — האָט זיך דער אַלטער צעקאָכט — דיך מיט דיין גאַנץ אַמעריקע. צו דיר אויף קבורה־געלט וועל איך נישט אָנקומען. אָט אָ דאָ האָב איך אָפּגעשפּאָרט פון מיין אייגענער פּראַצע.

ער נעמט אַרויס אַ זעקל, וואָס הענגט אים אויף דער נאַקעטער ברוסט.

— אָדאָ האָב איך אויף קבורה־געלט, פון מיין אייגענער פּראַצע. פון דיר וויל איך נישט. שיק מיך צוריק. וואָס האָל־סטו מיר דאָ, ווי פּרעה די יידן אין מצרים? שיק אונז צוריק, לאָז אונז אַרויס פון מצרים, איך וויל דאָ נישט זיין.

אָנקל מאָזעס האָט געטראַכט, וואָס צו טאָן. דעם פאָטער האָט ער זייער געאַכטעט. דאָס איז געווען ביי אים אַן ערן־זאַך. אָבער פאַרשעמט ווערן פאר זיינע לאַנדסלייט, פאַר וועל־כע ער איז שטענדיג אַרויסגעקומען מיט זיין גאַנצער הער־שאַפט (דאָס איז געווען זיין קראַפט), האָט ער נישט געקענט. ער האָט זיך אָבער באַלד געפונען און געענדערט דעם טאָן:

— אַז דו ווילסט נישט גיין, דאַרף מען נישט. אָל־רייט, בלייב דאָ מיט דיינע לאַנדסלייט, רעדט וועגן קוזמין, וועגן אַלטן שררה, דעם „מלך אביון", וואָס האָט פאַרמאָגט זיבעצן מיט אַ האַלבן דאָלאַר אַמעריקאַנער געלט. בלייב דאָ, בלייב

דאָ, איך האָב גערן, אַז דו אַמוזירסט דיך — און איז אוועק פון פאָטער.

דער אַלטער האָט נאָכגעשריגן:

— וואָס פאַר אַ פּרעה ביסטו געוואָרן? ווער ביסטו ווער? דעם אַלטן מעלניקס זון. האָסט אַ פאָטער אַ שיכּור. וואָס איז מיט דיר דער יחוס? — האָט דער פאָטער געזידלט דעם זון.

קוזמין האָט נישט געוואַגט צו הערן. אָנקל מאָזעס איז אַרומגעגאַנגען אַרום די ניי-מאַשינען און באַטראַכט די אַרבעט. ער איז זייער ערנסט געווען און פאַרטראַכט. זיין ערנסטקייט האָט אַ שרעק אָנגעוואָרפן אויף די לאַנדסלייט, און עס האָט זיך זיי אַפילו נישט געגלוסט צו פרייען זיך פון דעם אַלטנס זידלערייען. אַז ער איז אָנגעקומען צו אַהרן מעלניקס טיש, איז ער געבליבן שטיין, אַריינגעשטעקט די הענט אין די קע-שענעס און אַ מינוט אים באַטראַכט:

— דו ווייסט איבערלאָזן סעמען דעם אַדרעס. איך וועל צו דיר זונטיק אַרויסקומען — האָט דער אָנקל געזאָגט ווי פאַר זיך, און איז אַוועקגעגאַנגען מיט אַ שמייכל אין זיך און צו-געגאַנגען צום פאָטער.

— נו, טאַטע, איצט וועסטו שוין גיין מיט מיר? קום אַראָפּ מיט מיר, טאַטע.

— איך וועל נישט גיין — האָט דער אַלטער נאָכאַמאָל אָנגעהויבן צו שרייען, — וואָס פאַר אַ פּרעה ביסטו געוואָרן אין אַמעריקע. איך האָב נישט קיין מורא פאַר דיר. נאַ, זע דעם פּרעה מלך מצרים... ווער ביסטו, ווער?

— אָלל-רייט, ווען דו ווילסט בלייבן, בלייב... — זאָגט ער צו זיך — העי, סעם, נעם דעם אַדרעס פון דעם, ווי רופט מען אים, גאָרגל, איך וועל אַרויסגיין זונטיק זען מאַשאַן. איך האָב גערן דאָס קעלבל — זאָגט ער פאַר זיך, אַראָפּגיי-ענדיק די טרעפּ.

דער אָנקל קומט צו מאַשאַן

9

אַהרן מעלניק איז געבליבן זיצן אַ צעטומלטער און דערשראָקענער. דער אָנקל וועט אַרויסקומען צו אים זונטיק. דער אָנקל צו אים אין שטוב אַריין. דער אָנקל אַליין — צו אים אין שטוב?!

אַהרן מעלניק און זיין ווייב ראָזע האָבן אויסגעפּוצט דעם „פראָנט-צימער" צום פעטערס קומען. מען האָט אַרויסגעשלעפּט דאָס גרויסע בעט, אין וועלכן „אַלע" זענען געשלאָפן און צעלייגט עס אין אַ ווינקל. דעם טיש פון קיך איבערגעטראָגן אין „פראָנט-צימער" אַריין, אויסגעשפּרייט מיט דעם פסח טישטוך. די פאָטאָגראַפיע פון אהרן מיט ראָזען אַלס חתן-כלה אונטער דער חופּה — פון איין זייט, די מחותּנים — טאַטע-מאַמע פון ביידע זייטן; צוויי פרומע יידן מיט בערד, און צוויי גוטע יידישע ווייבער מיט שייטלען — שיינע קוזמינער בעלי-בתּים, וועלכע האָבן שוין געפונען זייער רו אויף דעם קוזמינער גוטן אָרט — אויפגעהאָנגען אויף דער צווייטער וואַנט. די דרשה-מתּנות, וואָס האָבן זיך נאָך אויפגעהאַלטן אין דער פאַמיליע: דאָס בשמים-ביקסל, צוויי קליינע זילבערנע בעכערלעך און אליהו הנביאס גלעזערנעם כּוס אויסגעוואַשן, אויסגעפּוצט, אַז זיי זאָלן פינקלען, און אַוועקגעשטעלט אויפן שפּיגעלע. די קינדערלעך אָפּגעוואַשן, אויסגעצוואָגן די קעפּלעך, ווי אויף פסח צום סדר. יום-טובדיק אָנצוטאָן פאַר אַלע איז אָבער נישט געווען. האָט איינס געהאַט אַ פּאָר גאַנצע שיך האָט עס קיין קליידל נישט געהאַט. האָט דאָס אַנדערע אַ קליידל געהאַט, האָט עס אָבער קיין גאַנצע שיך נישט געהאַט. איז געבליבן, אַז מען זאָל צוויי „פאַרלייקענען". פאַרלייקענען נישט — נאָר באַהאַלטן, פאַרשטעקן, אַוועקשיקן פון שטוב אַרויס, דורך דער צייט ווען דער אָנקל וועט אין שטוב זיין, און מיט די גוטע רעשטלעך פון זייער אָנטועכץ זאָל מען זיך באַנוצן פאַר די אַנדערע קינדער. דער גורל איז אויסגעפאַלן אויף ציליען. ציליע האָט נעבעך געמוזט די שטוב

פֿאַרלאָזן און אירע נייע שיך האָבן באַשוכט איר ייִנגערע שוועסטערל גאָלדעלען. און ציליע האָט דווקא געוואָלט זיין ווען דער אָנקל וועט קומען. אין איר פֿאַנטאַזיע האָט זיך שוין אָפּגעשפּיגלט דאָס בילד, ווי זי וועט פֿאַרן אָנקל פֿאָרשפּילן אַ „קינא-שפּיל”. און דער אָנקל, וועלכער איז אַזוי רייך, אַז אַלע קינאָס פֿון גאַנץ ניו-יאָרק און אַלע סאָדע-געוועלבער מוזן אוודאי באַלאַנגען צו אים, און ווען ער וויל נאָר, קען ער אַריינקומען אין די קינאָס אָדער זיך אַוועקזעצן אין אַ סאָדע געוועלבל און עסן פֿאַרשידענע „געפּרוירנס”, וואָס זיין האַרץ געלוסט זיך נאָר, אַלע מינים „געפּרוירנס” (אַנדערש האָט זיך ציליע נישט געקענט פֿאָרשטעלן דעם אָנקל), ער גיט איר אַרויס אַזאַ קאַרט, וואָס ווי זי קומט נאָר און ווייזט די קאַרט, אַזוי עפֿענען זיך אַלע טירן פֿון די געוועלבלעך פֿאַר איר, און מען גיט איר אַלעס וואָס זי ווינטשט נאָר. זי האָט זיך געמוזט איצט פֿון דער גליקלעכער פֿאַנטאַזיע אָפּזאָגן און באַגנוגענען זיך נאָר מיט אַ בליק דורך אַ שפּאַרע אין שטוב אַריין, וואו דער אָנקל וועט זיצן (אַז מען וועט זי נאָר לאָזן).

אויך ראָזע האָט זיך דערמאָנט אָן אירע יונגע יאָרן. זי האָט געוואָלט דעם אָנקל געפֿעלן. זי איז געווען שטאָלץ אויף איר קינד מאַשאַן, וואָס אירס אַ קינד האָט אַזוי פֿיל חן געפֿו־נען אין די אויגן פֿון אָנקל — און וואָס דורך איר וועלן אַלע גליקלעך ווערן. איר קינדס חן איז געווען איר אייגענער. זי האָט אויסגעזוכט פֿון קאַסטן וואָס נאָר זי האָט געקענט געפֿינען, וואָס האָט זיך איר געדאַכט, אַז עס וועט פֿאַרשטעלן איר אָרעמקייט אין די אויגן פֿון אָנקל. זי איז געווען אַ בעל־הביתטע פֿון דער היים, אַ באַלעבאַטישע טאָכטער, און אַלס אַזעלכע האָט זי געוואָלט דערשיינען פֿאַרן אָנקל. זי האָט באַפּוצט און באַשיינט איר היים, אירע קינדער און זיך אַליין. שכנים האָבן פֿאַרשטאַ־נען די וויכטיקייט פֿון דעם באַזוך, און האָבן געהאָלפֿן מיט אַלעם, וואָס זיי האָבן נאָר געקענט. זיי האָבן ראָזען אַרויסגעבאָרגט פֿון זייערע הייזער זייער אייגן אָרעמקייט. איינע האָט געבאָרגט אַ שטיקל „געשליפֿענע” גלאָז, אַ חתונה - מתנה, אַוועקצושטעלן

אויפן טיש, אן אנדערע — א סערוויס, א דריטע — א צוויי נייע שטולן. ווארים אלע האבן שוין געהערט פון דעם גרויסן גליק, וואס האט געטראפן די מעלניקס, אז דער אנקל האט זיי געהעכערט גאנצע פינף דאלאר א וואך צוליב א קינד, א מיידל, און דער אנקל מאזעס קומט אליין זיי באזוכן, — האבן אלע געוואלט מיטהעלפן צו געווינען דאס גרויסע גליק, דעם אנקל מאזעס געגאד. אהרן מעלניק האט אנגעקוקט זיין פרוי, זיינע קינדער, זיין היים. ער האט זיינע אויגן נישט געגלויבט. קיינמאל נאך אין אמעריקע האט ער נישט געזען זיין פרוי אזא שיינע, אזא אויסגעפוצטע, זיינע קינדער אזעלכע ריינע און זיין היים אזא רייכע און אנגענעמע. און ער איז דאנקבאר געווען דעם אנקל מאזעס פאר דעם גליק. ער האט שוין דעם אנקל אלעס מוחל געווען, מוחל געווען די פארשקלאפונג און פארשעמטקייט. ער האט נאר געזען דאס גוטס, וואס דער אנקל האט אים געטאן — ער האט אים געהעכערט גאנצע פינף דאלאר מער א וואך — און אז דער אנקל אינטערעסירט זיך מיט זיינס א קינד, זיינס א קינד האט געפונען ביי אים חסד, און דער אנקל קומט אליין צו אים אין שטוב אריין. ער איז געווארן א הייסער אנהענגער פון אנקל, ער האט נאר געזען אין אים גוטס — און ער איז אים ווירקלעך דאנקבאר געווען פאר דעם גליק, וואס ער האט אים געשאנקען.

די „משפחה”, דער ברודער בערל מיט דער שוועגערין, זענען אויך געקומען דעם אנקל אויפנעמען. די שוועגערין האט זיך אויסגעפוצט, ווי זי וואלט אין טעאטער געגאנגען, אין אירע קינדערס יום-טוב. נאר די מאדערנע קליידער האבן אזוי קאמיש אויסגעקוקט אויף איר. דער הוט מיט די גרויסע פעדערן און דאס טרויעריגע מאמעדיגע געזיכט! דער סוט געשניטן קורץ, און די קאמאשן מיט די הויכע אויסגעקרימטע אפצאסן, וואס די יידענע איז געגאנגען אין זיי ווי אויף שטאלצן — דאס האט אזוי געשמעקט מיט טעאטער, אז עס איז געווען א רחמנות צו קוקן אויף דער יידענע. אלע האבן געהערט פון דעם גרויסן גליק, און אלע האבן זיך געוואלט

וואַרעמען אין דער זון... מען האָט איצט שוין געחנפעט אי אַהרנען און אי זיין ווייב ראָזען. נאָר ראָזע און אַפילו אַהרן זענען נישט צופרידן געווען פון דעם באַזוך, וואָס די „משפּחה" האָט פּונקט איצט געפונען צייט צו מאַכן. עס האָט זיך זיי געדאַכט, אַז דער אָנקל געהערט שוין צו זיי, עס איז זייער אָנקל — איצט קומט די „משפּחה" אַביסל לעקן פון דעם צוקער, האָט עס ביי זיי אויסגעקוקט ווי גנבה...

דער אָנקל האָט געלאָזט לאַנג אויף זיך וואַרטן. אַזוי ווי ער וואָלט זיי נישט געווען פאַרגונען דאָס גליק — האָט ער עס געלאָזט זויער ווערן... די קינדער האָבן דערוויל די קליי-דעלעך שמוציג געמאַכט, און די שכנטעס זענען מיד געוואָרן, די אויגן זיך אויסקוקנדיק אויפן אָנקל... איינער האָט געפרעגט דעם אַנדערן: וואו איז ער? אין די אויגן פון דער משפּחה האָט זיך שוין באַוויזן דאָס פייערל פון נקמה. און די שווע-גערין גענענדל האָט שוין הויך געלאַכט, און גערוימט זיך מיטן מאַן אין אויער:

— אַז מער האָט ער נישט בעסערס צו טאָן, ווי נאָר אַהער צו קומען.

און ווי אויף צעזעצעניש די שונאים, איז דער אָנקל יאָ געקומען. אַריינגעפאַלן אין קיך מיט סעמען פּלוצלונג. אָפּ-געשטעלט זיך אין קיך און נישט געוואָלט ווייטער גיין, ווי ער וואָלט זיי נישט געוואָלט פאַרגינען דאָס פאַרגעניגן, אַז ער זאָל זען דאָס גרויסע צימער, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אויף דעם ערשטן בעסטן שטול, נישט דעם ראָק און נישט דעם הוט אויסגעטאָן, נאָר מיטן שטעקן אין האַנט האָט ער זיך אַרומגעקוקט אין קיך אויף די לאַנדסלייט, און געזאָגט ווי צו זיך:

— עס איז אָל-רייט דאָ, מיינע לאַנדסלייט וואוינען גאָר נישט שלעכט.

ער איז צופרידן געווען פון זיך, וואָס ער גיט זיינע לאַנדסלייט צו מאַכן אַ שיין לעבן, אַז זיי זאָלן זיך קענען וואוינען אנשטענדיג און אָנטאָן זיך אָנשטענדיג און דאָס האָט אים געבראַכט אין אַ גוטן הומאָר. ער האָט אָנגעהויבן צו

שמייכלען און אויפגעהויבן זיך און געגעבן אַ טריט אין „צי־מער״ אַריין. דאָס צימער איז אים נאָך מער געפעלן געוואָרן, געזען די שיינע שטולן מיט דער שיינעם טיש, וואָס איז גע־ווען סערווירט מיט קוכען און פרוכטן. ער האָט אויסגעשטרעקט די האַנט צו די פרוכטן, און אַלע זענען דערפרייט געוואָרן, וואָס דער אָנקל גייט עסן. נאָר קיין פרוכטן האָט ער נישט גענומען. ער האָט באַטראַכט דאָס גלאָז און געזאָגט ווי צו זיך:

— „געשליפן גלאָז״. עס איז אָל־רייט.

ער האָט זיך געהייסן ווייזן די קינדער. אהרן האָט אים געוויזן די קינדער. ער האָט זיי באַטראַכט.

— און וואו איז מאשא?

נאָר מאשא איז אין ערגעץ נישט געווען צו געפינען. זי האָט זיך ערגעץ פאַרשטעקט. דער טאַטע, די מאַמע און די גאַנצע משפחה זענען אַרומגעלאָפן זי זוכן. מען האָט נישט געוואוסט וואו זי איז. ענדלעך האָט מען זי געפונען ביי אַ שכנטע. דער פאָטער האָט זי געשלעפט ביי דער האַנט, און דער פעטער בערל האָט איר נאָכגעשריגן:

— נאַריש מיידל, גיי אַריין! וואָס טוסטו דאָ? — עס איז דאָך דאָ דער אָנקל...

— מאשא, דו מאַכסט דאָך מיר אומגליקלעך, אויפן לעבן אומגליקלעך — האָט זיך דער פאָטער געבעטן.

מאַשאַ איז געווען אָנגעטאָן אין איר בייעם קליידל, אין אַ נײַ שירצל, מיט אירע לאַנגע צוויי שוואַרצע אויפגעצויגענע צעפּ... אירע בעקלעך האָבן געשלאָגן מיט פייער — זי האָט פאַרביסן אירע קליינע יונגע ליפּעלעך מיט אירע קליינע ווײַ־סע ציין — און אומצופרידן געברומט.

לאַנג האָט זי דער אָנקל באַטראַכט און געשמייכלט:

— אַזוי, זי איז דאָס, וואָס האָט מיך גערופן „חיה״.

— אַ נאַריש מיידל, זי ווייסט דען וואָס זי רעדט — האָט דער פעטער בערל געפרוווט פאַרענטפערן.

— נאָ, איך גלויב עס. נו, דערפאַר וואָס דו האָסט

מיך גערופן „חיה", האָסטו שאָקאָלאַד. סעם! — האָט דער אַנקל גערופן סעמען.

סעם האָט שווייגנדיק דערלאַנגט אַ פּודלע שאָקאָלאַד דעם אָנקל. דער אַנקל האָט עס איר געגעבן.

— יאָ, דאָס האָסטו פאַר „חיה".

מאַשא האָט נישט גענומען.

— נעם, נעם, קינד, וואָס טוסטו? — האָבן איר אַלע צוגעשריגן.

מאשא האָט צוגענומען דעם שאָקאָלאַד.

— עפן אויף, ועסטו עפּעס געפינען.

— עפן אויף, מאַשא, עפן אויף — האָבן איר אַלע צוגעשריגן.

מאשא האָט אויפגעעפנט דעם שאָקאָלאַד מיט ציטערדיגע הענט. פון דער פּודלע איז אַרויסגעפאַלן איינציגע צען-דאָלאַר שטיק און צירונג.

— די דאָלאַר שטיקער איז פאַר דער מאַמע און די צירונג איז פאַר דיר — דערפאַר וואָס דו האָסט מיך גערופן „חיה"—האָט דער אַנקל געזאָגט מיט אַ שמייכל.

מאַשאַ האָט אויפגעהויבן אירע פולע שוואַרצע אויגן, ווי קינדיש זיי זענען נאָך געווען — אַזוי זאַפטיג זענען זיי שוין געווען. און זי האָט זיי רוען געלאָזט אויפן אַנקל מאָזעס — אַ קאָקעטעריי איז געלעגן אין דעם בליק, וואָס האָט פאַרראַטן די צוקונפטיגע פרוי. פאַרהילט איז נאָך געווען די קאָקעטעריי מיט אַ הילע פון קינדישער פאַרשעמטקייט...

דעם אַנקל מאָזעס איז דער בליק געפעלן. ער האָט אין זיך געשמייכלט.

— דאנק דעם אַנקל!

— גיב אַ קוש אין האַנט! — האָבן אַלע נאָכגעשריגן.

מאַשא האָט זיך פאַרלוירן. זי האָט געוואָלט טאָן וואָס אַלע האָבן געהייסן. דער אַנקל האָט זיך אָבער נישט געלאָזט קושן אין האַנט. דער אַנקל האָט זי אַרומגענומעןביים קאָפּ און איר געקושט אין די האָר. אַלע זענען גליקלעך געווען,

אין פיל אויגן האָבן געגלאַנצט טרערן — און טאַטע - מאַמע זענען געווען אויפן זיבעטן הימל.

— איך קען אויך, איך קען אויך — איז פלוצלונג ציליע געגעבן אַ פאַל אַריין אין מיטן דער חתונה אַ האַלב-נאַקעטע און נישט אַ אָפּגעוואַשענע. דאָס קינד האָט צוגעקוקט די סצענע דורך דעם שפּאַלט פון דער קיך און איז געוואָרן אייפערזיכטיג און האָט זיך נישט געקענט איינהאַלטן.

— גאָט מיינער! — האָט זי די מוטער געכאַפּט און געוואָלט זי פאַרשטעקן.

אָבער דער אָנקל מאָזעס האָט זי שוין באַמערקט.

— ווער איז דאָס?

— גאָרנישט, אַ קינד — האָט זיך אַהרן פאַרענטפערט.

— און וואָס קענסטו? — האָט דער אָנקל געפרעגט.

— קינאָ שפּילן, — האָט ציליע אַרויסגעוואונקען מיט אירע אויגעלעך און שמוציג פּנימל, אונטער דער מוטערס יום-טובדיגער קלייד.

— קינאָ שפּילן — דאָס איז שיין, קום, קום — יאָ, דאָ האָסטו...

אָבער די מוטער האָט שוין געהאַט פאַרשטעקט די אָרעמקייט אין אַ ווינקל. די „אָרעמקייט" האָט פון דאָרט אַרויסגעוויינט...

10

קוזמינער לאַנדסלייט

אָנקל מאָזעס' שאָפּ איז געווען אוממעגלעך צו אָרגאַניזירן אין אַ יוניאָן-שאָפּ. וויפל די יידישע אַרבעטער-אָרגאַניזאַטאָרן האָבן נישט געפּרוווט צו יוניאָניזירן די לאַנדסלייט פון אָנקל מאָזעס שאָפּ, האָבן זיי זיך שטענדיג אָנגעשלאָגן ווי אין אַן אייזערנער וואַנט. די סיבה דערפון איז געווען, וואָס די באַציונג צווישן אָנקל מאָזעס און זיינע לאַנדסלייט איז נישט

געוועזן קיין ביזנעס-באַציונג, נאָר אַ משפחה-באַציונג. אָנקל מאָזעס איז געוועזן פאַר די קוזמינער לאַנדסלייט ווי אַ הויפּט פון אַ משפחה, ווי אַ רעגירער פון אַ קליין קעניגרייך. די קוזמינער לאַנדסלייט זענען שטאָלץ געוועזן מיט אָנקל מאָזעס פאַרמעגנס. אַז זיי זענען דורכגעגאַנגען דורך אַ הויז, וואָס האָט געהערט צו אָנקל מאָזעס, האָבן זיי זיך דערמיט גע־גרויסט, ווי עס וואָלט געוועזן זייער הויז. אָנקל מאָזעס האָט זיך אַריינגעמישט אין זייערע פאַמיליען-סכסוכים. זיי האָבן זיך געלאַדנט פאַר אים, און אָנקל מאָזעס האָט אַרויסגעגעבן געריכטס-שפּרוכן איבער זיי, ווי אַ פּאַרצייטיגער פּאַטריאַרך איבער זיינע משפחה-אָנגעהעריגע. זיי זענען געווען געטריי אנקל מאָזעס. האט זיך געמאַכט אַמאָל, אַז איינער אַ לאַנדס־מאַן האט געפּרוווט איבעררעדן די קוזמינער, זיי זאָלן זיך אָרגאַניזירן אין אַ יוניע, האט מען דאס גלייך אָפּגעטראָגן צום אנקל. די לאַנדסלייט האבן עס אים פאַרטרויט. איז דער אָנקל מאזעס אַרויפגעקומען אין שאַפּ אריין, אויסגעזוכט דעם „רעוואָלוציאָנער״, אָפּגעשטעלט זיך נעבן אים און צום ערשטן אים לאַנג און גענוי באַטראַכט, אַזוי אַז עס איז פון יענעם דאָס חיות אַרויס.

— סעם, ווי האָט מען אים גערופן אין דער היים? — פרעגט ער זיין גובערנאַטאָר, ווייזנדיג אויפן „רעוואָלוציאָנער״, וואָס וויל אַ יוניע.

— משה גרויס — ענטפערט סעם אָפּ קורץ.

— אַזוי, דאָס ביסטו משה גרויס. דאָס ווילסטו האָבן אַ יוניע ביי מיר. נישט ביי מיר, גוטער ברודער. ביי מיר אַרבעט מען נישט שבת, נישט יום־טוב. ביי מיר איז נישט קיין שאַפּ, וואָס מען זאָל דאָ אַריינלאָזן יוניע־לייט. ביי מיר זענען לאַנדס־לייט, משפחה. וואָלט ביי מיר געווען אַרבעטער און אַ שאַפּ, וואָלט מען ביי מיר געווען געאַרבעט אין שבת און אין יום־טוב, אַפילו אין ראש השנה און יום־כפור, ווי אין יעדן יוניע־שאַפּ. איך באַדאַרף דאָס נישט, ווייזט ער

אויף זיין שאַפּ. איך לייג געלט צו דערצו. איך האַלט נאָר דאָס אויף צוליב אייך, אַז מיינע לאַנדסלייט זאָלן קענען מאַכן אַ לעבן. וואָס וואָלט איר געטאָן אָן מיר? ווער האָט אייך גע־בראַכט אין אַמעריקע? צו וועמען זענט איר געקומען נאָך אַ שיפס־קאַרטע, נאָך געלט, אַז איר האָט באַדאַרפט אייערע משפּ־חות אַהערברענגען? צו וועמען קומט איר, אַז איר זענט אין אַ אומגליק? אַז ס'ווערט ווער פון אייך חלילה קראַנק? — האָט אָנקל מאָזעס זיך צעשריגן הויך אויפן קול, אַז די לאַנדסלייט האָבן געציטערט — צו וועמען קומט איר? אַלעס צום אָנקל מאָזעס, הע? איז עס אזוי? און דער וויל ביי מיר איינפירן אַ יוניע. נישט ביי מיר, ברודער! קיינער וועט מיך נישט נויטן, אַז מען זאָל ביי מיר אַרבעטן אין שבת, אין יום־טוב. ביי מיר זענען קיין אַרבעטער נישט. ביי מיר זענען לאַנדסלייט. מיין משפּחה מאכט ביי מיר אַ לעבן, און איך אַרבעט אַזוי שווער ווי איר. איר זעט עס אַליין. און פאַר וועמען? פאַר מיר באַ־דאַרף איך עס נישט! אַלעס נאָר פאַר אייך. איך וועל צושליסן מיין שאַפּ און זוכט אייך ערגעץ אַנדערש ווו אַרבעט. אַז איר וועט באַדאַרפן אַ פּאָר דאָלאַר, וועל איך סיי ווי סיי געבן. האָט נישט קיין מורא, נאָר מער צו טאָן האָבן מיט דעם וויל איך נישט.

— וואָס רעדט דער אָנקל? וואָס מאַכט דער אָנקל זיך דערפון, וואָס אַ ליאַדע יונג זאָגט דאָרט? — הויבן זיך אָן די לאַנדסלייט בעטן ביים אָנקל מאָזעס.

— צוליב אים זאָלן מיר אַלע ליידן? — צעקאָכט זיך אַהרן משה, דעם אָנקלס אַ משפּחה. — אין דער היים איז ער געווען אַ דאָרפס־גייער, געוואוינט געווען מיטן ווינט און ווע־טער, און דאָ איז ער אַ פּרעסער. לאָזט מיך נאָר צו צו אים, וועל איך אים דערלאַנגען אַ יוניע — שרייט דער ייד מיט דער האַנט אויסגעשטרעקט.

— ש־ש־שטיי. ביי מיר שלאָגט מען נישט — האַלט אים דער אָנקל מאָזעס איין. — נאָר וועמען עס געפעלט נישט ביי מיר, דער קען זיך שאַפן ערגעץ אַנדערש וואו בעסער. סעם, זע

וואָס קומט אים און באַצאָל ביז איין גראָשן. און נאָ, דאָ האָסטו נאָך אַ פּאָר דאָלאַר מיט אויפן וועג.

אַנקל מאָזעס גוטסקייט האָט אַלעמען געריהרט. אַנקל מאָזעס האָט געפאַנגען די הערצער פון די קוזמינער לאַנדסלייט מיט דער פרייער האַנט זיינער. ער האָט קיינמאָל קיין לאַנדסלייט נישט אָפּגעזאָגט. און דער „רעוואָלוציאָנער“ אַליין איז גערירט געווען פון אַנקל מאָזעס רייד, און פון זיינע פּאָר דאָלאַר, און האָט חרטה געהאַט אויף זיינע ווערטער.

— בעט איבער דעם אַנקל מאָזעס. די מינוט בעט איבער דעם אַנקל מאָזעס — האָבן די קוזמינער לאַנדסלייט געשריגן.

— קושן אין האַנט לאָז ער. קוש דעם אַנקל מאָזעס אין דער האַנט — האָט אהרן-משה, דער דאָרפס-גייער און דאָ דער פרעסער, געשריגן אויף דעם „רעוואָלוציאָנער“.

דער סוף איז געווען, אַז אַנקל מאָזעס האָט זיך נישט געלאָזט קושן אין דער האַנט. דעם לאַנדסמאַן האָט ער נישט אָפּגעזאָגט פון דער אַרבעט. דאָן, פאַר זיין באַרישקייט, האָט מען אים אַ צונאָמען געגעבן „דער יוניע־מאַן“.

דאָס הייסט אָבער נישט, אַז מען האָט ביים אַנקל מאָזעס נישט געאַרבעט אין שבת. פאַרקערט, שבת איז אין געשעפט ביים אַנקל מאָזעס געווען דער מערסט פאַרנומענער טאָג. די פרומע לאַנדסלייט האָבן דעם טאָג טאַקע פאַרבראַכט אין שול, אין דער היים מיט זייער משפחה. די נישט-פרומע לאַנדסלייט, דעם יונגן עלעמענט, האָט אַנקל מאָזעס איינגעלאַדן שבת, אַז זיי זאָלן קומען אין געשעפט אַריין העלפן פאַרקויפן אָדער אויסבעסערן, ווען מען דאַרף צופאַסן עפּעס פאַר אַ קונה. שבת איז געווען דער טאָג, וואָס מען האָט אַממייסטן געלייזט. און די לאַנדסלייט, דערפאַר וואָס זיי האָבן נישט געקראָגן באַצאָלט פאַר זייער אַרבעט, האָבן זיי די קלייניקייטן נישט געהאַלטן פאַר אַן אַרבעט, נאָר פאַר אַ געטריישאַפט צום אַנקל. דערפאַר אָבער שבת ביינאַכט פלעגן זיך די עלטערע לאַנדסלייט צונויפקומען ביי איינעם פון דער משפחה און פאַרברענגען דעם אָוונט מיט ערינערונגען וועגן קוזמין. מען האָט

געשיקט נאָך ביר און מען האָט זיך אַמוזירט מיט אַלט־קוזמין.

מערסטן פון די קוזמינער לאַנדסלייט זענען דאָך געווען מענטשן, וואָס האָבן זיך דערצויגן אויף דער פרייער נאַטור. קוזמין אַליין איז געלעגן ביים ברעג פון דער ווייסל, איינגע־טונקט צווישן פלוימען־בוימער און גרינסן. און אַז ס׳איז געקו־מען פסח-צייט, האָבן זיך שוין געטראָגן אין דער קוזמינער לופט די לייכטע ווינטעלעך, וואָס האָבן געבלאָזן פון די פרייע פעל־דער און האָבן יעדעס האַרץ יונג געמאַכט. עס זענען דאָך גע־ווען צווישן די קוזמינער לאַנדסלייט אַזעלכע יידן, וואָס האָבן העלפט פון זייער לעבן פאַרבראַכט אין סעדער; פישערס, וואָס זענען געשוואומען איבער טייכן און סטאַוון, ווינטער אויפגעהאַקט דאָס אייז פון געפרוירענע יעזשערעס. יידן שווייגערס, וואָס האָבן אין דערהיים געהאַט צו טאָן מיט מעלקן קי, מיט מילך, מיט גרינסן, מיט אויבסט. און דאָ זענען זיי אַלע געווען אָפּ־געשניטן פון דער נאַטור, פאַרבראַכט זייערע טעג אין אַ פאַר־שטויבטן שאפּ. צי די זון האָט געשיינט, צי אַ רעגן האָט גע־גאָסן, האָבן זיי גאָרנישט מער געזען, נאָר די פאַרביילויפנדיגע באַן. זייער זעלטן האָט איינער פון די לאַנדסלייט די מעגלעכ־קייט געהאַט דעם הימל צו זען בייטאָג. און האָט אַ קוזמינער פלוצלונג אין אַ ווינטער־אָוונט אַנטדעקט די לבנה, וואָס האָט דורך אַ שפּאַרע הימל אַריינגעקוקט אויף אַ מינוט אין עסעקס־גאַס, איז עס ביי אים געווען אַזאַ חידוש, ווי אַ נייער לאַנדס־מאַן וואָלט פון קוזמין אַריבערגעקומען... האָט זיך די קוזמינער געבענקט, נישט וויסנדיג אַליין נאָך וואָס זיי בענקען. זיי האָבן געבענקט נאָך דעם קוזמינער הימל, נאָך דער לבנה, נאָך פעל־דער און נאָך די קוזמינער סעדער, און ווען זיי זענען זיך צו־נויפגעקומען, האָט מען גענומען קוזמין אויפן טיש אַרויף. וואָ־רום קיין אנדער לעבן האָבן זיי נישט געהאַט, נאָר דאָס לעבן, וואָס זיי האָבן הינטער זיך איבערגעלאָזט אין דער אַלטער היים.

אָנקל מאָזעס איז געווען אַ קוזמינער לאַנדסמאַן. און כאָטש ער איז געווען זייער באָס, זייער הערשער, זיי־ער געוועלטיגער, איז ער געווען דער זעלבער לאַנדסמאַן וואָס

זיי. זיין לעבן איז נישט אַנדערש געווען פון זייערס. זיין קינד־הייט און זיין יוגנט און זיינע שיינע טעג האָט ער פאַרבראַכט אין קוזמין. זיינע שענסטע ערינערונגען זענען פון דעם קליינעם שטעטל. און פלעגט מען אים דערמאָנען אָן קוזמין, אָן אַ מענטשן, וועלכן ער האָט געקענט אין זיין יוגנט, אָדער אָן אַן אָרט און פלאַץ, אויף וועלכן ער פלעגט זיך שפּילן מיט די קצבים־יונגען — האָט עס אים אזוי גערירט, אַז עס האָבן זיך באַלד באַוויזן טרערן אין זיינע אויגן. ער פלעגט אָפטמאָל אַריינפאַלן צו די קוזמינער, ווען זיי האָבן פאַרבראַכט שבת אין אָוונט ביי אַ לאַנדסמאַן, און צוהערן זיך צו די קוזמינער מעשיות. גאָר ווען דער אָנקל מאָזעס פלעגט זיך באַווייזן, זענען די קוזמינער פאַרשטומט געוואָרן, מורא געהאַט אַ וואָרט אויסצורעדן, און האָבן געהאַלטן אין איין חנפהנען און מכבד זיין דעם אָנקל און צוהערן זיך צו אים. ער האָט געפילט, אַז ער האָט פאַרטריבן די פריילעכקייט פון זיי מיט זיין אריינקומען, האָט ער זיי פאַרלאָזט.

וואָס עלטער אָנקל מאָזעס איז געוואָרן, אַלץ מער האָט ער אָנגעהויבן צו בענקען נאָך קוזמין. עס האָט זיך אים גע־דוכט, אַז ער איז נאָך אַ בחור, אַ יונגערמאַן, און האַלט נאָך ביי אַ שידוך טאָן. ער איז אַוועקגעפאָרן אין דער פרעמד זיך אַרויפאַרבעטן און געלט מאַכן און איצט וועט ער אַהיים פאָרן נאָך קוזמין אַ רייכער בחור און וועט חתונה האָבן מיט אַ פיין קוזמינער מיידל. אַרויסנעמען אַ קינד פון אַ באַלעבאַטיש הויז און חתונה האָבן... זיין לעבן אין אמעריקע איז ביי אים נישט געווען פאַררעכנט. ער האָט דאָ נישט חתונה געהאַט, נישט גע־פירט קיין באַלעבאַטישקייט. דאָ האָט ער זיך אַרויפגעאַרבעט און געלט פאַרדינט. און איצט ערשט באַדאַרף ער חתונה האָבן און פירן אַן אָנשטענדיג באַלעבאַטיש לעבן, ווי עס פאַסט פאַר אַ מאַן ווי ער איז, פאַרן אָנקל מאָזעס. די יאָרן זענען אָבער געלאָפן, און ער איז געווען פאַרנומען אין ביזנעס און פאַרגעסן זיך, און ווען ער האָט דערוואַכט, און איז שוין גרייט געווען אָנצוהייבן דאָס נייע לעבן, האָט ער איינגעזען, אַז צוריקצופאָרן

נאָך קוזמין איז ער שוין צו אַלט...

מאַשע האָט צוריק באַלעבט זיינע האָפענונגען... פאַרלאָזט האָט ער זיך קיינמאָל נישט אין זיין לעבן אויף אַ צווייטן. צו קיינעם האָט ער קיין צוטרויען נישט געהאַט, נאָר צו זיך אַליין — און איצט אויף דער עלטער, ווען ער האָט באַדאַרפט ליפּע און געטריישאַפט — זיך פאַרלאָזן אויף אַ פרעמדע, האָט ער מורא געהאַט — דאָך דאָס יונגע, קוים רייפע מיידל, וועלכעס האָט אים אַזוי שטאַלץ געקוקט אין די אויגן אַריין און געזידלט אים „חיה", האָט ביי אים דערוועקט אַ געפיל פון אַכטונג, און דאָס געפיל פון אַכטונג האָט אָנקל מאָזעס נישט געהאַט צו קיינעם פון זיינע לאַנדסלייט, וואָס זענען געווען מיט אים אַ גאַנצן טאָג צוזאַמען.

מאַשען האָט ער געהאַלטן פאַר ס'זייניגע, פאַר עפּעס אַזעלכעס, וואָס באַלאַנגט צו אים. אַ טאָכטער פון זיינס אַ משפּחה, וואָס אַרבעט ביי אים, וואָס מאַכט אַ לעבן פון אים— און וואָס זיין גורל איז אָפּהענגיג פון אים. און אַלע, וואָס מאַכן ביי אים אַ לעבן, האָט אָנקל מאָזעס געהאַלטן, באַלאַנגען צו אים, זיי מיט זייערע פרויען און זייערע קינדער. מאַשע איז אויסגעוואַקסן פאַר אים, ער באַדאַרף נאָר זען, אַז אָנשטאָט פיינט האָבן, זאָל זי פאַרגעטערן דעם אָנקל מאָזעס. און פאַרגעטערן וועט זי אים, ווען ער וועט איר גוטס טאָן.

מאַשע איז זייער דערהויבן געוואָרן מיטאַמאָל אין דער היים. צייט מען איז געוואָר געוואָרן, אַז דער אָנקל האָט צוליב איר געהעכערט דעם פאָטערס שכירות אויף גאַנצע פינף דאָלאַר אַ וואָך. די טאַטע-מאַמע האָבן נאָך איר אָנגעהויבן דרך-ארץ צו קריגן, ווי עס וואָלט איר געפאַלן אַ שטראַל פון דער גרויסקייט און שטאַרקייט, וואָס באַקליידט ווי אַ זון דעם אָנקל מאָזעס אין די אויגן פון די לאַנדסלייט... מאַשע איז געוואָרן אין די אויגן פון דער משפּחה ווי אַ וואונדער-קינד, וואָס באַצויבערט. מען האָט זי שוין נישט געלאָזט אַרבעטן אַזוי שווער, און די מאַמע האָט שוין מורא געהאַט צו שרייען

אויף איר. זי איז עפּעס געוואָרן מיטאמאָל ווי אַ יום-טוב-קינד. מאַשע האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס איז געשען.

11

אסתר און אחשורוש

איינציגווייז האָט זיך דאָס געפיל פון אָנקל מאָזעס צו מאַשען פאַרענדערט... אָנגענומען אַן אַנדער כאַראַקטער, ווי ער האָט צוערשט אין זינען געהאַט... מאַשע האָט זיך דערצויגן אונטער די זוניגע שטראַלן פון אָנקל מאָזעסעס חסד. דורך איר איז אויך איר פאָטער, מוטער, איר גאַנצע משפּחה דער-הויבן געוואָרן. ווארום מאשע איז געוואָרן דאָס ווינטש-פינ-גערל, דורך וועלכן מען קומט אָן צו אָנקל מאָזעסעס הארץ.

עס איז עפּעס געלעגן אין דעם קליינעם מיידל, וואָס האָט דעם אָנקל מאָזעס געמאַכט פאַרגעסן אָן אַלע זיינע ביז-נעס און קאָפּ-דרייעניש און געבראַכט אים צו קלערן נאָר וועגן זיך. און דערפאר האָט אָנקל מאָזעס אַזוי געצויגן צו דעם קינד. ער פלעגט ליגן ביינאַכט און נישט קענען שלאָפן. אין קאָפּ האָבן זיך אים געפּלאָנטערט געשעפטן, קאָנקורענטן, בעלי-חובות. ער האָט זיך פאָרגעוואָרפן: צו וואָס? פאַר וועמען? וואָס פאַרברענג איך מיין גאַנץ לעבן מיט זיי? קוים אָבער איז אים געקומען מאשע אין זינען אַריין, איז אים ליכ-טיגער געוואָרן אין די אויגן. ער האָט זיך געזען אַ יונגער מאַן מיט לעבן, מיט אַ ווילן. ער האָט זיך געזען ביי זיך אין דער היים, ביי אַ געדעקטן טיש, נעבן אים זיצט די, וואָס האָט אים ליב, וואָס לעבט מיט אים און קלערט וועגן אים.

ער האָט שוין נישט געוואָלט, אַז זי זאָל זיין זיין קינד. ניין... דעם פאָטער האָט ער אָנגעהויבן גוטס צו טאָן צוליב איר. געהעכערט אים שכירות און אַראָפּגענומען פון דעם שאָפּ און אוועקגעשטעלט אים אַלס קאַסירער. צו מאַשען האָט ער

געשיקט אַ מוזיק-לערער זי לערנען פּיאַנאָ שפּילן, געשיקט איר מתּנות, און פלעגט יעדן שבת און זונטיג אַרויסקומען זי זען.

די ערשטע זאַך האָט ער געמאַכט, אַז דער פּאַטער אי-רער זאָל זיך איבערציען אין אַ גרעסערע וואוינונג, און מאַשע זאָל זיך לערנען און פיל גיין שפּאַצירן. שבת און זונטיג איז ער אַרויסגעקומען צו אַהרן מעלניק אויף באַזוך. צו דער פאַרוואונדערונג פון אַלע זיינע מענטשן, האָט מען באַמערקט, ווי אָנקל מאָזעס האָט זיך אָנגעהויבן די לעצטע צייט צו פּוצן. וואָס דערוואַקסענער און רייפער מאַשע איז געוואָרן, אַלץ מער האָט אָנגעהויבן אָנקל מאָזעס די האָר זיך צו פאַרבן... אַכטונג געגעבן שטענדיג צו זיין ראַזירט... צו קליידן זיך און מיט פאַרפומען צו שמעקן, אַזעלכע זאַכן, וואָס קיינער האָט ביז איצט נישט באַמערקט אין אָנקל מאָזעס. און דאָס פייניגן זיך פון אָנקל מאָזעס צוריק יונג צו ווערן, האָט ביי אַלעמען אַרויס-גערופן אַ רחמנות און אַ מיטלייד צו אים. הינטער זיין רוקן האָט מען שוין אָנגעהויבן צו לאַכן פון אים און ווערטלעך צו זאָגן איבער אים, אַ זאַך וואָס איז קיינמאָל נישט געשען. אָבער אין אָנקל מאָזעסעס געגנוואַרט האָט מען דרך-ארץ גע-האַט און נאָך זיך געמאַכט נישט זען און באַמערקן.

אָנקל מאָזעס האָט אָבער אויף גאָרנישט געקוקט. ער האָט אָנגעהויבן צו לעבן, ווי אין אַ פאַנטאַזיע, ווי אין אַ צווייטער וועלט. עס איז געווען, ווי אָנקל מאָזעס האָט געלעבט אַ פאַרקערט לעבן. אין זיין יוגנט האָט ער זיך אָפּגעגעבן בלויז מיט ביזנעס און זיין הארץ איז געווען טויט, ווי דאָס הארץ פון אַן אַלטן מאַן. און אויף זיינע אַלטע טעג איז אָנקל מאָזעס יונג געוואָרן און האָט אָנגעהויבן צו לעבן צוריק זיין יוגנט, וואָס ער האָט פאַרלאָזן. אָנקל מאָזעס האָט שוין נישט געלעבט מיט זיינע געשעפטן, נישט מיט אויסבראַקירטע סחו-רות, מיטן פאַרלעגענעם לאַגער. ער האָט געלעבט מיט אַ יונג מיידל, וואָס האָלט אין וואַקסן און אַנטוויקלען זיך פון אַ קינד צו אַ פרוי. יעדע ענדערונג, וואָס איז פאַרגעקומען אין

מאַשען, האָט ער באַמערקט... און אַז ער האָט זי געזען פון איין שבת צום אַנדערן, האָט ער זי גוט באַטראַכט, און איינגערעדט זיך, אַז אירע האָר זענען דורך דער וואָך געדיכטער געוואָרן, אירע ציין שאַרפער און שטאַרקער. ער האָט זיך געפרייט מיט דער אַנטוויקלונג פון איר פיגור, מיט דעם וואוקס פון איר הויך, מיט דעם פול ווערן פון איר קערפער... יעדן שבת האט ער אין איר נייעס באַמערקט, אַנטדעקט אַ'ן איר אַ נייעם רייץ, וואָס אַנטוויקלט זיך.

ער איז בעסער געוואָרן צו זיינע מענטשן. זיינע אויגן זענען קלערער געוואָרן און אַרויסגעהויבן זיך פון דעם באַפאַלענעם פּעטס פון זיין פּנים. ער האָט געשמייכלט, און טאָמער האָט ווער נישט געטאָן זיין פליכט, אַזוי ווי עס באַדאַרף זיין, האָט ער אנשטאט בייזערן זיך, געשמייכלט. קיינער האָט נישט פאַרשטאַנען די ענדערונג, וואָס איז געוואָרן אין אים. כאָטש אַלע האָבן געפילט און געוואוסט, אַז די סיבה דערפון איז מאַשע, און זיי האָבן אויסגענוצט מאַשען פאר זייער טובה וועגן. אזוי ווי אַמאָל האָבן די יידן באַנוצט אסתּרן אויסצובעטן טובות ביי אחשורושן, האָבן די קוזמינער לאַנדסלייט אויסגענוצט מאשען פאר אָנקל מאָזעס. האָט אַ לאַנדסמאַן געדאַרפט האָבן אַ שיפסקאַרטע פאר זיין משפּחה, האט מען געשיקט מאַשען צום אָנקל בעטן. האָט ווער באַדאַרפט אַ טאָכטער התּונה צו מאַכן, גאָלדענע ציין אין מויל זיך אַריינשטעלן, אַן אָפּעראַציע זיך צו מאַכן — פאַר אַלצדינג האָט מען געשיקט מאַשען צום אָנקל בעטן. מאַשען האָט דער אָנקל קיינמאָל נישט אפגעזאָגט. קוים האָט זי זיך געוויזן פאַר אים, זענען זיינע אויגן קלערער געוואָרן, דאָס פּעטס פון זיין פּנים האט זיך באַהאַלטן און איז צוריקגעקומען אויף זיין אָרט, און זיין גאַנץ אויסזען האט דעמאָלט געקראָגן אַ מענטשלעכעס געשטאַלט, און מען האָט פאַרשטאַנען דאָס פּנים זיינס, וואָס איז אַן אַנדערש מאָל געווען אומפאַרשטענדלעך... האָט אַליין מאַשע געפועלט ביי אים, אַזוי ווי אסתּר ביי אחשורושן, האָבן איר טאַקע די קוזמינער לאַנדסלייט אַ נאָמען געגעבן אסתּר,

אָנקל מאָזעס — אחשורוש, און אהרן מעלניק — מרדכי היהודי.

צוויי טויטע האָבן זיך געקליבן צו פאָרן אויף יענער וועלט. דאָס זענען געווען דעם אָנקלס פאָטער, דער אַלטער מעלניק, און דער פעטער בערל, וועלכע האָבן זיך געקליבן קיין קוזמין שטאַרבן. דער פעטער בערל האָט שוין נישט גע־האט וואָס צו טאָן אויף דער וועלט. ער האָט געפילט, אז זיין פּאַלאַץ, וואָס ער האָט זיך אָנגעגרייט אויף יענער וועלט, איז פאַרטיג געוואָרן פאַר אים. און די וועלט האָט אים אויך נישט מער געוואָלט. ער איז קראַנק געוואָרן, געשפּיגן מיט בלוט, און נישט געקאָנט מער ארבעטן. און ער האָט אויך געהאַט פאַר־לוירן זיינע פּענסיאָנאַטן־געסט — די קינדער זיינע האָבן חתונה געהאַט. און מיטאמאָל האָבן זיך טאַטע־מאַמע ארומגעקוקט און דערזען זיך, אז זיי זענען געבליבן אָן „קונים". עס איז נישטאָ, ווער עס זאָל דאָס הויז אויסהאַלטן.

דער פעטער בערל האָט געוואָלט דוקא אַהיים פאָרן. זיי־נע לעצטע טעג פאַרברענגען אין קוזמינער בית־המדרש, תהלים זאָגן, און באַגראָבן צו ווערן אויפן קוזמינער בית־עולם.

דאָס ווייב אָבער האָט געטענהט, אַז איר „קוזמין" איז דאָרט — וואו אירע קינדער זענען. און נאָך הונדערט און צוואַנציג יאָר וויל זי ליגן דאָרט, וואו אירע קינדער וואוינען. האָבן זיך מאַן און ווייב געשיידט ביי זייער לעבן — דער פעטער בערל איז צוריקגעפאָרן קיין קוזמין שטאַרבן, און די מוטער איז געבליבן דאָ, אין אַמעריקע.

לכבוד די „צוויי טויטע" זענען זיך אַלע קוזמינער לאַנדס־לייט צענויפגעקומען, אַ נאַכט איידער די שיף גייט אָפּ, צום פעטער בערל, געזעגענען זיך מיט „די טויטע". די „צוויי טוי־טע", דער אַלטער מעלניק און דער פעטער בערל, זענען גע־זעסן פון אויבנאָן און געטרונקען „לחיים" צו די לאַנדסלייט,

און די משפּחה, די טעכטער מיט די איידעמס מיט די אייניק־לעך, האָבן זיך מיט זיי געזעגנט. זיי האָבן געוויינט, ווי מען באַוויינט טויטע. די לאַנדסלייט האָבן מחילה געבעטן ביי זיי.

— וואָס איז דער חילוק? אַלע וועלן מיר אַהיים־פאָרן. אַלע וועלן מיר פאָרן וואוהין זיי פאָרן! — האָט זיך אָנגערופן אַ לאַנדסמאַן, אַן אַלטער ייד, וואָס האָט זיך אויך פאַרבענקט נאָכן קוזמינער גוטן אָרט.

— ר׳ בערל, גריסט זיי דאָרטן.

— אַז איר וועט זען דאָרטן „מיינע״, ר׳ מרדכי, גריסט זיי...

— איר זאָלט זיך מיען פאַר אונז — האָט אַ יידענע אָנגעהויבן צו וויינען.

נאָר די „טויטע״ אַליין זענען זייער פריילעך געווען. זיי האָבן גאָרנישט געפילט, אַז זיי פאָרן שטאַרבן. דעם פע־טער בערלס אויגן האָבן געלויכטן, און ער האָט זיך אויסגע־קעמט די באָרד. עס האָט זיך געדאַכט, ווי דער ייד קומט צו צו דעם גליק, אויף וועלכן ער האָט געוואַרט זיין גאַנץ לעבן, אַז איצט גייט ער אָפּנעמען דעם שכר פאַר זיין גאַנצער האָ־רעוואַניע. און אַ רויקייט און אַ שטילע פריילעכקייט האָט אַרויס־געזונגען פון אַלע זיינע באַוועגונגען.

דער אַלטער מעלניק איז אויך פריילעך געווען, און מיט יעדן געטרונקען לחיים און ווערטלעך גערעדט:

— אַז איך וועל זען דיין טאַטן, דעם אַלטן חיים, אויף יענער וועלט, וועט ער דאָך מיך פרעגן: וואָס מאַכט עפּעס מיין זון אין אַמעריקע? וועל איך אים ענטפערן: דיין זון פרעסט טרפות און איז מחלל שבת, דורך דעם וואַרפט עס דיך אַזוי פון דער ערד אַרויס — וועט ער קומען צו דיר און וועט דיך צודישען ביינאַכט. וועסט אַ שוואַרץ יאָר זיך אויסריכטן — אוי, וועסטו זיך אַ שוואַרץ יאָר אויסריכטן!

האָבן אַלע לאַנדסלייט זיך צעלאַכט פונם „טויטן״, וועל־כער זאָגט ווערטלעך.

צו דער שיף זענען די לאַנדסלייט אַראָפּגעקומען באַ־גלייטן די טויטע, ווי צו אַן אמתער לויה. די קינדער האָבן געוויינט, געפּאַלן דעם פאָטער אויפן האַלז און געבעטן מחילה:

— טאַטע, זיי אונז מוחל, טאָמער האָבן מיר דיך נישט באַהאַנדלט ריכטיג.

— טאַטע, מיר וועלן דיך קיינמאָל נישט פאַרגעסן. אַזוי לאַנג ווי דו וועסט לעבן, וועלן מיר דיר געלט שיקן.

— לאַנג וועל איך שוין נישט באַדאַרפן אייער געלט — האָט דער פעטער בערל רויג און גוטמוטיג געשמייכלט — בלייבט געזונט, מיינע קינדער, און געדענקט אין גאָט.

און ער האָט אָוועקגערופן טשאַרלין, זיין בן־יחיד, אין אַ ווינקל, און געזאָגט צו אים אַזוי:

— איין זאַך פאַרלאַנג איך נאָר פון דיר. מילא, איך האָב אַנדערש געוואָלט — איך קען נישט העלפן. אָבער דאָס זאָג מיר צו, גיב דיין האַנט תקיעת כף דערויף, אַז דו וועסט עס האַלטן: אַז ווען דו וועסט הערן, אַז עס איז שוין נאָך אַלעמען, וועסטו דעם קדיש אָפּהיטן. זאָג מיר צו, מיין זון...

אַלע לאַנדסלייט זענען געשטאַנען און האָבן צוגעזען די סצענע, אַלע האָבן געוואוסט, וואָס דער פאָטער פאַרלאַנגט איצט פון זיין קינד, און אַלע האָבן זיך דערמאָנט אָן זייערע איי־גענע קינדער, ווי ווייט און פרעמד זייערע קינדער זענען פון זיי אין אַמעריקע. די לאַנדסלייט האָבן אָנגעהויבן צו קרעכצן. דאָ און דאָרט האָט ווער אַ טרער געווישט, און איינער האָט געברוימט דעם צווייטן אין אויער אַריין:

— און מיינער איז בעסער? און דיינער איז בעסער?

טשאַרלי, וועלכער איז דורך די פּאָר יאָר אויסגעוואָקסן אַ הויכער און אַ דאַרער בחור, מיט אַ פּאָר שטאַרקע הענט, מיט אַ שטאַרקער ביינערדיגער ברוסט, איז געשטאַנען אַ פאַר־שטיינערטער. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דער פאָטער פאַרלאַנגט פון אים עפּעס הייליגעס און טייערעס. ער האָט רחמנות גע־האַט אויף אים און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. אָבער ער האָט קיין וואָרט נישט גערעדט, ער האָט דעם פאָטער גאָר נישט

געקענט זאָגן. וואָרוםווירקלעך איז אים דער פאָטער געווען אַ פרעמדער. די מוטער האָט ער געליבט, ווייל די מוטער האָט זיך פאַר אים אָנגענומען און פלעגט אים באַשיצן געגן די שוועסטער. אָבער צום פאָטער מיט זיין לערנען און דאַוונען און פרומקייט — וואָס האָט ער געפילט צום פאָטער?

דערווייל זענען די אייניקלעך געשטאַנען אין אַ ווינקל און האָבן זיך געסודעט, און האָבן זיך צענויפגעלייגט געלט, און דער עלטסטער אייניקל, דער גאַליציאַנער, האָט עס צוגעטראָגן בערלען:

— שווער, דאָס וועט איר האָבן אויף „נאָך הונדערט און צוואַנציג יאָר“, אַז מען וועט באַדאַרפן. זאָלט איר...

— אויף נאָך הונדערט און צוואַנציג יאָר באַדאַרף איך נישט; האָב איך מיר אַליין, גאָט צו דאַנקען, אָנגעגרייט פון מיין אַרבעט — ווייזט דער פעטער בערל אויפן טאַרבעלע מיטן געלט, וואָס ער האָט אויפן האַרץ אָנגעבונדן — נאָר ביז צו די הונדערט און צוואַנציג יאָר זאָלט איר מיך נישט פאַרלאָזן. לאַנג וועלן די הונדערט און צוואַנציג יאָר שוין נישט נעמען... איך פיל שוין... — שמייכלט דער פעטער בערל.

אַז עס איז געקומען זיך געזעגענען מיט דעם ווייב, האָט דאָס פאַרפאַלק ערשט פאַרשטאַנען, וואָס אַמעריקע איז געווען פאַר זיי. אַראָפּגעבראַכט האָבן זיי קיין אַמעריקע זייערע קינדער. די קינדער האָט אַמעריקע צוגענומען. און זיי שפּייט אַמעריקע אויס. וואַרפט זיי אַוועק, ווי אַן אומווירדיגע, אומניצלעכע שמאַטע. אַמעריקע האָט זיי צעטיילט אויף די אַלטע יאָרן. פון דער אַלטער מאַמע ציט זי נאָך אַ ביסל נוצן. דעם אַלטן טאַטן שיקט זי אַהיים שטאַרבן.

— דער טויט האָט אונז נישט געקענט צעשיידן, און אַמעריקע האָט אונז צעשיידט — האָט די יידענע געשריען און נישט פאַרשטאַנען, וואָס זי מיינט דערמיט. נאָר עפּעס געפילט אַ גרויסע קללה פאַר דעם לאַנד, וועלכעס האָט פון איר אַלעס אַוועקגענומען — אירע כחות, איר לעבן און אירע קינדער, און שפּייט אויס דאָס, וואָס זי באַדאַרף נישט מער...

נאָר באַלד איז פריילעך געוואָרן ביי דער שיף. אַנקל

מאָזעס איז אַראָפּגעקומען מיטן צווייטן „טויטן". דער אַלטער מעלניק איז טויט שכור געווען. אין דער האַנט האָט ער גע-האַלטן דאָס זעקל מיטן געלט, וואָס ער האָט זיך אָנגעזאַמלט אויף קבורה־געלט פון זיין אייגענער אַרבעט — געקלימפּערט מיטן געלט און געשריען צום זון:

— איך באַדאַרף דיך שוין אויף אַלדע שוואַרצע יאָר, פּרעה מלך מצרים, מיט דיין גאַנץ קעניגרייך אַמעריקע פון הודו ביז כּוש. אויף קבורה-געלט האָב איך אַליין מיר אָנגע-זאַמלט, אויסגעאַרבעט, מיט מיינע אייגענע הענט אויסגעריבן אויפן קאַשע-מילעכל, און אויף וואָס און צו וואָס באַדאַרף איך דיך?...

— קום, בערל, קום צוריק נאָך קוזמין — האָט ער גע-ריסן בערלען ביים אַרבל — בלייב געזונט, פּרעה מלך מצרים — האָט ער דעם זון צוגעשריגן — און איר, לאַנדסלייט, עבדים היינו, גייט צוריק צו פּרעה מלך מצרים אַרבעטן.

אַז די שיף איז אָפּגעגאַנגען מיט די „צוויי טויטע", זע-נען די לאַנדסלייט שטיין געבליבן און נאָכגעקוקט מיט בענקנדיגע בליקן, און נישט איינער האָט מקנא געווען די „טויטע", וואָס פאָרן רו-ען אויף קוזמינער גוטן אָרט, איידער צוריקצוגיין צו פּרעה מלך מצרים.

אַלע זענען טרויעריג געווען. אפילו אָנקל מאָזעס איז טרוי-עריג געוואָרן און נאָכגעקוקט די אָפּגייענדיגע שיף מיט די „טוי-טע". יעדער לאַנדסמאַן האָט זיךדערמאָנט אָן זיין אייגענער ענדע, ווען ער וועט אַהיימפאָרן מיט דער שיף...

אָפּגערוקט פון אַלע זענען געשטאַנען מאַשע און טשאַר-לי, די צוויי דערוואַקסענע קינדער, וואָס האָבן זיך דערצויגן שוין דאָ אין אַמעריקע. זיי האָבן געפּאַסט איינער צו דעם אַנדערן, אין איין וואוקס, אַזוי ווי זיי וואָלטן צוזאַמען אַרויפגע-שאָסן אין דער הויך מיט זייערע שטאָלצע און יונגע קעפּ. זייערע ביינערדיגע בריסט האָבן דערגרייכט איינס צום צווייטן. די צוויי יונגע מענטשן האָבן זיך צום ערשטן מאָל ביי דער „לויה פון די אַלטע" באַגעגנט אַלס דערוואַקסענע. און די יוגנט האָט געצויגן איינס צום אַנדערן. זיי האָבן נישט געזען

די אָפּגעפּאָרענע שיף מיט די „טויטע". זיי האָבן געדעט עפּעס פאַר זיך, און האָבן הויך געלאַכט, ווייזנדיק איינס ס'אַנ־דערע די ווייסע, יונגע, שטאַרקע ציין. די לאַנדסלייט האָבן דערהערט זייער לאַכן, האָבן זיך אומגעקוקט, און איינער האָט געזאָגט צום אַנדערן:

— נאַ, דאָ האָסטו „אַמעריקע"! זיי גייט דען עפּעס אָן? זיי ווייסן דען פון עפּעס? פּאָרט אַ טאַטע אהיים, שטייט ער מיט אַ מיידל און לאַכט.

— זיי זענען גאָר פון אַ גאַנץ אַנדערער וועלט, גאַנץ אַנדערע מענטשן, וואָס ווילסטו פון זיי? — האָט די משפחה זיך געזאָגט.

צווייטער טייל

1.

ער וועט האָבן קינדער.

אָנקל מאָזעס איז אַריינגעקומען פרימאָרגן אין זיין געשעפט אַריין אָן אויסגעפוצטער אין אַ ווייסן שי־סו אַנצוג, און פאַרשמעקט אַ האַלבן מאַגאַזין מיט ראָזן־פאַרפום, וואָס האָט זיך געהערט פון אים פון דערווייטנס. זיינע געל־געפוצטע שיך האָבן געפינקלט פון דערווייטנס און אויסגעזאָגט מיט זייער קוויטשעדיגן קוויטש — ער גייט! זיין ברייט, דיק געזיכט האָט געגלאַנצט פון דעם ריינעם ראַזירן, ווי אַ חיה־פיש, וואָס מען האָט נאָר וואָס פון ים אַרויסגעצויגן. ער האָט אַראָפּגעכאַפּט זיין שטייפן הויכן פאַנאַמאַ־הוט און געווישט זיך דעם צעשוויצטן קאָפּ און הייסן אָפּגעקאָכטן קאַרק מיט אַ ווייס באַטיסטן טאַשן־טיכל. די מענטשן אין געשעפט האָבן זיך פאַר אימה געגעבן אַ כאַפּ אריין אין די ווינקעלעך און געמאַכט זיך זיין פאַרנומען מיט פאַנאַנדערלייגן די אַנצוגן, די הויזן, די רעק. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אינמיטן געוועלב, באַטראַכט די „משפחה״, וואָס האָט געאַרבעט ביי אים. זיי האָט זיך געדוכט, אַז דער בליק געדויערט אַ יאָר. ער האָט געגעבן אַ וואונק מיט צוויי פינגער צו סעמען, צו וועלכן ער האָט אַמייסטן צוטרויען געהאַט, און געגעבן אַ פרעג:

— אַלעס אָלל־רייט?

— יאָ, אַנקל — האָט ער אָפּגעענטפערט.

— וואָס טוט „קוזמין"? — האָט ער געוויזן מיטן פינגער אויפן בוידעם, מיינענדיג די לאַנדסלייט.

— זיי גייען ווינטער־רעק נומער 53.

— גוט, זע זיי זאָלן שניידן, קוזמין שוויצט און שלאָפט נור. זע צו מאַכן לייזעכץ. שנייד, ברודער, וויפל דו קענסט, און מאַך לייזעכץ.

— אָלל־רייט, אַנקל.

— איך וועל נישט זיין אַ גאַנצן טאָג. סעם, גיב אַכטונג, אַלסדינג אָלל־רייט?

— יאָ, אַנקל.

אַנקל מאָזעס האָט געגעבן צו זיין קוזין אַ וואונק מיט די אויגן, ווי ער וואָלט אים געוואָלט פאַרגיטיגן, און ווידער געוואָרפן אַרום זיך אַ בליק.

— באָיס, זונטיג הײַנט, אַ הייסער זונטיג — שניידטס די איטאַליענער און די טשיינימענס — לייזעכץ מאַכטס, לייזעכץ — און ער איז אַרויס פון סטאָר קוויטשנדיג מיט זיינע גרויסע גלאַנצנדיגע געלע שיך.

די משפחה האָט פריי אָפּגעאָטעמט, ווען זיי האָבן אים שוין אָנגעקוקט פון הינטן. זיי האָבן געוואַגט אַרויסצוציין פון סטאָר און געזען, ווי דער אַנקל זעצט זיך אויף אויפן געדונגענעם אויטאָמאָביל, וואָס האָט געוואַרט אויף אים פאַר דער טיר, און אַ שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף זייערע ליפּן...

אַלע האָבן געוואוסט, וואוהין דער „אַנקל" פאָרט, און געוואָרפן הינטער־אַרום בליקן אויף סעמען, און געשטופּט איינער דעם אַנדערן, מאַכנדיג מיט די אויגן אויף סעמען:

— ער האָט געמיינט, אַז ער ירשנט אים שוין! — האָט איינער אַרײַנגעפּלאַכט אין די פּויסט אַריין, ווייזנדיג מיטן פוס אויף סעמען.

— נאַר איינער, ער קען נאָך האָבן צוועלף קינדער. וואָס מיינסטו, ער קען נישט? ווי דער אַלטער פּעטריק אין דער היים.

— האָסט געזען אַ קאַרק? — ברומט אַ צווייטער.

סעם האָט געפילט די בליקן הינטער זיך און פֿאַרשטאַנען דאָס לאַכן. ער האָט זיך אומגעקוקט אויף די יונגען. זיין בליק און זיין פּנים האָבן אָנגענומען דעם זעלבן אָנשטעל, וואָס דעם אָנקלס. און ווירקלעך. ער איז ענלעך געווען צום אָנקל. שאַרפע אויגן, אַ שפּיציגע נאָז און אַ שטאַרקע מענלעכע קין. די יונגען האָבן זיך דערשראָקן פֿאַר אים און געמאַכט זיך רעדן וועגן ביזנעס.

ער האָט אויסגעשפּיגן און איז ארויס פֿאַר דער טיר, נאָכקוקן דעם אָנקל, וועלכער איז שוין געווען לאַנג פֿאַרשוואונדן. ער האָט שאַרף פֿאַרביסן די ציין איבער די ליפּן, זיינע הענט האָבן זיך געבײַלט צו פֿויסטן, און אַ קללה איז צעקריצט געוואָרן צווישן זיינע שטאַרקע ווייסע ציין.

האָט ער דאָס צוליב דעם אַזוי געטריי געדינט דעם אָנקל, פֿון פֿערצן יאָר אָן, זייט ער האָט אים אראָפּגעבראַכט פֿון דער היים, צייט ער איז איבערגעבליבן אַ יתום נאָך דעם פֿאָטערס טויט? געווען איז ער דעם אָנקל אַ געטרייער הויז-הונט. דער אָנקל האָט אים צו אַלצדינג באַנוצט, געמאַכט אויס אים זיין לייב־שקלאַף, זיין שפּיר-הונט. ער האָט נאָכשפּיאָנירט ביי די לאַנדסלייט, ביי דער משפּחה, וואָס האָבן געאַרבעט ביים אָנקל, און אויסגעפונען, ווער פֿון דער משפּחה איז געטריי דעם אָנקל און ווער נישט, און עס איבערגעגעבן דעם אָנקל. דער יונג האָט געטאָן פֿאַרן אָנקל זאַכן, פֿאַר וועלכע ער האָט געקענט אַריינפֿאַלן און פֿאַרפֿאַלן ווערן אויפֿן לעבן לאַנג. ווי דענסטמאָל, ווען מען האָט געכאַפּט די גנבהשע סחורה פֿון דער פֿינפֿטער עוועניו, וואָס ער האָט זי אַריינגעגראָבן אין קעלער, די רעק און די הויזן, אויף וועלכע דער אָנקל האָט אַרויפגעבייט זיין פירמע — האָט דאָס סעם גענומען אויף זיך, און קוים מיט צרות וואָס מען האָט אים אַרויסגענומען פֿון „אומגליק”. ווען עס האָט זיך נאָר עפּעס געמאַכט, האָט עס סעם גענומען אויף זיך. דענסטמאָל, ווען מען האָט פּלוצים דעם „אָנקל” גערופֿן צום אויספֿאָרשונגס-ריכטער וועגן

דער פּוילישער שיקסע, וואָס דער אָנקל האָט זי טראָגעדיג געמאַכט, אָדער מען האָט געדאַרפט „אַדורכקומען" מיט דעם ווייבל פון דעם גאַליציאַנער רעסטאָראַן, איר צאָלן חודש-געלט — אַלעס האָט סעם גענומען אויף זיך. ער האָט פאַרן אָנקל דאָס לעבן זיך איינגעשטעלט, און פאַרן אָנקל וואָלט ער נישט בלויז אין געפענגעניש געגאַנגען ווען מען וואָלט געדאַרפט, ער וואָלט אויך אַ מענטשן געהרגעט. און אַלעס האָט ער געטאָן דער־פאַר, ווייל ער האָט געהאָפט אַמאָל אַליין צו פאַרנעמען דאָס אָרט פון „אָנקל".

די געטריישאַפט צום אָנקל איז נישט געווען אויס חניפה. עס איז געווען אַ פאַרגעטערונג צו דעם מענטשן, וועלכן ער האָט גענומען אַלס פאָרבילד, אַלס אידעאַל — צו ווערן ער וויל אַמאָל אַליין ענלעך זיין. אין דער פאַרגעטערונג צום אָנקל און געטריישאַפט צו אים איז געלעגן די געטריישאַפט צו זיך אַליין און צו זיין אייגענער צוקונפט — ווען ער וועט זיין דער „אָנקל". און מיטאַמאָל זאָל זיך פון דעם גאָרנישט אויסלאָזן! דער אָנקל גייט חתונה האָבן מיט דעם „שנעק", מיט „אהרן גאָרגלס" טאָכטער, וואָס האָט אים אַריינגעקריגן אין די הענט אַריין. זי וועט האָבן מיט אים קינדער — איינס, צוויי, דריי, אַלעס וועט איבערגיין צו די קינדער. זי וועט שוין מאַכן, אַז זי זאָל האָבן קינדער. און ווען מען וועט דאַרפן, וועט זי אים קענען צושאַרן אַ פרעמדס אויך, אַבי זי זאָל די יורשטע זיין. און זי פאַרשטייט עס שוין היינט. איינציגווייז זעצט זי אַריין אין געשעפט „איר משפחה": אַ קלענערע שוועסטער — שוין אַ בוכהאַלטערין; דעם פאָטער אירן, אהרן מעלניק, „גאָרגל" פון דער היים — געמאַכט פאַר אַ קאַסירער. איז וואָס וועט פון אים, סעמען, ווערן? מען וועט אים נאָכאַמאָל אַרויסוואַרפן אויך.

סעם האָט זיך דערמאָנט אָן די געלעגנהייטן, וואָס ער האָט געהאַט געלט צו מאַכן ביים אָנקל. זיין קוזין מאָנעס, וועלכער איז אַמאָל אויך געווען ביים אָנקל, איידער סעם איז

אָנגעקומען — דעם „אָנקלס״ רעכטע האנט — האָט אים געוואָרנט נישט איין מאָל:

— זע, סעם, פאַר מאָרגן זאָל גאָט זאָרגן; דו זאָרג פאַר היינט. וואָס דו האָסט אין באַנק, דאָס איז דיינס. דאָס איבעריגע — אַ נעכטיגער טאָג. דו קענסט נישט דעם „אָנקל״. ער וועט זיך נעמען אַ יונגע מויד אויף דער עלטער. געדענק, וואָס איך זאָג דיר.

סעם האָט זיך דערמאָנט אָן די ווערטער פון מאַנעסן. מאַנעס איז עלטער פון אים און ערפאַרענער, און ער האָט אים נישט געוואָלט האָרכן. אַלץ זיך פאַרלאָזט אויפן אָנקל, געוואָלט אַלעס אַריינקריגן — און איצט האָט ער.

מען דאַרף אין אָוונט אַריינגיין צו מאַנעסן. ער, מיט זיינע אדוואָקאַטן, מיט זיינע „טעמעני האָלל״-ריכטער, וועט שוין אויסגעפינען עפּעס אַ פּלאַן. דעם אָנקל טאָר מען נישט דערלאָזן חתונה האָבן מיט אָט דער שניידערשער טאָכטער, מיט דעם אָט אהרן גאָרגל, וועלכער וועט דאָ ווערן דער מחותּן, און דער חתן פון דער חתונה. אַז נישט — זענען אַלע אין דר׳ערד; די גאַנצע משפּחה איז אין געפאַר...

סעם האָט זיך גוט איבערגעלייגט, אויב ער זאָל דאָס טאָן. זיין געטריישאַפט צום אָנקל האָט אים באַכנישט דערלאָזט דעם אָנקל שלעכטס צו טאָן. ער האָט אים צופיל פאַרגעטערט. ער האָט אים אַזוי ליב געהאַט, אַז אַלע זיינע טאַטן זענען אים געפעלן. סעם האָט זיי פאַרשטאַנען, און ער האָט זיך געגרויסט מיט זיי. אפילו זיין וועלן חתונה האָבן מיט מאַשען איז סעמען אויך געפעלן און וואַרשיינלעך, ווען עס וואָלט נישט געגאַנגען געגן זיינע אינטערעסן, וואָלט ער דעם אָנקל דערצו געהאָלפן. סעמס אַמביציעס פאַר זיין צוקונפט זענען אָבער שוין רייף געוואָרן, און ער איז שוין געווען מענלעך אויף אַזויפיל, אַז ער זאָל שוין קענען מקריב זיין זיינע סענטימענטן:

— כאַפּט אים די כאָלערע, דעם אַלטן. קינדער וועט ער האָבן! — האָט ער זיך געטראַכט, דענקנדיג אָן זיין אייגענער צוקונפט.

קיין כעס האָט ער נישט געפילט צום אָנקל. דעם כעס האָט ער געהאַט צום יונגן „שנעק", צו מאַשען. און צו איר פאָטער אהרן מעלניק, וועלכע האָבן זיך אריינגעגנבעט אין דער „משפחה". זיי האָט ער באַטראַכט פאַר קאָנקורענטן.

— איר, דעם „שנעק", דער כלה זיינער, דאַרף מען אַריינשיקן דאָס ווייבל פון רעסטאָראַן, דעם רעסטאָראַטאָרס טאָכ־טער מיט די פינף קינדער, וואָס דער „אלטער" האָט איר אָנ־געמאַכט, זאָל זי זיך אויסטענהן מיט דער כלה.

— אָך, וועט דאָס זיין אַ חתונה, ווען דאָס גאַליציאַנער ווייבל וועט אַריינקומען צו דער כלה אין טאָג פון דער חתונה! די כלה וועט זיין אָנגעטאָן צו דער חופה צו גיין, און די וועט פאָרשטעלן די קינדער פאַר איר:

— דו גייסט חתונה האָבן מיט מיין מאַן, מיט דעם פאָ־טער פון מיינע קינדער!

אָך, וועט דאָס זיין אַ חתונה — האָט דער יונג נקמה גענומען אין זיינע געדאַנקען.

און דער „אָנקל"? דער אָנקל וועט זיין אָנגעטאָן אין אַ פראַק — ער וועט פאַרשעמט ווערן! ער האָט אַ מינוט רחמנות געהאַט אויפן אָנקל. ער האָט זיך איבערלייגט, אָבער זיין איי־גענע צוקונפט האָט זיך ווידער געשטעלט פאַר זיינע אויגן. ער האָט זיך דערמאָנט אָן ראָזען, זיין אייגענע כלה, און דער יונג האָט פאַרביסן די שאַרפע ציין אויף זיינע ליפּן און גע־זאָגט צו זיך:

— כאַפּט אים דער שווארץ-יאָר; ער וועט קינדער האָבן, דער אַלטער!

מיט דעם נקמה־געפיל איז ער צוריק אַריין אין געשעפט. זיין פנים האָט אָנגענומען די שטרענגע באַפעלערישע מינע, וועלכע ער האָט זיך אויסגעלערנט פון „אָנקל". זיין קין איז געוואָרן שטאַרק, און אונטער דער לאַנגער פליישיגער נאָז האָט זיך פאַרצויגן די משפחהשע גרימאַסע, פאַר וועלכער די לאַנדס־לייט האָבן אַזוי מורא געהאַט. ער האָט געגעבן אַ ברום אונטער דער נאָז, נאָכמאַכנדיג דעם אָנקל:

— שניידן געלט, וויפל עס לאָזט זיך!

דער זונטיג האָט זיך שוין געהאַט אָנגעהויבן אין מעלניקס געשעפט.

2.

מ אָ ש ע.

עס איז עפּעס געשען מיט אָנקל מאָזעס, אַז אָנקל מאָזעס זאָל איבערלאָזן דאָס געשעפט אַליין אין זונטיג און אַרויספאָרן אויף אַ גאַנצן טאָג מיט אַ מיידל שפּאַצירן! און ווירקלעך, איז אָנקל מאָזעס אויף דער עלטער יונג געוואָרן און זיך גענומען צו אַזעלכע זאַכן, וואָס האָט אים לעכערלעך געמאַכט אין די אויגן פון אַלע זיינע באַקאַנטע און דערנידעריגט זיין ווירדע ביי די קוזמינער לאַנדסלייט. אָנקל מאָזעס האָט אָנגעהויבן פּראַנטעווען אויף דער עלטער, ווי אַ ניינצניאָריגער באָיטשיק. אָנגעטאָן שמאָלע, קורצע הויזלעך, אַז עס זאָלן זיך אַרויסזען די ווייסע זאָקן. ער האָט אָנגעהויבן צו טראָגן הויכע, שמאָלע, שטייפע קראַגנס, וואָס האָבן אים געפּייניגט. אָנקל מאָזעס האָט זיך באַגאָסן מיט פּאַרפומען...ביים „גאַליציאַנער" אין רעסטאָראַן, וואו דער אָנקל האָט ליב געהאַט צו עסן די פעטע געבראָטענע אונטערטייל-חלקים פון געבּזלעך און קאַטשקעלעך — האָבן ביזנעס-לייט פון דער „בויער" געקוקט אויף אים און געלאַכט אין די פויסטן. דער נייער פּאַרקויפער, דער וואַרשעווער יונגערמאַנטשיק, וואָס האָט זיך ערשט וואָס אויפגעעפנט אַ נייעם ציגאַרן-געשעפט אין שכנות מיטן אָנקל און איז שוין געווען באַקאַנט אין גאַנצער שכנותשאַפט פאַר אַ „וואַרשעווער", אַ ספּאָרט, אַ שטיפער — האָט אָפּגעטאָן דעם אָנקל אַ שפּיצל: ער האָט באַשטעלט ביי דער גאַליציאַנערין, ביי דעם ווייבל וואָס האַלט דעם רעסטאָראַן — אַ דריי-עקנדיגע קנישע אין פאָרם פון „אַ האַרץ", און האָט אינמיטן אַריינגעקלאַפּט אַ קאָלירט בילדל פון אַ מיידל מיט רויטע בעקלעך, אָפּגעריסן פון אַ בי-

ליג שאָקאָלאַד=קעסטל — און עס צוגעשיקט צום אָנקל. אָנקל מאָזעס האָט געזען און געהערט ווי מען לאַכט אים אויס, פאַר=שטאנען דעם שפאַס, זיין רויטער קארק איז אָנגעלאָפן מיט בלוט, אָבער ער האָט זיך נישט געקענט העלפן. ער האָט גע=מוזט קאָנקורירן מיט אַ יונגנמאַנטשיק, מיטן ניינצניאָריגן טשאַרלי, וועלכער איז די לעצטע צייט געוואָרן זייער אן אָפ=טער גאַסט ביי אהרן מעלניק און איז אויסגעגאַנגען מ ט מאַשען. אָנקל מאָזעס האָט זייער מורא געהאַט פאַר דעם ניינצניאָריגן סטודענט, ער האָט איבערהויפט מורא געקראָגן פאַר אַלע, וואָס זענען יינגער פון אים. נאָר זיין איינציגע טרייסט איז געווען, וואָס דער ניינצניאָריגער סטודענטל טראָגט אַ פאָר אויסגעגעסע-נע הויזן מיט אויסגעטראָגענע קאַמאַשן, און שטאַרבט פאַר אַ סענט, און ער קען זיך אָנטאָן ווי דער לעצטער ספאָרט. אָנקל מאָזעס האָט פאַרשטאַנען, ווי לעכערלעך ער איז אין דעם, און ווי אָרעם עס איז זיין אויסזען געגן טשאַרלי, נאָר אָנקל מאָזעס האָט מלחמה געהאַלטן. ער האָט שוין געהאַט אזוי פעסט אָפגע=מאכט אין זיין געדאַנק חתונה צו האָבן מיט מאַשען, מיט דעם אַכצניאָריגן מיידל. וואָס ער אַליין האָט דערצויגן, חתונה צו האָבן און קינדער צו האָבן אויף דער עלטער, קיינעם נישט אויף להכעיס, נאָר פאַר זיך אַליין, פאַר זיין אייגענעם פאַר=געניגן אין לעבן. ער האָט זיך געהאַלטן אַזוי באַרעכטיגט דער־צו, אז ער האָט נישט פארשטאַנען דעם חוזק, וואָס מען מאַכט פון אים. דאָס פראַנטעווען זיך איז ביי אים געווען אַ מיטל צו געווינען דאָס נאַרישע הארץ פון דעם יונגן מיידל. מילא, או זי וויל עס — דאַרף מען דאָס טאָן. און אין די קורצע שמאָלע הויזלעך מיטן ענגן צוגעצויגענעם ראָק אויף זיין דיקן בויך, מיט דער קורץ וואויל=יינגלשער פארשוירענער גזשיוקע, האָט אָנקל מאָזעס אָפגעמאַכט ערנסטע געשעפטן, געדונגען זיך מיט סוחרים, פאַרקויפט און געקויפט הייזער, בייגעוואוינט זיצונ=גען פון וואוילטעטיגע אינסטיטוציעס, געיאָגט מיט זיינע בליקן קוזמין צו דער אַרבעט, ווי ער וואָלט גאָרנישט באַמערקט קיין לעכערלעכעס אין זיין פראַנטעווען זיך, אין זיין יינגלשן אָנטאָן

זיך, אין זיין פאַרבן און פודערן זיך די באַקן... און ער איז געווען דער זעלבער שטרענגער „אָנקל מאָזעס" אין זיינע האַלב-ייִנגלישע פאַרשטעלטע קליידער, ווי ער איז געווען אין זיין אַלטן טעגלעכן לעבן.

דריי יאָר האָט אָנקל מאָזעס מיט געדולד געוואַרט אויף דער פערצניאָריגער מאַשע, ביז זי וועט אויסוואַקסן, יעדע פּאָר טעג איז ער געקומען צו אהרן מעלניק באַטראַכטן זיין צוקונפטס-גליק, און געקוויקט זיך אין פאַרבאָרגענע זיסע פאַנטאַזיעס. ער האָט זי באַטראַכט, ווי מען באַטראַכט אַ וואַקסנדעס אייגנטום. אַז מאַשע איז אַלט געוואָרן זיבעצן מיט אַ האַלב יאָר, האָט זיך אָנקל מאָזעס גענומען אויסצופירן זיין פאַרלאַנג. ער איז איצט געפאָרן מאַשען אַרויסצונעמען — אַרויסצונעמען, נישט מער ווי ער האָט זי ביז איצט אַרויסגענומען אַלס קינד, נאָר ווי אַ דערוואַקסענע, פאַרשטענדיגע מיידל, וועלכע פאַרשטייט דאָס גרויסע גליק, וואָס איז איר באַשערט.

ער האָט געשמייכלט צו זיך אַליין און עס איז אים גוט געוואָרן דערמאָנענדיג זיך אָן מאַשען, ווען ער איז געפאָרן צו איר איצט אין דעם פרישן זומער-מאָרגן, וועלכער איז נאָך אָפּגעקילט געווען פון ביינאַכטיגן רעגן און האָט שוין געאָטעמט מיט דער שפּעטערדיגער פייכטער היץ. ער האָט זי געזען אין דעם ווייס-באַטיסטענעם קליידל, פון קאָפּ ביז צו די פיס, ווי עס שפּראָצט איר קערפּער אונטער דעם קליידל. זייט זי איז אויפגעוואַקסן, האָט דער „אָנקל" ליב געהאַט מאַשען צו זען אין ווייסן. ווייס האָט אים דערמאַנט אָן עפּעס אָנגענעמעס. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט נאָך דער חתונה — ווי זי ליגט אין קינפּעט, מיטן קינד, זיין קינד — און ער גייט אַריין צו איר אביסל אָנגעטרונקען, אויפגערוימט, און זי קוקט אַרויס פון בעט אין ווייסן, און איר פּנים זעט אויס ווי געפּייניגט. און זי קוקט אויף אים בעטנדיג זיך ביי אים רחמנותדיג. — ער איז צופרידן געווען דאָס צו דענקען, וואָרום זיין אינערלעכע באַהאַלטענע פרייד איז געווען מאַשען צו זען אין קינפּעט, און זי זאָל האָבן אַ געפּייניגט בלייך פּנים — דאָס האָט

אים איר ווייס קליידל דערמאנט, צוליב דעם האָט ער איר ווייסע קליידלעך געמאכט מתנות. ער האָט זי געבעטן היינט, זונטיג, זיך אָנצוטאָן אין ווייסן באַטיסטענעם קליידל, ער האָט אָפּגערעדט מיט איר ארויסצופאָרן אויף א גאַנצן זונטיגדיגן טאָג אין א נאָענטן באָד־אָרט.

מאשע האָט שוין געוואַרט אויף אים, און, ווי ער האָט איר אָנגעזאָגט, אין ווייסן. דורך די פּאָר יאָר, וואָס דער אָנקל האָט זיך אינטערעסירט מיט איר און זי אויפגעצויגן, איז זי צוגעוואוינט געוואָרן צו אים, ווי צו א פאָטער. זי האָט זיינע קאַפּריזן צוליב געטאָן ווי א קינד, ווי א קלוג קינד טוט אָפט־מאָל צוליב א צעלאָזענעם טאַטן. זי איז אויפגעצויגן געוואָרן דעם אָנקל צו האָרכן און אַלצדינג צוליב טאָן. איר פאָטער, איר מוטער, איר גאַנצע משפחה און אַלע לאַנדסלייט האָבן זי אזוי געלערנט. און נישט נאָר געלערנט, נאָר אַלע האָבן דעם אָנקל געהאָרכט. און נישט בלויז צוליב געטאָן זיינע קאַפּריזן, נאָר פאַרן אָנקל וואָלטן זיי אַלצדינג געטאָן, אפילו ווען ער וואָלט געוועזן פאַרלאַנגט פון זיי זייער אינטימסטן אייגנטום — וואָלטן זיי אים אַוועקגעגעבן... זיי זענען איבערהויפּט גליק־לעך געווען, ווען דער אָנקל האָט פון ווער־עמען וואָס געוואָלט, ווען דער אָנקל האָט ווער־עמען באַגליקט מיט באַפעלן אים. און ווען דער אָנקל האָט זיך אויסגעפרעגט אויף ווער־עמענס ווייב, אָדער דערוואַקסענע טאָכטער — איז יענער געהויבן געוואָרן אין די אויגן פון די לאַנדסלייט...

אַלע לאַנדסלייט האָבן מקנא געווען און נישט פאַרגונען אהרן מעלניק דאָס גליק, וואָס דער אָנקל איינטערעסירט זיך מיט מאשען, און צוליב דעם איז מאשע געוואָרן דאָס יונגטש־פינגערל פון אנקלס הארץ. ווי א לאַנדסמאַן האָט עפּעס גע־האט א בקשה צום אָנקל — א טאָכטער חתונה צו מאַכן, א משפחה אראָפּצונעמען, געלט אהיימצושיקן — איז מען געקומען צו מאשען, און וועמען ער האָט געוואָלט האָט אהרן מעלניק

איר פאָטער׳ צוגעזאגט טובות. מען האָט געחנפעט אַהרן מעל־ניק ווי אַמאָל סעמען, און ראָזע׳ זיין ווייב, האָב באַשטימט דעם גורל פון די קוזמינער לאַנדסלייט, אַלץ צוליב דעם ווינטש־פינ־גערל מאַשע, וואס האָט געפונען אַזאַ לייטזעליקייט אין די אויגן פון דעם אָנקל׳

מאַשע האָט זיך אויפגעצויגן אין דער אַטמאָספערע, און באַטש זי האָט שוין אָנגעהויבן צו פארשטיין (מיטן געפיל האט זי עס שוין לאַנג געשפּירט) די העסלעכע ראָלע, וואָס זי שפּילט, דאָך האט זי זיך נישט געקענט העלפן. טאַטע־מאַמע, די משפחה און אלע לאַנדסלייט האָבן עס געהאלטן פאַר אַזאַ גרויס גליק, וואָס האט איר געטראָפן, אז זי האט נישט גע־וואַגט קיין וואָרט צו רעדן אָדער אַנדערש צו טראַכטן. און ביז לעצטנס האָט זי עס ווירקלעך געהאלטן פאר א גליק. נאָר די לעצטע צייט׳ וואָס אַנטוויקלטער און עלטער זי איז געוואָרן, האָט זי אָנגעהויבן צו פילן, אַז זי וועט עפּעס באַדארפן צאָלן פאר דעם גליק. עס איז איר נאָך נישט גאַנץ קלאָר געווען, וואָס אַזעלכעס וועט זי באַדאַרפן באַצאָלן׳ נאָר זי האָט זיך גע־האלטן פאר אַ קרבן פאר פאָטער־מוטער׳ פאר אירע שוועסטער, פאַר איר משפחה, פאר אלע לאַנדסלייט...

דאָס געפיל האָט ארויפגעצויגן אַ קלייד פון טרויעריקייט און שטילקייט אויף איר מיידלשן וועזן. און ווען זי איז גע־ווען צוזאַמען מיט יונגע חברטעס און פריינט אויף אַ טיי, אויף אַ באַל, אָדער ביי פריינט, האָט מאַשע טיילמאָל נישט געקענט לאַכן אַזוי פריי און גליקלעך, ווי די אנדערע אירע חברטאָרנס. עס האָט זיך איר געדאַכט, אַז עפּעס וואָס שוועבט איבער איר, פרעמדס און טרויעריגס, און אַלע זעען דאָס; אַז איבער איר ווייס אַטלעסן קליידל, וואָס איז שענער און רייכער פאַר אַלע אירע פריינדינס, שוועבט א פרעמדע, טונקעלע גאַזע, ווי מען הענגט אַריבער איבער אַ טויטע כלה... עס האָט זיך איר גע־דאַכט, אז זי האט שוין נישט קיין רעכט צו פרייען זיך און צו לאַכן אַזוי הויך און פריי — ווי די אַנדערע מיידלעך איר גלייכן...

און טײַלמאָל, אין אַ מיטן נאכט, ווען אַלע אין שטוב זענען פעסט און רויִק געשלאָפן, האָט זיך געהערט אַ וויינען, אַ שטיל, קלינגענדיק וויינען...

3

אַ חתונה.

איבער די טרעפּ האָבן זיך געהערט אָנקל מאָזעסעס קוויטשענדיקע נײַע געלע שיך, און זײַן שטימע:

— מאַשע, פאַרטיק?

אין דער אָפענער טיר זענען געשטאַנען טאַטע-מאַמע. דער אַמאָליקער מאַשינען-שטעפּער אהרן מעלניק איז דיקלעך געוואָרן. ראָזע איז אויך דיקלעך און געזונטער געוואָרן. ביידע האָבן אויסגעזעען פיל ייִנגער און געזונטער. אהרן מעלניק האָט זיך געלאָזט וואקסן אַ בערדל, אַ שוואַרץ בערדל, און ער האָט געקריגן רויטע בעקלעך און אַ רויטן קאַרק פון ביר טרינקען. אהרן איז געווען אָן ראָק, אין ווייסן געפּרעסטן העמד, ערשט וואָס אָפּגעגעסן פרישטיק, ראָזע אין זײַדענעם אונטער-קלייד, און ביידע האָבן אָקעגן געשמייכלט דעם אָנקל מיט פרייד:

— פאַרטיק, אָנקל, פאַרטיק!

דאָס מאַן און ווײַב, אַזוי ווי זיי האָבן זיך געהאַסט איינס דאָס צווייטע אין אָרימקייט, אַזוי האָבן זיי זיך ליב געקראָגן אין עשירות. אַזוי ווי זיי האָבן זיך געהאַלטן אין איין שילטן אין טרויעריקייט, אַזוי האָבן זיי זיך געהאַלטן אין איין בענטשן איינס דאָס צווייטע אין פריידן. איינער האָט איבער דעם אַנדערן געזאָרגט. און נאָר „אהרן לעבן” און „אהרן קרוין” און „ראָזע — זאָלסט מיר געזונט זײַן”, און „האָסט דאָך נישט געהאַט היינט אין מויל”, און נאָך אַזעלכע ליבשאַפטן. ביידע האָבן אָנגענומען דעם אָנקל אונטערן אָרעם און אַרײַנגעפירט אין שטוב אַרײַן.

מאַשע האָט זיך באַלד באַוויזן. אָ, זי איז דורך דער צײַט

חירקלעך גרויס געוואָרן. דאָס קינד איז איר נאָך געלעגן אויפן פנים, דער מוטערס מילך אויף די ליפן. אָבער איר פיגור און איר געשטאַלט האָבן געשלאָגן פון זיך מיט אַ דערפרישנדיגער יוגנט און רייפקייט. אירע שוואַרצע געדיכטע האָר זענען געוועזן צוזאַמענגענומען און פאַרבונדן אין צוויי געדיכטע צעפ אין אַ שוואַרץ זיידענעם באַנד. אין אַ ברייט־ראַנדיגן שטרויענעם קאַפעלוש און אין ווייסן, ווי דער אָנקל האָט אָנגעזאָגט. אַ ווייס טיולן לאַנג קליידל מיט אַ ווייס זיידענעם ברייטן באַנד האָט אַרומגענומען איר דינע יונגע פיגור. זיידענע ווייסע זאָקן און ווייסע הויכע שיך. דער אָנקל האָט זי אַרומגעכאַפּט מיט אַ בליק, ער האָט, ווי זיין געוואוינהייט איז געווען, ווען ער איז צופרידן געווען, ביי ביזנעס, נאָס געמאַכט זיינע הענט און באַגלעט זיינע האָר — אַ געוואוינהייט, וואָס ער האָט נאָך מיטגעבראַכט פון דער היים, פון זיינע קצבישע יאָרן, און קען זיך דערפון נישט אָפּגעוואוינען. און ער האָט אונטערגעברומט מיט אַ שמייכל: גוט!

— אָנקל לעבן, אפשר עפּעס געניסן, עס שטייט אַלץ אויפן טיש, — האָט אהרן מעלניק געזאָגט.

— נישטאָ קיין צייט, דער אויטאָ וואַרט.

— טאָמער דאָך — אָפּגעקאָכט אַ היימישן באָרשט מיט סמעטענע, ספּעציעל פאַרן אָנקל — האָט ראָזע איינגעלאַדן.

דער אָנקל האָט בייז אָנגעקוקט אהרן מעלניק.

— הערסט דאָך, נישטאָ קיין צייט. דער אויטאָ וואַרט — האָט אהרן געוויזן מיט דער האַנט צום ווייב.

— מאַשע, קום, קום. מיר וועלן שוין עסן אויפן וועג.

מאַשע איז נאָכגעגאַנגען דעם אָנקל. טאַטע־מאַמע זענען אין טיר געשטאַנען. און נאָר געוואונטשן:

— אַמוזירט אייך גוט!

אָנקל האָט געמאַכט מיט דער האַנט.

— נו, מאַשע, ווי געפעלט דיר? — האָט דער אָנקל אָנגענומען מאַשעס האַנט, ווען דער אויטאָמאָביל האָט זיי געפירט איבער די גאַסן אויפן וועג אַרויס.

— זייער — האָט דאָס מיידל אָפּגעענטפערט.

— איך וועל דיר געבן פיל פאַרגעניגן — האָט דער אַנקל איר געפּאַטשט אויף דער האַנט.

מאַשע האָט אָנגעהויבן מורא צו האָבן פאַרן אַנקל. דאָס ערשטע מאָל האָט זי געהאַט אַזאַ געפיל צום אַנקל... זי האָט אים אָנגעקוקט. אַזוי ווי זי איז געזעסן איצט נעבן אים אין אויטאָמאָביל און געזען, ווי ברייט און גרויס ער איז, האָט זי זיך דערשראָקן פאַר אים. עס איז איר נישט איינגעגאַנגען דאָס פאָרן מיטן אויטאָמאָביל. זי וואָלט געוואָלט אַרויסגיין, אַוועקגיין. דער אַנקל האָט זיך, דאַכט זיך איר, אויפגעפירט עפּעס מאָדנע. ער האָט זי פּלוצלונג אָנגענומען ביי דער האַנט און געקוקט איר אין די אויגן אַריין, און געזאָגט צו איר:

— האָרך, מאַשע, איך האָב דיך גערן. איך וויל, אַז דו זאָלסט מיך אויך גערן האָבן.

— געוויס האָב איך גערן דעם אַנקל.

— נו, נו, איך וויל, אַז דו זאָלסט מיך שטאַרק ליבן, שטאַרק ליבן. דעם אַנקל באַדאַרף מען שטאַרק, שטאַרק ליבן — האָט זי דער אַנקל אָנגענומען ביי דער האַנט און געקוקט איר אין די אויגן אַריין.

מאַשע האָט אָנגעהויבן מורא צו קריגן. זי האָט געשמייכלט קינדיש:

— דו ביזט היינט אַזוי מאָדנע, אַנקל!

— מאָדנע? האַ, האַ, מאָדנע, — איך וועל דיר זאָגן היינט א וואָרט, אַזאַ וואָרט, פיל האָבן געוואַרט אויף דעם וואָרט, — קיינעם נישט געזאָגט, און דיר וועל איך עס זאָגן.

מאַשע האָט מורא געהאַט צו פרעגן, וואָס פאַר אַ וואָרט. זי האָט איבערהויפּט עפּעס מורא געהאַט צו רעדן, זי וואָלט נאָר געוואָלט אַרויס, אַרויס ווי אַמשנעלסטן.

— האָרך אויס, מאַשע, — ווערט פּלוצים דער אַנקל ערנסט און נעמט זי אָן ביי דער האַנט — איך ווייס, דו ביסט אַ

קלוג מיידל, און דו ווערסט פארשטיין, דעם אָנקל באדארף מען ליב האָבן און אים האָרכן, און רעספּעקט האָבן פאר אים, גרויס רעספּעקט, דו זעסט, ווי אלע רעספּעקטירן דעם אָנקל — עס איז נישט אומזיסט, מיין קינד, נישט אומזיסט. דער אָנקל האָט ליב געהאָרכזאַמקייט, טאָן אַלצדינג וואָס ער הייסט, דו הערסט — אַלצדינג, דריקט ער זי פעסט ביי דער האַנט, גאָר נישט אַקעגן רעדן און גאָר זיך נישט שפּארן. אַז דער אָנקל זאָגט, אז היינט איז זונטיג — איז זונטיג, אַז דער אָנקל זאָגט, אַז היינט איז מאָנטיג — איז מאָנטיג, טאָג איז טאָג, נאַכט איז נאַכט, און דער עיקר — געהאָרכן, מיין קינד, טיף געהאָרכן, אַלצדינג געהאָרכן, פארשטאַנען, מאַשע?

— דו ביסט אזוי לעכערלעך, אָנקל — האָט מאשע פלוּצים זיך צעלאַכט אים אין פּנים אַריין.

דער אָנקל האָט פארביסן די ליפּן, געשוויגן און געקלערט אַ מינוט וואָס צו טאָן, ער האָט אָפּגעמאַכט ביי זיך איצט אָפּצוהאַקן דעם געשפּרעך — און איר צייט צו געבן, לאָזן אַריינדרינגען זיינע ווערטער טיף אין איר יונגן האַרץ. ער האָט געזען, אַז זיינע ווערטער האָבן געמאַכט אויף איר אַן איינדרוק.

עס איז געווען אַ יידישער האָטעל פאַר אָלל־רייטניקעס אין דער גאָענט פון דער שטאָט, וואו עס איז פארפאָרן דער אויטאָמאָביל מיט אָנקל מאָזעס און מאַשען. אויף דער וועראַנדע זענען געזעסן דיקע יידישע ווייבער, געפּודערט, אין באָד־קאָסטיומען, און האָבן געשפּילט אין קאָרטן, וואו נישט וואו האָט זיך ביי אַ קרענצל פּרויען אויך באַוויזן אַ יונגער מאַן, אויך אין באָד־קאָסטיום, אויך אזוי פעט און אָנגעטאָן, אַז מען האָט געמיינט, אַז ער איז אַ יידענע... די בעל־הביתטע פון האָטעל, די באַקאַנטע שרכנטע, מיסעס פליישמאַן, די אייגנטימערין פון האָטעל, איז זיי אַקעגן געקומען. די געסט אויף דער וועראַנדע האָבן אַ מינוט אויפגעהערט צו שפּילן און מיט נייגעריקייט געוואָרפן בליקן אויף דעם פּאָרל וואָס איז אָנגעקומען. אַלע האָבן געקענט דעם אָנקל מאָזעס. ער איז געווען פון זייער אייגענער משפּחה אין ביזנעס, און געוואוסט פון זיינע באַציונגען צו

מאַשען. די ווייבער האָבן אים אָקעגן געשריגן פון די טישלעך:
— מר. מעלניק, נישט געזען מיין מאַן?
— יעס, געזען.
— ער קומט אַרויס?
— ער שוויצט אין שטאָט, מיסעס — האָט דער אָנקל
ברייט אָפּגעענטפערט.

מיסעס פליישמאַן האָט אָנגענומען מאַשען ביי דער האַנט
און געשמייכלט איר אין פנים אַריין, נישט ווייסנדיג ווי זי צו
באַגריסן.

— דאָס איז מיין כלה, מיסעס פליישמאַן — האָט דער
אָנקל פאָרגעשטעלט מאשען.

מאַשע איז בלייך געוואָרן און דערשראָקן, און נישט גע-
פונען קיין כח אַ וואָרט צו רעדן.

ביי די טישלעך מיט די האַלב־נאַקעטע פרויען, וואו מען
האָט אין קאָרטן געשפּילט, איז ארומגעגאַנגען אַ געמורמל ווי
אין אַ בינשטאָק.

4

מאַנעס אַגיטאַטאָר.

אָנקל מאָזעס האָט זיך גענומען אויף ערנסט אַ חתן צו
ווערן. ער האָט באַפוילן אהרן מעלניק, אַז ער זאָל צו-
גרייטן גרויסע תנאים און איינלאַדן אַלע קוזמינער לאַנדס-
לייט, — ביר און בראָנפן וויפל זיי ווילן אויף זיין חשבון.
און ער אַליין, דער אָנקל, איז אַרומגעגאַנגען מעשה חתן. עס
איז געווען אַ פרייד און אַ לוסט צוצוזען, ווי ער פירט זיך
אויף, ווי ער קויפט איין די כלה־מתנות, און ווייזט זיי אַלע-
מען. די קוזמינער לאַנדסלייט האָבן זיך געפרייט מיט דעם,
וואָס דער אָנקל איז אַ חתן געוואָרן, ווי מיט זייער אייגענער
שמחה. זיי האָבן נאָר נישט פאַרגונען אהרנען דאָס גליק. און

ווידער האָבן זיי זיך געטראַכט, גלייכער אַן אייגענער זאָל אריינקומען אין „שמאַלץ גרוב", איידער א פרעמדער. מען קען גיכער אַ טובה באַקומען. און האָבן געחנפעט אהרנען מיט זיין ווייב, מיט זיינע קינדער, ווי דורך זיי וואָלט מען צוגעקומען צום העכסטן גליק.

דערווייל איז סעם, דער קוזין, נישט געשלאָפן. נאָך דעם זעלבן אָוונט, ווען דער אָנקל איז אַרויסגעפאָרן מיט מאַשען, איז סעם אַוועק צו זיין קוזין מאַנעס — מיט אים זיך מיישב צו זיין, וואָס צו טאָן צו פארהיטן דאָס אומגליק, אַז דער אָנקל זאָל נישט חתונה האָבן.

מאַנעס אייבער פון גאנץ קוזמין האָט געפירט דאָ אין אַמעריקע דאָס זעלבע לעבן, ווי ער האָט געלעבט אין דער היים. אין דער היים איז מאַנעס געווען אַ וואוילער יונג. ער האָט מלחמה געהאַלטן מיטן גאַנצן שטעטל, מיטן רב, מיטן נגיד, מיטן פּראָצענטניק, מיט אַלע זייערע מנהגים און פירונגען, און ער האָט געפירט זיין אייגן אַרט לעבן. מאַנעס האָט זיך אין דער היים געחברט מיט שקצים. דער איינציגער ייד, וואָס האָט געהאַלטן טויבן, האָט נישט געקענט פאַרטראָגן קיין עולה, סיי געגן זיך און סיי געגן פרעמדע, און האָט זיך קיינמאָל נישט געקלאָגט פאַרן געריכט, נאָר ער האָט געהאַט זיין אייגענעם געריכט, ער איז געווען דער שופט און ער האָט באַצאָלט פאַר אומרעכט. גאַנץ קוזמין געדענקט נאָך דאָס שפּיצל, וואָס מאַנעס האָט אָפּגעטאָן יואל פּראָצענטניק.

ווען מאַנעס איז אַהיימגעקומען פון סאָלדאַטן, האָט ער געפונען, אַז דאָס שטעטל קוזמין איז געווען אינגאַנצן פאַר-שולדיגט צו יואל פּראָצענטניק, וועלכער איז געווען דער רייכס-טער מענטש פון שטאָט. אַלע הייזער זענען געווען פאַרמשכנט צו יואלן, אַלע כלה-מתנות, חתונה-געשאַנקען ליגן אין אַ גרויסן קאַמאָד ביי יואל פּראָצענטניק. דאָס שטעטל קרעכצט אונטערן שווערן יאָך פון ציגזן, וואָס יואל פּראָצענטניק האָט אויף די איינוואוינער אַרויפגעלייגט. אַלע אַרבעטן פאַר אים און אַז יואל גייט אַרום יעדן פרימאָרגן איבער די הייזער אויפמאָנען זיינע

צינזן — פאַלט אָן אַ שרעק אויף די איינוואוינער. מאָזעס האָט נישט געקענט איבערטראָגן די עולה. האָט ער זיך מיישב געווען מיטן סטאַרשי סטראזשניק, וואָס צו טאָן. ביי יואלן האָט געדינט אַ מויד — האָט זי געוואוסט, וואו די אַלע משכנות זענען באַהאַלטן. די מויד איז אָבער געווען געטריי יואלן און נישט געוואָלט אַרויסגעבן. האָט מאָזעס איר צוגעשאַרט אַ יונג פון זיינע יונגען פאר א חתן. דעם חתן האָט מען צוגעזאָגט נדן, האָט ער אַרויסגעקראָגן פון דער מויד, אז יואל האַלט די משכנות פארשטעקט אין אַ גרויסן קאמאָד און די שליסלען — אונטערן קישן. האָט ער אָפּגעמאכט מיט דער מויד, אַז זי זאָל ביינאַכט די טיר עפענען אינדערשטיל. ביינאכט איז מאָזעס צוגעפאָרן מיט א פור פאַר יואלס הויז, אַרויסגענומען מיט נאָך אַ יונג דעם גאַנצן קאָמאָד פון שטוב, אַרויפגעלייגט אויף דער פור און אוועקגעפירט צום וואַסער. די וועקסלען האָט מאָזעס צוריקגעשיקט יעדן בעל־הבית אין שטוב אַריין. די אָרימע משכנות, די זילבערנע לייכטער, חופה־וקדושין פינגערלעך, אוי־רינגלעך, יעדן איינעם אָפּגעגעבן לויט דעם נאָמען, וואָס איז געשטאַנען אויפגעשריבן אויפן קוויטל, וואָס איז געהאָנגען ביי יעדן משכון (יואל איז געווען אַן אַקוראַטנער מענטש). די גאַלדענע זייגערס האָט דער „סטאַרשי סטראַזשניק” צוגענומען פאַר זיך און דאָס בעסטע געלט, וואָס האָט זיך געפונען אין שופלאָד, האָט מאָזעס צוגענומען פאַר זיך. דער מויד, וואָס האָט אויפגעעפנט די טיר, האָט ער געגעבן אַ פאָר הונדערט רובל נדן, חתונה געמאַכט זי מיטן חתן, און דאָס גאַנצע שטעטל האָט זיך געפרייט און געטאַנצט אויף דער חתונה.

דעם ליידיגן קאמאָד האָט מאנעס די צווייטע נאַכט גע־בראכט צופירן צו יואלן און אים אַוועקגעשטעלט הינטער דער טיר.

אַזוי האָט מאָזעס אַמאָל באַפרייט גאַנץ קוזמין פון אונ־טער יואל פראָצענטניקס שווערן יאָך. די קוזמינער לאַנדסלייט דערציילן נאָך ביז היינטיקן טאָג דעם נס פון דער באַפרייונג און בענטשן אים די הענט.

אַז מאַנעס איז אַראָפּגעקומען קיין אַמעריקע (געמוזט אַנט־לויפן, צוליב אַ גנבה), האָט ער לאַנג אין שאָפּ ביים אָנקל מאָזעס נישט געקענט איינזיצן. מאַנעס איז געווען דער ערש־טער, וואָס האָט זיך באַפרייט פון אָנקל מאָזעסעס שאָפּ און האָט דאָ אין אַמעריקע געפירט דאָס זעלבע לעבן, וואָס אין דער היים. ער האָט באַלד דערכאַפּט די אַמעריקאַנער לופט און איינגעזען, אַז אויב ער זאָל לעבן לויטן געזעץ, וועט ער לאַנג נישט דערלעבן, און וואַרטן ביז עס וועלן אַנדערע, בעסערע געזעצן געמאַכט ווערן, קען ער דערווייל אַריינוואַקסן אין קבר אַריין. האָט זיך מאַנעס געזאָגט, אַז מען דאַרף זיך אַן עצה געבן. האָט ער באַלד איינגעזען, אַז אין אַמעריקע איז דער עיקר גוטע ברידער, אַ סך גוטע ברידער צו האָבן, און איינער זאָל דעם אַנדערן געבן אַ „געלעגנהייט". איז מאַנעס באַלד געוואָרן אַ מיטגליד פון אַ סך חברות, נאָר דער טעטיגסטער מיטגליד איז ער אין דער חברה צו קעמפן געגן „פּראָהיבישן". מאַנעס האט שוין איריש־לייט פאַר גוטע ברידער. יידן האָט ער פיינט — וואוינען וואוינט ער צווישן די אירישע, נישט ווייט פון די יאַטקעס. געוואָרן איז ער אַ קאָנטראַקטאָר ביי הייזער, האַלט אַ פּאָר פּוילישע שקצים מויערערס, מאָלערס און גוטע ברידער שאַרן אונטער אַרבעט. מאַכט זיך אַ צרה, קומט מען צום עלטסטן אַליין. אַז נישט — איז צום פּאָליטישן „באָס" פון באַצירק. דערפאַר, אַז עס קומט צו די וואַלן, איז מאַנעס „אָלל־רייט". דאָס גאַנצע פענסטער איז ביי מאַנעסן געווען באַ־האָנגען מיט בילדער פון זיינע „מענטשן". מאַנעס לויפט אַרום צו די לאַנדסלייט און אַגיטירט. מאַנעס גיט געלט. מאַנעס אַר־בעט אויף אַלע כלים. אין דעם טאָג פון „וואַלן" טוט זיך מאַנעס אָן פאַר אַן איירישמען, אין אַ גרינעם קראַוואַט און שטעלט זיך אַוועק „היטן". נישט איינמאָל קומט אויס צו אי־בערצייגן די געגנער מיט הענט־אַרגומענטן. און אויף דעם איז מאַנעס דער בעסטער אַגיטאַטאָר. ווען מען דאַרף מאַנעסן, שלעפּט מען אים פון איין וואַל־באַצירק צום אַנדערן, אַז ער זאָל דיסקוטירן מיט די הענט. דער „באָס" פון באַצירק האָט

אים אַ נאָמען געגעבן „אַגיטאַטאָר", אין קלוב פון די אַנטי-פּראָהיבישן אויף דעם עק גאַס, ווו עס זענען געהאָנגען די בילדער פון אַלע געוועזענע באָסעס, איז מאָזעס באַרימט, אַלס דער בעסטער אַגיטאַטאָר.

פאַרגאַלט שוין, אין דעם טאָג פון וואַלן, איידער די רע-זולטאַטן זענען נאָך באַוואוסט, באַהענגט מאָזעס דאָס גאַנצע הויז זיינס מיט בעזימער, מיט גרויסע בעזימער, און ער און זיין ווייב און אַלע זיינע קינדער האַלטן בראָגעס אין די הענט און גרעגערן אַרויס די אַנדערע פּאַרטיי...

דאָס יאָר איז מאָזעס „אָלל-רייט". דער גאַנצער באַצירק באַלאַנגט צו אים. דער ריכטער איז זיינער און דער באַצירק-קאָמיסאַר איז זיינער און אַלע „קאָפּס" זענען זיינע. די גאַנצע שטאָט איז זיינע. דורך דעם פילט זיך מאָזעס שטאַרק דאָס יאָר. און מאָזעס איז באַרימט ביי אַלע זיינע לאַנדסלייט. און ווען עמיצער פון די קוזינער לאַנדסלייט האָט געהאַט עפּעס צו טאָן מיט פּאָליציי, אָדער מיט דעם ריכטער איז מען גע-גאַנגען צו מאָזעסן, און מאָזעס האָט שוין געמאַכט אַזוי, אַז עס איז געווען „אָלל-רייט".

און ווירקליך האָט מאָזעס פאַרמאָגט אַ געוויסן געפיל פאַר גערעכטיקייט. ער האָט פון דער נאַטור נישט געקענט אי-בערטראָגן קיין עוולה. די איינאָרדנונג פון דער וועלט, אין וועל-כער ער האָט געלעבט, איז געווען אַזאַ, אַז נישט אַלע מאָל זענען די איינריכטונגען געגאַנגען האַנט אין האַנט מיט דער גערעכ-טיקייט. און נישט אַלע מאָל איז געווען אַזוי לייכט צוצוקומען צום געזעץ און נישט אַלע מאָל איז דאָס געזעץ געווען גערעכט. דורך דעם האָט מאָזעס געפונען דעם וועג פון זיין פּאַרטיי — צו שטיצן גוטע ברידער און אָנצונעמען זיך פאַר אַן אייגענעם— פאַר אַ פּיל נענטערן און גלייכערן וועג צו גערעכטיקייט — ווי דאָס טויטע וואָרט פון געזעץ. דורך דעם איז מאָזעס גע-ווען אַן אמתער, געטרייער דינער צו זיין פּאַרטיי, ווייל ער האָט זי געהאַלטן פאַר די בעסטע און גערעכטע. פאַרן ריכטער, דעם פירער פון זיין פּאַרטיי, וואָס איז נאָך דערצו געווען אַ

ייד און שטענדיג געגעבן מאַנעסן די האנט· ווען מאַנעס האָט אים אָנגעטראָפן אין גאַס· און ער פלעגט אים זאָגן „העלאָו, אַגיטאטאָר!״ — פאַר דעם ריכטער וואָלט מאַנעס אוועקגעגעבן דאָס לעבן. אין זעם ריכטער האָט מאַנעס געזען אַ פארקערפערונג פון זיין אידעאַל. ריכטער גרינפעלד איז געווען זיין מענטש; אַז מען האָט עפּעס באַדאַרפט, איז ער צו אים אַ היים געגאַנגען און זיך דורכגעשמועסט מיט אים. פאַר דעם ריכטער האָט מאַנעס נישט געהאַט קיין געהיימנישן. ער האָט אים געזאָגט דעם אמת, און יענער האָט אים געגלייבט, ווי אַזוי ער זאָל זאָגן מאָרגן אין געריכט, זיך אויסשטעלן פאַר אים.

ריכטער גרינפעלד איז געווען מאַנעסעס אידעאַל, און דורך דעם וואָס גרינפעלד איז נאָך געווען א ייד, און אַ גוטער ייד דערצו, וועלכער האָט יעדן שבת געדאַוונט — איז ער געווען מאַנעסעס שטאָלץ. און כאָטש מאַנעס אַליין איז נישט פרום געווען, דאָך איז עס אים געפעלן, וואָס אַ ריכטער גייט דאַוונען יעדן שבת און איז אַ מאַכער אין יידישע חברות. און דערפאַר וואָס אין אַמעריקע איז פאַראַן אַ יידישער ריכטער, וואָס אין אַמעריקע איז פאַראַן אזאַ פאַרטיי, ווי זיינע, וואָס טוט פאַר אַ גוטן ברודער אַלעס — האָט מאַנעס ליב געהאַט אַמעריקע — דאָס לעבן. אַמעריקע — מיין לאַנד — פלעגט מאַנעס מיט שטאָלץ טענהן צו די איריש-לייט. און מאַנעס איז געווען אַ גרויסער פאטריאָט פון אַמעריקע און פון ריכטער גרינפעלד. ביי אים אין שטוב איז געהאָנגען פון איין זייט וואַשינגטאָנס פאָרטרעט, און פון דער אַנדער זייט ריכטער גרינפעלדס פאָרטרעט. און, איז געקומען אַן אַמעריקאַנער יום-טוב, האָט מאַנעס אין פענסטער אַרויסגעהאָנגען אַ גרויסע אַמעריקאַנער פאָן, און פון איין זייט וואַשינגטאָנס פאָרטרעט און פון דער צווייטער זייט גרינפעלדס פאָרטרעט...

דורך דעם האָט מאַנעס פיינט געהאַט די נייע פאַרטיי, װאָס איז אויפגעשטאַנען, די סאָציאַליסטן. ערשטנס, וואָס זיי זענען נישט קיין פאַטריאָטן און מאַכן אָן צרות, און דאָס

צווייטע, וואָס זיי אַגיטירן געגן דעם ריכטער. ער האָט זיי נישט פאַרשטאַנען און נישט געוואוסט, וואָס זיי ווילן. די אַנ־דערע פּאַרטיי האָט ער פאַרשטאַנען. די רעפּובליקאַנער ווילן האָבן זייערע לייט, כּדי זיי זאָלן זייערע לייט טאָן טובות. אָבער וואָס ווילן די סאָציאַליסטן? יושר? ווי ווייט קען מען גיין מיט יושר! און וואָס וועט שוין זיין, אַז עס וועלן זיין ערלעכע וואַלן, ווער וועמען וועט דערפון וואָס אַרויסקומען? „ווער וועט עפּעס דערפון האָבן?" פלעגט ער טענהן און זיין איבערצייגט אין זיינע רייד, „עס וועלן אַריינפאַלן נישט קיין פּאַסנדע מענטשן, עפּעס לאַפּעטוטעס. אַ ייד וועט האָבן צרות חעט נישט זיין צו וועמען צו גיין, צו וועמען זיך צו ווענדן".

— האָסט געהערט, יושר ווילן זיי האָבן — ווער באַ־דאַרף האָבן דעם יושר, אַז דער יושר קען נישט העלפן, צו אַלדע שוואַרצע יאָר.

און צום „גוטן ברודער" מאַנעס האָט זיך סעם געווענ־דעט איצט, ווען דאָס אומגליק האָט זיך געטראָפן מיטן אָנקל. סעם איז אין אָוונט אַוועק צו מאַנעסן. מאַנעסן האט ער גע־טראָפן אין קלוב, דאָרט, וואו עס האָט זיך אויך געפונען דער פּאָרטרעט פון וואַשינגטאָן און פון ריכטער גרינפעלד. מאַנעס איז געווען אַ הויכער, אַ דאַרער, מיט אַ גלאַט־פאַרקעמטן שייטל, ביי די פּאות האָט זיך אים שוין געגרויט, און די קורצע געשוירענע וואָנסעלעך האָבן זיך אויך שוין געגרויט. מאַנעס האָט גלייך פאַרשטאַנען, אַז עס איז עפּעס. וואָרום, אַז סעם זאָל קומען צו אים — (סעם איז געווען אַ גרויסער פויגל, דעם אָנקלס רעכטע האַנט) — אַז סעם זאָל זיך פּלוצ־לונג באַווייזן, מוז עפּעס זיין אינטערעסאַנטעס. און כאָטש מאַ־נעס האָט נישט געהאַלטן פון סעמען — ווייל סעם איז אַזוי געטריי דעם אָנקל, און לאָזט נישט פאַרדינען קיין „גוטן ברו דער" — דאָך איז סעם געווען אַ צו „וויכטיקער פויגל" אַז ער זאָל זיך נישט פרייען מיט זיין וויזיט.

— וואָס איז געשען? — האָט מאַנעס געפרעגט. ער האָט

געוואוסט, אַז צו אים קומט מען נישט אנדערש, סיידן מען האָט עפּעס אַן אומגליק.

— קום אַרויס מיט מיר, וועלן מיר רעדן.

— דאָ קענסטו רעדן, ווי אין דער היים. דאָ זענען אַלע מײַנע גוטע ברידער. קענסט רעדן.

— דער אַלטער גייט דאָך חתונה האָבן — האָט סעם געזאָגט, זיך צוריקקנדיג צו אים.

— ווער, דער אָנקל? — האָט מאַנעס געפרעגט אויפגערעגט.

— יאָ, מיט אהרן מעלניקס קליינער מויד.

— ער וועט האָבן קינדער דער אלטער — האָט מאַנעס געזאָגט, בלייך אויפן פּנים.

— וואָס, קראַנק איז ער דען, דער אַלטער?

אין אָנקל זענען אַלע געווען פאַראינטערעסירט, אַלע לאַנדסלייט, משפּחה נישט משפּחה — דער אָנקל איז געווען אַ היימישע זאַך. ווי אַ קעניג ביי אַ פאָלק, אָדער אַ פאָטער ביי קינדער. אַלע זענען זיי שטאָלץ געווען מיט זיין פאַרמעגן, אַלע האָבן עפּעס געהאָפט אויפן אָנקל.

— ליגסטו דאָך אין דר׳ערד, איך האָב דיר שטענדיג געזאָגט: זע, וואָס דו טוסט? זאָג מיר, האָסטו זיך עפּעס אָנגעגרייט?

— איך בין אים געטריי געווען ווי אַ הונט, נישט קיין גראָשן קיין אייגענעם, נישט פאַרגונען אויסצוגעבן אַ סענט — איך האָב אים געדינט ווי אַ געטרייער הונט — איצט וואָס? זי וועט מיר נאָך הייסן גיין אויך — וואָס בין איך ביי איר, ווער בין איך! האָט זיך דער גרויסער סעם צעוויינט פאַר מאַנעסן.

מאַנעס האָט געהאַט אַ ווייך האַרץ. ער האָט נישט בלויז רחמנות געהאַט אויפן יונג, ער האָט אויך איינגעזען די גאַנצע גערעכטיקייט פון דעם יונג, וואָס וויל נישט, אַז דער אָנקל זאָל חתונה האָבן, כדי די ירושה נישט צו פאַרלירן. און דערפאַר איז ער געווען דעם אָנקל געטריי און ערלעך אים גע-

דינט. מאָזעס האָט געפּילט אַ באַדערפעניש דעם יונג צו העלפן:

— ער האָט דאָך, דוכט זיך, געהאַט צו טאָן מיט אַ ווייבל?

— ער האָט פון איר דריי, פיר קינדער, וועלכע ער האַלט אויף.

— און וואָס שווייגסטו, נאַר, פיר מיך נאָר אַהין צו דער יידענע. ער וועט שוין נישט חתונה האָבן, דער אַלטער.

— מאָזעס, טו אים נישט קיין שלעכטס, עס איז אַ רחמנות אויפן אַלטן — האָט סעם געזאָגט אַרויסגייענדיק.

— וואָס הייסט איך וועל אים טאָן שלעכטס, ער איז דאָך מיין אַנקל אויך, און עפּעס אַן אַלטער מאַן — האָט מאָזעס אָפּגעענטפערט מיט אַ באַליידיגונג.

5

אַנקל מאָזעס זעט אַלעס פאַרויס.

אַנקל מאָזעס האָט אָבער אַלעס פאַרויסגעזען, און ווי אַ געניטער סוחר האָט ער ליב געהאַט, איידער ער גייט אָפּטאָן אַ „ביזנעס", זאָל ער זיך מיט אַלעמען פאַרזיכערן, אַז קיינע איבעראַשונגען, קיינע ענטוישונגען זאָלן זיך מיט אים נישט טרעפן. איידער אַנקל מאָזעס האָט זיך געקליבן אַ חתן ווערן מיט מאַשען, איז ער אַוועק צום מאַן פון ווייבל, מיט וועלכער ער האָט קינדער געהאַט, און איז דורכגעקומען מיט אים.

— וואָס ווילסטו, זאָג?

דער ווייבלס מאַן איז געווען אַ קליין, נידעריג, שוואַרץ-ברוין יידל. אַ שוואַרץ-האָריג באַוואַקסענער, דאָס פּנים, די הענט, דער האַלז — אַלצדינג וואָס מען האָט ביי אים אַרויס-געזען, איז געווען באַוואַקסן מיט האָר. פון די האָר האָבן אַרויסגעבלישטשעט צוויי שוואַרצע אויגעלעך, ווי צוויי שוואַר-צע מייזלעך. ער איז געווען ביים ווייבל אונטערן פאַנטאָפל.

דאָס ווייבל האָט געפירט אַ רעסטאָראַן. אַ ביסל לעמבערגער שנאַפּס, זיסן, היימיש-געמאַכטן, מיט פעטע לעבערלעך צו פארבייסן האָט מען געקריגן אין רעסטאָראַן. און דערפאַר וואָס דאָס ווייבל איז געווען אַ חנעוודיגע, מיט אַ פּאָר חן־גריבעלעך, וואָס האָבן זיך געשפיגלט אין אירע פעטע בעק־לעך, האָט זי געצויגן צו זיך עלטערע לייט. די ביזנעס-לייט האָבן אויף איר געזאָגט, אַז זי איז אַזוי באַטעמט, ווי דער פעטער הינטערשטער טייל גענזלעך און קאַטשקעלעך, וואָס מען קריגט ביי איר... דאָס ווייבל איז געווען די פירערין פון די ביזנעס, און דער מאַן האָט איר אַרויסגעהאָלפן. זיין אַרויס־העלפן אין רעסטאָראַן איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט איינגערעדט אַ פּאָר ביזנעס-לייט, וואָס האָבן געהאַט אַ נענ־טערן צוטריט, אַז זיי האָבן אַן אַנטייל אין די קינדערלעך, וואָס זיין ווייב האָט... און האָט אויפגעמאָנט געלט דערפאַר. און אַזוי ווי ער האָט נישט געהאַט מער פון דריי קינדער — זענען זיינע קליענטן געווען באַגרענעצט און זיינע איינקונפטן זענען געווען קליין... און ווירקלעך האָט ער נישט געוואוסט, צו וועמען זיינע דריי קינדער, וואָס ער האָט פון זיין ווייבל, באַלאַנגען: צו אים, צי צום אָנקל מאָזעס, אָדער צו אַן אַנ־דער ביזנעס־מאַן. דאָס האָט אים אָבער נישט געשטערט צו זיין אַ געטרייער פאָטער צו די קינדער, צו זאָרגן פאַר זייער רעליגיעזע דערציונג, צו גיין מיט זיי אין שול אַריין דאַוו־נען — וועלכעס ער אַליין האָט געלערנט מיט זיי.

— מיסטער מעלניק, וואָס הייסט וויפל איך וויל? — עס זענען דען מיינע קינדער? עס זענען דאָך אייערע קינדער!

— נו, נו, — האָט אים דער אָנקל געקיצלט מיט אַ פינגער — דו האָסט אויך אַ חלק אין זיי.

— מיסטער מעלניק, עס זענען אייערע קינדער — האָט אים דער ייד פאַרזיכערט ערנסט. אדרבה, פרעגט גיטלען (דאָס ווייבל האָט געהייסן גיטל), אדרבה, פרעגט זי.

— אַז איך ווייס נישט וועלכעס איז מיין, וועלכעס איז

דיין, און וועלכעס איז דעם ביזנעס-מאנס פון „דילענסי״ גאס — לאכט דער אנקל.

— מיסטער מעלניק, זי איז געווען אייער ווייב מער פאר אלעמענס, גלויבט מיר — פארזיכערט אים דער יונגער מאן.

דאס האט נאר דער יונגערמאן אזוי געזאגט, כדי פון אנקל וואס מער געלט ארויסצוקוועטשן. אין הארצן אבער איז ער געווען איבערצייגט, אז די קינדער זענען זיינע, יענע — דעם אנקל און דעם צווייטן סוחר, — נארט נאר דאס ווייבל אפ, זי רעדט זיי איין, ווייל מען דארף דאס צום „געשעפט״.

— און וואס וועט זיין, אז איך וועל דיך מאכן פאר א אויפמאנער איבער די הייזער אין „עסעקס״ גאס, וועט זיין אלל-רייט?

דער יונגערמאן האט געוואלט צופאלן צום אנקל, כאפן דעם אנקלס האנט און קושן; זיין גרעסטע אמביציע אין לעבן איז געווען צו ווערן אן אינקאסענט פון ארימע הייזער. שטענדיג אונטערגעדריקט, ליגנדיג אונטער דעם ווייבלס פאנטאפל — האט דער שווארץ-האריגער יידל געחלומט אליין צו ווערן א הערשער, צו געוועלטיגן איבער אנדערע. און אזיווי זיינע אמביציעס זענען נישט ווייטער געגאנגען פון עסעקס גאס, וואו ער האט געוואוינט — דורך דעם האט ער געחלומט צו ווערן א מושל איבער די איינוואוינער, אריינצוקומען אין א שטוב אריין און צו באפעלן: „דירה-געלט, אדער זיך ארויסציען״, ארויסצווארפן פאמיליעס פון זייערע היימען, צו ווערן א שטרענגער מאנער, אז גאנץ עסעקס גאס זאל ציטערן פאר אים. דאך מיטאמאל איינצושטימען אויפן אנקלס פארשלאג האט ער מורא געהאט, כדי ער זאל דערנאך קיין פארדרוס נישט האבן, אז ער האט צו וויניג גענומען, האט ער צוגעלייגט מיט א פארשעמט מינעלע:

— מיט הונדערט דאלאר באר (מער האט אים דאס הארץ נישט געלאזט).

— מיט נאָך אַ הונדערטער — האָט דער אָנקל צוגעשמייכלט.

דער יידל האָט ווידער פאַרדרוס געהאַט, פאַרוואָס האָט ער נישט געזאָגט צווייהונדערט, אָדער גאָר פינפהונדערט — און עס האָט אים געביסן. האָט ער אין אַ ווײַלע אַרום ווידער צוגעלייגט:

— מיט אַ מתּנה פאַר מיר.

— וואָס פאַר אַ מתּנה ווילסטו?

— אַ גאָלדענעם זייגער מיט... מיט... — קלערט דער יידל וואָס זאָל ער זאָגן — מיט נאָך אַ פינפאונצוואַנציגער טאַש-געלט.

— דעם גאָלדענעם זייגער קריגסטו, די פינפאונצוואַנציג דאָלאַר נישט — קיין איין סענט נישט מער — שרייב אונטער דעם פּאַפּיר, אַז די קינדער זענען דײַנע, און דו האָסט גאָרנישט צו מיר.

— שוין, שוין, מיסטער מעלניק לעבן — האָט דער שוואַרץ-האָריגער ייד צוריקגעכאַפּט, מורא געהאַט, אַז דער אָנקל זאָל נישט חרטה קריגן, און איז צופרידן געווען, וואָס ער האָט פון אָנקל אַלעס אַרויסגעקריגן, וואָס עס האָט זיך נאָר געלאָזט, און ער וועט מער קיין פאַרדרוס נישט האָבן. דער אָנקל אָבער, וועלכער האָט פאַרשטאַנען יענעמס געדאַנק, האָט דערנאָך חרטה געהאַט, וואָס ער האָט אים דעם פינפאונצוואַנציגער נישט נאָכגעגעבן — כּדי יענער זאָל זיך פּייניגן, אַז ער האָט געקענט נאָכמער אַרויסקריגן...

— גיטל לעבן — האָט דער מאַן אַרײַנגעשריגן אין רעסטאָראַן — קום נאָר אַרײַן.

גיטל, וועלכע האָט געבאָמבלט מיט אירע פּערלדיגע אוירינגלעך אין די אויערן, מיט די האַלב צעלאָזענע שוואַרצע האָר, איז אַרײַנגעקומען מיט אַ קאָקעטיש מינעלע, וועלכעס האָט זיך באַהאַלטן אין די חנעוודיגע גריבעלעך.

— פּנחס לעבן, האָסט מיך גערופן — האָט דאָס ווײַבל אויסגעזונגען, דערזעענדיג דעם אָנקל.

— מיסטער מעלניק גייט דאָך חתונה האָבן, ווינש אים מזל־טוב, גיטל לעבן — האָט דער מאַן געזאָגט.

גיטל לעבן, וועלכע האָט געוואוסט פון די אונטערהאַנדלונגען מיטן מאַן, האָט זיך געמאַכט, ווי זי ווייסט פון גאָרנישט.

— וואָס גייט עס מיך אָן, וואָס מיסטער מעלניק גייט חתונה האָבן?

— און איך ווער דאָך ביי מיסטער מעלניק אַ מאַנעדזשער פון די עקספּענס־האַוס״הייזער, — דאַנק מיסטער מעלניק, גיטל לעבן.

אַז גיטל לעבן האָט דאָס דערהערט, האָט זי זיך צעוויינט.

דער מאַן האָט זיך אַרויסגעמאַכט, איבערגעלאָזט זי מיטן אַנקל, אַז זיי זאָלן זיך געזעגנען. דער אַנקל האָט איר אָנגעזאָגט, אַז פון היינט אָן זאָל זי זיין געטריי דעם מאַן אירן און אויפפירן זיך ווי אַ יידישע טאָכטער באַדאַרף זיך אויפפירן, און זי זאָל נישט וויינען. נאָך דער חתונה וועט ער זי אויך געדענקען. און אַז דער מאַן איז אַריינגעקומען, האָט ער שוין געפונען זיין ווייב אַ באַרויקטע. דער אַנקל האָט דעם מאַן אויך אַריינגערופן אין אַ ווינקל און אים אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל זי גוט באַהאַנדלען און אָפּהיטן זי — און זיי ביידע, דער מאַן מיטן ווייבל, האָבן אים געוואונשן אַלדאָס־גוטס, אַז ער זאָל גליקלעך זיין און דערלעבן נחת מיט דעם נייעם יונגן ווייבל...

— זי זאָל האָבן ביי דיר אַ בעסער מזל, ווי איך — מאָזעס לעבן — האָט זיך דאָס ווייבל צעוויינט.

אַז מאַנעס מיט סעמען, דעם קוזין, זענען דערנאָך געקומען צו דעם ווייבל פאַרקלאָגן, אַז דער אַנקל גייט חתונה האָבן, האָבן זיי געפונען דאָס פּאָרל, דעם מאַן מיטן ווייבל, גאָרנישט פאַרוואונדערט, אדרבה, זיי האָבן זיך נאָך געפרייט.

— פאַרוואָס זאָל ער נישט חתונה האָבן? — האָט זיך דער מאַן אָפּגערופן, — און וואָס גייט אונז אָן, אַז דער אַנקל האָט חתונה?

— ער איז דאָך נאָך אַ יונגערמאַנטשיקל, פאַרוואָס זאָל ער נישט חתונה האָבן? — האָט דאָס ווייבל צוגעלייגט, ווי אַ מבינטע...

האָבן זיי ביידע, מאַנעס און סעם, פאַרשטאַנען, אַז דער אָנקל איז שוין דאָ פריער געווען פון זיי, און האָט אַלצדינג שוין פאַרריכט — האָבן זיי געשוויגן.

— סעם, האַק אָפּ, אַלצדינג האַק אָפּ, ווישׁ אָפּ דאָס מויל און מאַך אַ שווייג, זעסט דאָך, עס איז פאַרפאַלן — האָט איב געראַטן מאַנעס.

— מאַך זיך, ווי דו ווייסט פון גאָרנישט, און אַז דו וועסט עס דערהערן, פריי זיך דערמיט. פריי זיך זייער, ווינש דעם פעטער מזל-טוב און ווער גוט מיט אהרנען און מיט דער גאַנצער משפּחה פון דעם ווייבל, חנפע זיי, רים זיי, לעק זיי, אַלצדינג, ביזט ביי זיי אין די הענט, גוטער ברודער — האָט אים מאַנעס געלערנט.

סעם האָט געוואוסט אַליין, וואָס צו טאָן. געוויס האָט ער באַשטימט אַזוי צו טאָן. איז דען געווען אַן אַנדערע עצה? אָבער אין האַרצן האָט ער זיך אַנדערש געטראַכט. ער אַליין איז אַרויסגעקומען פון דער משפּחה מעלניק — איז געווען דעם אָנקלס אַ קוזין, און נישט בחינם האָט ער זיך גענומען דעם אָנקל פאַר אַן אידעאַל און האָט אים אין אַלצדינג נאָכ-געטאָן.

ניין, ער האָט זיך נישט געקענט אַזוי לייכט אָפּזאָגן פון זיינע אַמביציעס דעם אָנקל צו ירשנען און אַליין אַמאָל צו פאַרנעמען דעם אָנקלס שטעל — און ער איז גרייט גע-ווען אויף אַלצדינג, פאַר גאָרנישט זיך אָפּצושטעלן, נאָר דעם שידוך נישט צולאָזן.

אַלעס פאָרויסגעזען, אַלעס פאַרריכט, אַז קיין איבעראַשונ-גען זאָלן זיך נישט טרעפן, האָט אָנקל מאָזעס באַפוילן אהרן מעלניקן די תּנאים אָנצוגרייטן. אַ סך גענזנס, און ביר, און שנאַפּס אויף זיין חשבון. די קוזמינער לאַנדסלייט האָבן עס טאַקע געהאַלטן פאַר אַ קוזמינער גליק, וואָס דער אָנקל נעמט

אַ פּראָסט אָרים מיידל פון זיינע לאַנדסלייט פאַר אַ כּלה, און אַלע האָבן זיך דורך דעם געפילט געהויבן און געהאַלטן זיך פאַר מחותּנים.

אויף די תּנאים האָט דער אָנקל געלאָזט וויסן די קוזמינער לאַנדסלייט, אַז די חופּה וועט ער שטעלן אין אַן אייגענער קוזמינער שול, וועלכע ער וועט קויפן פאַר די קוזמינער לאַנדסלייט. די קוזמינער לאַנדסלייט האָבן געוואָלט אים קושן די הענט, און זענען אים דאַנקבאַר געווען, וואָס ער האָט זיי איינגעלאַדן אויף די תּנאים, און וואָס ער גייט פאַר זיי קויפן אַ שול. זיי האָבן אים באַוואונטשן דעם קאָפּ מיט ברכות און געשפּיגלט זיך און געפרייט זיך מיט זיין גליק און עשירות. זיי האָבן אים פאַרגליכן צו אַלע אבות — איינער צו יעקב אבינו, אַז פון אים וועלן אַרויסקומען די שבטים, און אַן אַנדער — צו משה רבינו, וואָס ער קויפט זיי אַ שול, און האָבן שוין אַ נאָמען געזוכט פאַר דער שול, און זי אָנגערופן אויפן אָנקלס נאָמען: „אוהל משה אנשי קוזמין״. און דער אָנקל איז אַרומגעגאַנגען אַ צעשוויצטער, אַ גליקלעכער און אַ גוטער, און געזאָגט:

— עסט, טרינקט, קוזמינער לאַנדסלייט, פרייט זיך, פרייט זיך, עס איז ביי מיר אַ שמחה היינט...

6.

טשאַרלי

טשאַרלי, דעם פעטער בערלס זון, האָט נאָכן פּאַטערס אַהיימפאָרן געוואוינט מיט דער מאַמען און מיט די עלטערע שוועסטער. טשאַרלי איז געווען ביי טאָג אין „קאָלעדזש״ און פאַרטאָג האָט ער אַלס צייטונגס-טרעגער אַרומגעטראָגן צייטונגען צו די שכנים. די שוועסטער האָט געאַרבעט ביי הים און די מאַמע האָט געקאָכט, געוואַשן און געהאַלטן די שטוב פאַר זיי. די יידענע, ווי אָרים זי איז נישט געווען, האָט דאָך גע-

ען מיט אַלע מעגלעכקייטן דורכצוזעצן, אַז טשאַרלי זאָל קע־
נען גיין ווייטער אין אוניווערזיטעט. מיט דער זעלבער אויפ־
אָפּפערונג פון אונזערע פרומע מאַמעס פאַר זייערע לערן־קינ־
דער אין בית־המדרש האָט זיך די יידענע געאָפּפערט פאַר
טשאַרלין. אין דער היים וואָלט אפשר איר גרעסטער אידעאַל
געווען צו זען טשאַרלין אַ רב; דאָ איז איר אידעאַל געווען
צו זען טשאַרלין אַ געענדיגטן אַדוואָקאַט. אַז עס איז געקומען
צו באַצאָלן פאַר טשאַרלין איינטריט־געלט, פלעגט די יידענע
וועלטן דורכזוכן: צו קרובים געלאָפן, צו באַקאַנטע, אָפּגע־
שלאָגן די טירן פון אָנקל, און אַז מען האָט גאָר באַדאַרפט —
האָט די יידענע אַהיימגענומען פון אַ קליינעם „קאָנטראַקטאָר"
צו נייען הויזן, אָדער איז געגאַנגען אַליין אין אַ קליינעם שאָפּ
און האָט אַ פּאָר וואָכן געשטעפּט אויף דער מאַשין. איר איז
נישט געגאַנגען אַזוי פיל וועגן טשאַרליס קאַריערע, ווי פאַר
דער תורה אַליין. טשאַרליס לערנען איז ביי איר געווען, ווי
ביי אונזערע אַלטע מאַמעס, אַ לוין פאַר איר פאַרפינסטערט
וואָכעדיג לעבן. זי האָט זיך געטרייסט מיט איר קינדס גע־
לערנטקייט, און העכער זיך געהאַלטן פון אַלע לאַנדסלייט.
און אפילו איר שוואָגער אהרן מעלניקס גרויס גליק (וואָס דער
אָנקל גייט חתונה האָבן פאַר מאַשען) האָט איר נישט געקענט
אימפּאָנירן געגן דעם, וואָס איר טשאַרלי גייט אין אוניווערזי־
טעט. און אָפּט אין דער משפחה, ווען מען האָט מקנא געווען
אהרנען דאָס גרויסע גליק וואָס האָט אים געטראָפן מיט מאַ־
שען — פלעגט זי מיט אַ גלייכגילטיגער אָבער געהויבענער
מינע זאָגן:

— ווער עס זוכט עשירות, און ווער עס זוכט געלערנט־
קייט. איך גיב נאָכנישט אַוועק מיין קינדס קאָליש (קאַלעדזש)
פאַר דעם גאַנצן אָנקלס פאַרמעגן.

— איר וועט האָבן אַ גאָלדענע שטול אין גן־עדן דער־
פאַר — האָט איר אַ „משפּחה" אָפּגעענטפערט.

— יאָ אַ גאָלדענע שטול, נישט אַ גאָלדענע שטול; וואָ־
רום וואָס איז דען די גאַנצע וועלט? אויף דער וועלט דאַרף

מען אויך זיין אַ מענטש — נישט בלויז אַ שניידער, — האָט די יידענע „געשטאָכן" די גאַנצע משפּחה דערפאַר, וואָס זיי זענען געוואָרן דאָ אין אַמעריקע אַלע שניידערס.

מאַשע פלעגט זיך אָפּט באַגעגענען מיט טשאַרלין די ערשטע צייט נאָך דעם פעטערס אוועקפאָרן. טשאַרלי פלעגט אַרויפקומען צום פעטער אהרן און פלעגט אָפּט אַרויסגיין מיט מאַשען אויף אונטערנעמונגען, צו געמיינזאַמע פריינט, אויף לעקציעס, אָדער אַמאָל אין טעאַטער, ווען ס'איז געווען געלט. מאַשע האָט ליב געהאַט צו קוקן אויף טשאַרלין, ווי עס שניידט זיך אים אַ פּאָר וואָנסעס און ווי די באַקן ווערן באַוואַקסן מיט שמאָלע, קוים-שפּראָצנדיגע באַקן-בערד, ווי פּאות. זי האָט ליב געהאַט אים צו הערן רעדן וועגן ביכער, וואָס ער האָט געלעזן, וועגן זיין סטודיום, וועגן סאָציאַליזם, מיט וועלכן ער האָט זיך שוין דאַן אינטערעסירט, און טשאַרלי רעדט דאַכט זיך אַזוי קלוג — נאָר ווען די מיידלעך הויבן אָן צו מאַכן פון אים דאָס געלעכטער, ווערט ער רויט און ווייסט נישט וואָס צו ענטפערן. זי האָט ליב געהאַט צו זען דעמסטמאָל, ווי טשאַרלי שטייט אין פאַרלעגנהייט, און צילי, איר חברטע, לאַכט אויס זיינע וואָנסעס, וואָס וואַקסן אים נישט אויפן ריכטיקן אָרט — און טשאַרלי שטייט מיט די גרויסע לאַנגע הענט, איז רויט, און שמייכלט פאַרשעמט.

— האָב אַ זאָרג, אַז ער וועט גרויס ווערן, וועט ער זיך גאָלן די וואָנסעס — האָט אים אַ פריינדין אַרויסגענומען פון פאַרלעגנהייט.

— טשאַרלי, גאָל נישט די וואָנסעס — האָט זיך ביי אים מאַשע געבעטן. אָך, ווען איך וואָלט געווען אַ יינגל, וואָלט איך מיר געלאָזט וואַקסן אָט אַזעלכע גרויסע וואָנסעס — נישט ווי דיינע, וואָס זעען אויס ווי מיט סאַזע אָפּגעשמירט.

די מיידלעך צעלאַכן זיך, און טשאַרלי, דער קלוגער, געצילדעטער טשאַרלי, מיט דעם פאַרראָכטענעם קראַגן פון העמד, וואָס מען זעט אָן דער מאַמעס לאַטע, וואָס זי האָט נעכטן ביינאַכט אַרויפגענייט, שטייט אַ פאַרשעמטער.

דער אָנקל האָט געזען, אַז טשאַרלי קומט צו אָפּט אַריין צו מאַשען, האָט ער געגעבן אַ וואונק צו איר פֿאָטער אהרן:

— הערך אהרן, איך הּאָב גאָר נישט געגן דעם, וואָס זי גייט שפּאַצירן מיט טשאַרלין. נישט מער, היט איר, אהרן, היט!

— וואָס רעדט דער אָנקל, דאָס קינד גייט אויס נאָכן אָנקל, — האָט אהרן אים פֿאַרזיכערט.

און מיט אַמאָל האָט טשאַרלי אויפֿגעהערט אַריינצוקומען. „פּאַ" זאָגט, אַז טשאַרלי האָט זיך אַריינגעלאָזט אין פּאָליטיק — ער איז געוואָרן אַ „סאָשעליסט", און רעדט אין באַס אויף די עקן. און „פּאַ" זאָגט, אַז סאָציאַליזם איז נישט קיין גוטע „פּאָליטיקס", ווייל זיי האָבן קיינמאָל נישט קיין געלעגנהייט אויסגעוויילט צו ווערן. ווען שוין יאָ פּאָליטיקס, האָט זיך טשאַרלי געדאַרפֿט אָפּגעבן מיט די דעמאָקראַטן, זאָגט „פּאַ", אָדער מיט די רעפּובליקאַנער, וואָלט ער כאָטש דערפֿאַר געקענט דעם קאָלעדזש באַצאָלן און דערנאָך געהאַט אויסזיכט אויף אַ גוטע שטעלע. אָבער ביי די „סאָשעליסטן" קען טשאַרלי קיין שאַנס נישט האָבן, ווייל זיי וועלן קיינמאָל נישט געווינען די וואַלן.

טשאַרלי האָט זיך נישט געוויזן, און מאַשע האָט נישט געקלערט וועגן אים. נאָר זייט מאַשע איז אַ כּלה געוואָרן, ווילט זיך איר טרעפֿן מיט טשאַרלין. זי האָט אַ ביסל מורא פֿאַר אים. מורא? ניין, אָבער שעמען טוט זי זיך דאָך. דאָס האָט זי צוריקגעהאַלטן אויפֿצווזוכן טשאַרלין: אָבער וואָס האָט זי זיך איינגעטלעך צו שעמען? און זי וואָלט זיך אַזוי דאָך געוואָלט זען מיט אים... איר דאַכט זיך, אַז זי האָט אים עפּעס זייער וויכטיקעס וואָס צו זאָגן, כאָטש זי קען זיך נישט דערמאָנען, וואָס זי האָט אים אַזעלכעס צו זאָגן.

און איינמאָל, אין אַ פֿרימאָרגן, האָט זיך מאַשע אויפֿגעכאַפּט נאָך אַ נאַכט נישט שלאָפֿן און עס האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי האָט זיך שוין נישט פֿאַר קיינעם וואָס צו שעמען, אַפילו פֿאַר טשאַרלין אויך נישט. זי וועט דאָך סיי

ווי סיי אין אַ פּאָר וואָכן אַרום שטאַרבן. פּאַר וואָס האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי וועט שטאַרבן — האָט זי נישט געוואוסט. נאָר עס האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז עפּעס וואָס וועט געשען מיט איר — און איז באַלד פּרימאָרגנס אַוועק צו דער מומען. זי האָט געוואוסט, אַז זי וועט טרעפן טשאַרלין אין דער היים, וואָרום נאָך דער אַרבעט ביינאַכט, צעטיילנדיג די צייטונגען צו די אָפּנעמערס שלאָפט טשאַרלי אין שפּעטן טאָג אַריין. עס האָט זיך איר געוואָלט טשאַרלין אַרויסנעמען אויף שפּאַציר איבער די „פינפטע עוועניו“ אין צענטראַל פּאַרק — ווי זיי פלעגן עס אָפט טאָן פאַר יאָרן, איידער זי איז נאָך אַ כּלה געווען, ווען טשאַרלי איז צו זיי אַריינגעגאַנגען. עס איז איר טשעקאַווע געווען צו זען, צי ביי טשאַרלין זענען שוין די וואָנסעס מער אויסגעוואַקסן, און צי ער גאָלט זיי — ווי ער האָט איר אַמאָל אין שפּאַס פאַרשפּראָכן. און שעמען האָט זי זיך אויך נישט וואָס — טשאַרלי ווייסט דאָך נישט, אַז זי וועט סיי ווי סיי נישט חתונה האָבן, ער ווייסט נישט, אַז זי וועט באַלד שטאַרבן...

7.

טשאַרלי מעלניק.

מאַשע האָט געפונען טשאַרלין שלאָפנדיג, די מומע האָט אויפגענומען מיט איבעראַשונג.

— טשאַרלי, טשאַרלי, גיב נאָר אַ קוק, ווער עס איז דאָ.

טשאַרלי איז אַרויסגעקראָכן פון צווייטן צימער מיט אַ צעשויבערטן קאָפּ האָר, אין וועלכן עס האָבן געשטעקט פעדערן. די שוואַרץ-פייערדיגע אויגן זענען געווען ברייט אויפגעריסן. מאַשע האָט רעכט געהאַט, די וואָנסעס האָט טשאַרלי נישט געגאָלט — זיי זענען געווען אַזוי קליין און דין, אַז עס איז אייגנטלעך נאָך נישט געווען וואָס צו גאָלן. נאָר דער-

פאַר וואָס די יונגע הערעלעך זענען געווען סאַוט-שוואַרץ — האָבן זיי געגעבן זיין קינדיש-יינגליש פּנים אַ אויסזען, ווי פון אַ פאַרשטעלטן, פון אַ טשאַרלי-טשאַפּלין. טשאַרלי איז פאַרשעמט געוואָרן דערזעענדיג פּלוצים מאַשען. זיין יינגליש פּנים איז באַגאָסן געוואָרן מיט בלוט, און זיין גאַנץ נאַקעט לייב, אויף וויפל עס האָט זיך אַרויסגעוויזן פון די קליידער, איז באַגאָסן געוואָרן מיט בלוט — און אַרויסגעוויזן האָט זיך זיין יונגער קערפּער פון זיינע קליידער אַ גרויס שטיק. אַ מינוט האָט טשאַרלי נישט געוואוסט וואָס צו טאָן פאַר איבערראַשונג און איז געבליבן אַזוי שטיין מיט זיינע נאַקעטע פיס און נאַקעטע הענט, ביז די מאַמע האָט אים דערמאָנט, אין וואָס פאַר אַ הולך ער געפינט זיך:

— טשאַרלי, וואָס טוסטו?

איז טשאַרלי פאַרשוואונדן אין דעם צווייטן צימער, און מאַשע האָט געלאַכט. די מוטער האָט אים פאַרענטפערט:

— עס איז דען אויסצוהאַלטן פון די היצן? מען וואָלט נאַקעט אויך ארומגעגאַנגען.

די מוטער האָט אריינדערלאַנגט טשאַרלין דאָס העמד מיט די הויזן, וואָס האָבן זיך געטריקנט אויפן פייער-לייטער, וואָרום טשאַרלי האָט זיי פריער אויסגעוואַשן, ווען ער איז אהיימגעקו־מען פון דער נאַכט-אַרבעט.

— איך בין געקומען אַרויסנעמען טשאַרלין פאַר אַ שפּאַ־ציר אין פּאַרק אַריין — זאָגט מאַשע.

— פאָרט ליבער נאָך קוני-איילאַנד, און באָדט זיך אויס אין ים — עס איז דאָך אַזוי שטיקנד. איך זאָג אים שטענדיג נאָך קוני-איילאַנד, נאָר ער איז אַזאַ פוילער, מאַשע, ליגט אַ גאַנצן טאָג אין שטוב, איבער די ביכער — דערציילט די מאַמע.

— די מאַמע האָט רעכט, טשאַרלי. מיר פאָרן נאָך קוני-איי־לאַנד, אויפן וועג וועל איך אָפּטרעטן אהיים נאָך מיין באָד־קאָסטיום. נעם דיינעם, טשאַרלי.

טשארלי איז איצט אַרויסגעקומען פון דער צווייטער שטוב אָן אויסגעפוצטער, אין אַ פרישן געוואַשענעם העמד מיט

די אויסגעוואַשענע הויזן, וועלכע זענען נאָך נישט געווען אין גאַנצן טרוקן. די הויזן האָבן זיך געקלעפּט און פון די שוואַרצע האָר האָבן גערונען גרויסע טראָפּנס וואַסער איבערן פּנים, פון דעם וואָס טשאַרלי האָט געהאַלטן דעם קאָפּ אונטערן קראַן.

— איך בין געקומען דיר אַרויסנעמען נאָך קוני־אײַלאַנד פאַר אַ שווים — זאָגט מאַשע — נעם דײַן באָד־קאָסטיום.

טשאַרלי האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין גרויסן חשק. ער האָט געשמייכלט און געזאָגט, אַז ער דאַרף עפּעס באַזאָרגן אין שטאָט, און האָט קיין צייט נישט. מאַשע איז געבליבן קאַלט אָפּגעגאָסן פון זײַן אַנטוואָרט, און זי האָט זיך שוין געקליבן אַוועקצוגיין. די מומע וואונדערט זיך, וואָס מאַשע טוט אין אַזעלכע היצן אין שטאָט און פאָרט נישט אַרויס אויף זומערפּלאַץ, און איז געגאַנגען טרעפן, אַז עס איז אַוודאי איבער דעם אויסשטייער, וואָס זי באַדאַרף זיך מאַכן, וואָרום זי האָט געהערט, אַז מאַשע גייט באַלד חתונה האָבן.

— מען האָט דאָך מיר געזאָגט, אַז עס האַלט שוין גאָר נאָענט דערבײַ. נו, זאָל עס דיר זײַן מיט מזל.

מאַשע האָט נישט אָפּגעענטפערט. זי איז רויט געוואָרן און געשוויגן. נאָר פּלוצים האָט זי זיך אָנגערופן, ווי מיט אַן עקשנות, קוקנדיג אויף טשאַרלין:

— עס איז דאָ אין שטאָט אַזוי פיל צו טאָן פאַר דער חתונה, און דער אַנקל — נאָר וואָס דער אַנקל, האָט זי נישט געענדיגט. זי איז רויט געוואָרן און אָפּגעהאַקט אינמיטן. און אַנשטאָט עקשנות אָדער גדלות, וואָס דאָס וואָרט „דער אַנקל" האָט געזאָלט אַרויסרופן, האָט ער אַרויסגערופן עפּעס מיטלייד צו איר.

טשאַרלי האָט רחמנות געקראָגן אויף איר — און עס האָט אים באַנג געטאָן, וואָס ער איז אַזוי קאַלט צו איר, האָט ער זיך אָנגערופן צו דער מוטער:

— דו האָסט רעכט, אַלר־טשאַפּ, האָט ער געקלאַפּט די מוטער אויף די פּלייצעס — עס איז הייס, קום, מאַשע, איך גיי דיך אַרויסנעמען פאַר אַ שווים.

— זעסט, מאַשע, ווי מיין זון רופט מיך. אַלטע שקאַפּ, אין דער היים רופט מען אַזוי אַ פערד, אין אַמעריקע רופט מען די מאַמע אַזוי.

— אָ, דו נאַלטער נאַר, — האָט טשאַרלי אויפגעהויבן די מוטער אויף די הענט און זי אַרומגעטראָגן איבער דער שטוב.

— לאָז מיר אַראָפּ, געדענק אין גאָט, לאָז מיך אַראָפּ, וועסט מיר עפּעס שלעכטס טאָן — האָט זיך די יידענע גע־בעטן.

— נישט פריער, ביז דו וועסט נאָר זאָגן „אָלד טשאַפּ", נישט שקאַפּ, נאָר טשאַפּ, טשאַפּ.

— וואָס איז דער חלוק טשאַפּ, שקאַפּ! לאָז זיין טשאַפּ, אַבי לאָז מיך אַראָפּ, וועסט מיר נאָר חלילה עפּעס שלעכטס טאָן.

— און איצט דעם „סאַלוט". נישט פריער, ביז דו וועסט אָפּ־זאָגן דעם „סאַלוט".

— „אי פּלעדזש אַלידזשענס טו מאַי פלעג" (איך שווער געטריישאַפט צו מיין פאָן) — האָט די יידענע קוים אַרויסגע־שטאַמלט די ווערטער, וואָס טשאַרלי האָט זי געלערנט, ווען ער איז אַ קינד געווען און אין שול געגאַנגען.

— אָט אַזוי, און איצט גיי אַראָפּ „אָלד טשאַפּ" — האָט טשאַרלי פאַרזיכטיק די מוטער אַראָפּגעזעצט פון זיינע פּלייצעס אויף אַ שטול אַרויף.

— זעסט, מאַשע, ווי מיין זון באַהאַנדלט מיך — האָט די יידענע זיך באַקלאָגט. — אַ ליאַדע וואָס, זעצט ער מיך אַרויף אויפן אקסל — איך האָב דען כוח צו אים?

— נו, איצט קום, מאַשע, וואָס מאַכסטו? — האָט טשאַר־לי זיך אָנגערופן צו מאַשען, ווי ער וואָלט זי פּלוצלונג דערזען.

די מומע האָט געוואוינט אין „האַרלעם", אויף איינער פון די אָרימע יידישע גאַסן. אַז זיי זענען אַרויס אין גאַס, האָבן זיי ערשט דערפילט די היץ. עס איז געווען איינער פון יענע טעג אין ניו־יאָרק, ווען די היץ בעלייגט זיך איבער דער שטאָט פון פרימאָרגן אָן, אַ לאַנגווייליגע און אַ פייכטע, אָן אַ

האפנונג אויף אן אפרו אין לעבן. פון פרימארגן אן ווערט עפעס דאס לעבן אזוי לאנגווייליג. פון די אפענע פענסטער קוקן ארויס שמוציגע בעט-געוואנט, און אויף די פייער-לייטערס טרי־קענען זיך שטיקלעך וועש; אויף די פענסטער – פארדארטע טעפּלעך מיט עכטיגן עסן. און איבער די טרעפלעך פון די הייזער, אויף די שוועלן, ביז טיף אין גאס אריין, וואלגערן זיך ארום, ווי ארויסגעווארפענע שמאטעס, ווי ארויסגעווארפן צעבראכן מעבל, פרויען און קינדער. האלב־נאקעטע, האבן זיי זיך גע־גליטשט איבער די טרעפלעך פון די הייזער, אויף די טראטו־ארן ארויס. די מוטערס האבן געפראוועט אפצוזארן די קינדער מיט פעניס, וועלכע די קינדער האבן יעדן אויגנבליק פאר־וואנדלט אין „לאלא־פאפס" (צוקערלעך). די „לאלא-פאפס" זענען צעגאנגען אין זייערע הענטעלעך און באשמירט זייערע געזיכ־טער, און די ווייס־געפּרעסטע העמדלעך, די מוטערס ארבעט פון ביינאכט, האבן געקלעפּט זיך פון דעם צעגאסענעם צוקער. די קינדער זענען אפגעשפרונגען פון דעם בריענדיגן טראטואר, וועלכער איז אנגעצווארעמט געווארן פון דער היץ, און געזוכט רעטונג אויף דעםברייטן גאס־וועג. אלעס איז געפארן, ווער אויף רעדלעך, ווער אויף אן אלטן קאסטן, ווער אין א הערינג־טון, און ווער ס'האט דערפּאקט אן אלטן ראד פון א וואגן און האט דע־ויף איינגעלאדעט אלע זיינע פריינט פון גאס פאר א „רייד" איבער דער גאס. און דער שמוץ פון די נישט-געקערטע גאסן האט זיך אויפגעהויבן פון דער באוועגונג און געלייגט זיך אויף די געזיכטער און הענט, אויף די שטיינער און פענסטער פון דער גאס, ביז עס האט דערגרייכט אויף די נאקעטע ברוסטן פון די מוטערס, וועלכע האבן דעם שמוץ פון גאס איינגעקאר־מעט אין זייערע קינדער אינאיינעם מיט זייער מילך...

טשארלי מיט מאשען האבן שטום דורכשפּאצירט די גאס, און מיט גרויס מי זיך געמאכט א וועג דורך די קינדער, וואס עס האט זיך גערדאכט, אז זיי זענען געבוירן געווארן מיט רעד־לעך אויף די פיס, צווישן די פערד און פראכט־וועגן, וואס זענען אדורכגעפארן איבער דער גאס. מען האט קיין ווארט נישט גע־

קענט הערן איינער פון צווייטן פון שטויב און גערויש און פון דער היץ, וועלכע, האט זיך געדאכט, איז אויך אזוי רוישנד און שרייענדיג, אזוי ווי זי וואלט געווען דורכגעפארן די ניו-יארקער גאסן אויף קינדישע אייזערנע רעדלעך... נאר וואס ווייטער זיי זענען געקומען אין גאס אריין, אלץ שטילער איז די גאס געווארן, אלץ ריינער און אנגענעמער די הייזער, און באלד איז דער רויש איינגאנצן פארשוואונדן. זיי זענען אנגעקומען פון דער זעלבער גאס, וואס ציט זיך צום פארק ביי דער פינפטער עווניו.

די הייזער, וועלכע זענען געשטאנען קעגנאיבער דעם פארק, זענען געווען פארהילט אין שאטן פון ביימער. גרויסע פענסטער האבן ארויסגעקוקט אין גאס אריין. נאר די פענסטער זענען געווען בלינד, פארמאכט, באצויגן מיט טונקל-גרינע פארהאנגען, ארום די הייזער איז געווען קיל און שטיל — נאר אין די הייזער האט קיינער נישט געוואוינט, און זיי זענען געווען פארשלאסן אויפן גאנצן זומער...

לאנג זענען זיי געגאנגען איבער דער גאס, וואס האט זיך געצויגן קעגנאיבער דעם פארק. דא איז געווען אנגענעם צו גיין. די גאס איז געווען געהילט אין דעם בלעטערנדיגן באוועגלעכן שאטן, וואס די גרויסע ביימער האבן געוועבט איבערן טראטואר. עס איז שטיל געווען אין דער גאס. א יום-טובדיגע שטילקייט האט געהערשט, וואס די ביימער און גרינס האבן פארשפרייט ארום זיך. קיין לעבעדיגער הויך האט זיך נישט געהערט פון די הייזער, טיר און פענסטער זענען געווען פארמאכט און פארשלאסן — אזוי האבן זיך געצויגן פארשלאסענע פלעצער איבער גאסן ווייט, געגנאיבער דעם געזונדסטן צענטראל פארק — און קיין לעבעדיגער נפש האט דערפון קיין נוצן געהאט...

טשארלי האט זיך אנגערופן מיט א שמייכל:

— די הייזער זענען דאך א שרייענדיגער באווייז פון דער אומגערעכטיקייט פון אונזער ארדענונג, אין וועלכער מיר

לעבן. מיר זעען דאס טאָג-טעגלעך — מיליאָנען מענטשן זעען דעם שרייענדן באַוויז, און מיר שווייגן.

— איך פאַרשטיי דיך נישט, טשאַרלי — זאָגט מאָשע.

— שטעל דיר פאָר, עס וואָלט ווער אַריינגעקומען אין אַ שטאָט אַריין און וואָלט אויפגעקויפט דאָס גאַנצע ברויט פון שטאָט און דאַן עס פאַרשלאָסן אין גרויסע שפּייכלערס פאַר זיך. אָדער ער וואָלט אָפּגעקויפט אַלע ברונעמס פון שטאָט און פאַרשלאָסן זיי פאַר זיך — די מענטשן וואָלטן דאָך אַזאַ איינעם פאַרשטיינט. פאַרוואָס זענען הייזער, פּלעצער בעסער פאַר ברויט און וואַסער? די שטאָט באַזיצט געוויסע געזונטע פּלעצער געגנאיבער דעם „ריווער סייד", און די געזונטע שיינע פּלעצער האָבן רייכע מענטשן אָפּגעקויפט פאַר זיך און פאַרבויט מיט רייכע פּאַלאַצן, און פאַרשלאָסן זיי איבערן זומער, ווען די מענטשן נויטיגן זיך אַממערסטן אין אַזעלכע פּלעצער, און זענען אוועקגעפאָרן. נישט זיי האָבן עפּעס דערפון, נישט קיינער האָט עפּעס דערפון. און דאָס זעען מענטשן טאָג-איין, טאָג-אויס, טויזנטער און טויזנטער מענטשן זעען דאָס, — און מען שווייגט. איך גלויב, אַז דאָס איז נאָר מעגלעך אין אַמעריקע.

— זענען דען אין אַנדערע לענדער נישטאָ קיין רײַכע מענטשן, וואָס האָבן גרויסע פּאַלאַצן?

— יאָ, נאָר אין אַנדערע לענדער, גלויב איך, איך ווייס נישט, נאָר איך גלויב אַזוי, האָט דאס אייגנטום-רעכט אַ געוויסע באַגרענעצונג. די מאכט פון גאָלד איז באַגרענעצט אויף געוויסע רעכט. דאָרט וואו עס רירט נישט אָן די אינטערעסן פון כלל. דאָ אין אַמעריקע האָט דאס גאָלד אַן אומבאַגרענעצטעס רעכט. אַלצדינג מעגסטו קויפן פאַר גאָלד. און דער בעסטער באַוויז דערפאַר זענען אָט די פּאַלאַצן — נישט די פּאַלאַצן, נאָר די פּלעצער, אויף וועלכע זיי שטייען — די פּלעצער, וועלכע וואָלטן אין אַנדערע לענדער געווען געהערט צום פאָלק — צו אַלעמען, ווערנד דאָ, אין אַמעריקע, פאַרקויפט מען עס פאַר געלט צו איינצלנע. דאָס איז דאָס רעכט פון די פאַרשלאָסענע ברונעמס. און דאס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש אַמעריקאַניש.

— פאַרוואָס?

— אַמעריקאַניש — הייסט דעמאָקראַטיש. די דעמאָקראַטיע איז, נאָך מיין מיינונג נאָך, דער גרעסטער פיינט, וואָס איז אויפגעשטאַנען אויף דער מענטשהייט, צייט די וועלט עקזיסטירט, וואָרום דעמאָקראַטיע, אַזוי ווי זי ווערט פאַרשטאַנען דאָ ביי אונז אין אַמעריקע, גיט אַ רעכט יעדן איינצלנעם צו פאַרשקלאַפן פאַר זיין אייגנטום אומבאַגרענעצטע גיטער, סיי אין טויטן מאַטעריאַל און סיי אין אינדיווידועלע לעבעדיגע ווילנס. די דעמאָקראַטיע איז דער צאַר — אינקאָגניטאָ. אָבער בעסער וועלן מיר דאָס אָנרופן אַנאָנימער צאַר. מעהאָט אַראָפּגענומען דעם צאַרס קרוין פון קאָפּ פון אַן אינדיווידום, און זי באַשטימט פאַר די, וואָס זענען אַממערסטן פען איג צו רויבעריי און פאַרברעכנס. און דורך דעם איז דער צאַר אין אַמעריקע צעברעקלט אויף פיל קליינע צאַרעלעך. ווער עס איז פעאיג, דער פארכאפט אַ גרעסערן שטיק צאַר... דעמאָקראַטיע אָן באַגרענעצטע רעכט אויף אייגנטום — איז אַ גאַלאָפּעריי, אַ וועט אויף הערשאַפט. טאַקע אַ דעמאָקראַטישער וועט, מען שטעלט קיין באַגרענצונג נישט, קיין ראַסן אונטערשיד, ווער עס האָט נאָר אין קאָן אַריינצוגעבן: כיטרעקייט, פאַרברעכערישע פעאיקייטן — דער קען אָנטייל נעמען אין וועט. דורך דעם איז דאָ דער צאַר פיל געפערלעכער, און ס'איז אים פיל שווערער צו באַקעמפן ווי אין רוסלאַנד, ווייל דאָ ווערט יעדעס מאָל דאָס צארנטום געשטאַרקט דורך נייע פרישע בלוט-כוחות, וואָס ער קריגט. ער ווערט באַזעצט יעדעס מאָל פון שטאַרקערע ענערגישע מענער, און ווערט באַשיצט פון זיין מאַיעסטעט, זיין הייליקייט, דעם אָפּגאָט דעמאָקראַטיע.

— איך פאַרשטיי דיך נישט אינגאַנצן, טשאַרלי, נאָר פון אַלע דיינע רייד דערפיל איך, אַז דו האָסט שטאַרק פיינט די רייכע. מוז דען יעדער רייכער זיין אַ שלעכטער מענטש, קען מען נישט זיין אַ רייכער און אַ גוטער אויך — האָט מאַשע געזאָגט, ווי זי וואָלט זיך געוואָלט פאַרענטפערן פאַר דעם, וואָס זי אַליין באַלאַנגט שוין אויך צו יענעם קלאַס.

— יאָ, מאַשע, האָסט רעכט, איך בין זיך מודה, אַז איך האָב אינסטינקטיוו פיינט יעדן רייכן. דעם גוטן נאָך מער ווי דעם שלעכטן. וואָרום רייכקייט אליין פאַר זיך איז אַ געמיינהייט, רייכקייט איז אַ באַווייז פון פאַרברעכן, פון רויבערײ — עס איז נישט קיין אונטערשיד, אויף וואָס פאַר אַ וועג דו קריגסט עס, נאָר אַז דו האָסט מער, וויפל דו באַדאַרפסט, באַרויבסטו אַנדערע — און דאָס איז געמיין. און נישט נאָר בלויז צוליב דעם — נאָר אויך צוליב אַ גאַנץ אַנדער זאַך, איך מיין, אַז אַ רייכער מענטש איז אַ מיאוסער מענטש, ער קען נישט האָבן קיין שיינע געפילן. איך ווייס נישט פאַר וואָס איך קלער אַזוי, פיליכט איז מיין דערציונג שולדיג — די אָרימקייט, אין וועלכער מיר האָבן געלעבט — נאָר איך האָב אינסטינקטיוו פיינט אַ רייכן.

— דו זאָגסט נאָר אַזוי, ווייל דו ביסט נישט רייך — אָבער ווען מען גיט דיר געלט...

— איך האָב וועגן דעם געקלערט, איך האָב מיר געפּרוּווט פאָרשטעלן אין מיין פאַנטאַזיע — ווען מען קומט צו מיר און מען גיט מ'ר געלט, אָדער איך ווער מיטאַמאָל רייך: שיינע פּאַלאַצן, פערד, זומער־וואוינונגען, רייזן — איך קען אויסהעלפן אונזער חברה פון „פרעמדע״ — איך וועל דיר שפּעטער דערציילן פון אונזער חברה — ניין, איך וואָלט נישט געוואָלט, מיר דאַכט זיך, אז די אַלע געפילן, וואָס מען קען האָבן דורך דער מעגלעכקייט פון געלט, די אַלע פאַרשידנאַרטיקסטע געפילן און מעגלעכקייטן קענען נישט קומען צו דעם געפיל, וואָס מען האָט, ווען מען איז אַן אָרימאַן, צו מיין געפיל. וואָס איך האָב, ווען איך וואוין אין אונזער גאַס און איך זע די אָרימע מענטשן, די פרויען, די קינדער — צו דעם געפיל, וואָס איך האָב, ווען איך טראַכט אַזוי וועגן רייכע — מיר איז גוט, איך בין אַן אָרימער, איך וואָלט געוואָלט שטענדיג זיין אָרים — אָט אַזוי זיין, ווי איך בין איצט.

מאַשע האָט געשוויגן. ביז איצט איז דער געשפּרעך גע־

ווען אזוי זיך. עס האָט זיך מאַשען געדאַכט, אז ער וויל זיך ווייזן פאַר איר מיט זיין געלערנטקייט — דורך דעם רעדט ער אזוי. אָבער די לעצטע ווערטער האָבן זי פּלוצלונג אָנגערירט. עס האָט זיך איר געדאַכט, אַז ער מיינט זי, און ער פילט אַזוי ווי ער מיינט — און די ווערטער האָבן איר געבראַכט צו קלערן אויך, ווען זי איז געווען אַ קינד, און פון „האָפּקינס סטריט".

— איצט פאַרשטיי איך שוין.

— וואָס פאַרשטייסטו?

— איצט פאַרשטיי איך, פאַרוואָס דו האָסט מיך פיינט — איך ווייס, דו האָסט מיך פיינט, און דיין מאַמע האָט מיך פיינט, און אַלע האָבן מיך פיינט. אַלע אָרימע האָבן מיך פיינט, צייט איך בין אַ כלה געוואָרן פאַרן אָנקל.

מאַשע האָט אויפגעהויבן אירע גרויסע אויגן און געלאָזט זיי הענגען אויף טשאַרלין. אירע אויגן זענען געווען לענגלעכע און גרויסע, דער שניט פון אַ גוטער קוואַליטעט שפּאַנישע טרויבן, און אויך אַזוי פול ווי אַ ווייַנטרויב. דער ווייס־אַפּל איז געווען העל־העל — לויכטנדיג, און זי האָט געשמייכלט, געשמייכלט ווי אַ קינד, נאָר טשאַרלי האָט געמיינט, אַז אָט אין אַ מינוט צעוויינט זי זיך, און דער גאַנצער זאַפט פון די ווייַנטרויב־אויגן וועט זיך צעגיסן. ער האָט מורא געהאַט, אַז די ווייַנטרויב־אויגן זאָלן זיך צעגיסן — האָט ער אויך געזאָגט מיט דעם זעלבן שמייכל:

— דאָס איז נישט דיין שולד, איך ווייס עס.

די ווערטער האָבן מאַשען געבראַכט צו קלערן וועגן זיך און איר גאַנצער סיטואַציע — מער ווי פון אַלע זיינע רייד. זי האָט זיך פאַרטיפט אין אירע געדאַנקען. איז שטיל געווען איבערן גאַנצן וועג. כאָטש אירע אויגן האָבן אויף איין מינוט נישט אויפגעהערט צו שמייכלען און צו גלאַנצן, אַזוי ווי זיי וואָלטן געוואָלט טשאַרלין אונטערהאלטן קאָמפּאַניע, אָנשטאָט אירע רייד.

8

קוני אײלאַנד

אין קוני אײלאַנד, בײם זאַמד־ברעג, האָט טשאַרלי פאַרגעסן אין דעם ערנסטן געשפּרעך, וואָס ער האָט געפירט מיט מאַשען, און איז געוואָרן אַן „אַמעריקאַן באָי". קוים איז ער אַרײנגעקומען אין באָד־קאָסטױם און זײַנע נאַקעטע הענט און פיס האָבן דערפילט די לופט פון ים, האָט עס אים געטראָגן ווי אַ ווינט. ער האָט אומגעדולדיג געוואַרט אויף מאַשען, וועלכע האָט געדאַרפט אַרױסקומען פון דער פּריוואַט־אָפּטײלונג. דער זאַמד־ברעג איז געווען באַלײגט מיט מענטשן, און עס האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער איז אַ פאָרטזעצונג פון ים, און אָפטמאָל האָט ער קאָנקורירט מיטן ים — די מענטשן אויפן ברעג האָבן אויסגעזען, ווי מער און פילער פון ים. נאָר דער ים מיט די מענטשן האָט טשאַרלין נישט געשטערט. טשאַרלי האָט זיך שטענדיג גוט געפילט צווישן דער מענגע. ער האָט ליב געהאַט די מאַסן און דעם רעש פון זײ — און די פאַרשידענע קאָלירטע מאַסע מענטשן, וואָס האָבן פאַרטרונקען דעם ברעג פון ים, האָבן אין אים דערוועקט אַ פרײד און אַ לעבנסלוסט. די האַלב־נאַקעטע ווײַבער מיט רויט בלויע און קאָלירטע קאָפּ־בעדעקנס, און די גאַנץ נאַקעטע קינדער, וואָס זענען אַרומגעלאָפן מיט פרײדן־געשרײען און מיט עסן אין די הענט — די רוענדע פאַמיליעס אַרום די קינדער האָבן אים דערמאָנט ווי ער וואָלט זיך געווען געפונען אויף אַ „פּיקניק" פון אַ פרײהײטס יום־טוב, די מענטשן וואָלטן זיך צוזאַמענגענומען צו פײַערן אַ גרויסן יום־טוב, אַלע זענען נאַקעט, אַלע עסן און באָדן זיך, וואַשן זיך און שווימען — און אַלעס מעג מען אויף דעם יום־טוב.

ער האָט זיך געפרײט אײנאײנעם מיט דער גרויסער מענגע מענטשן. ער האָט ליב געהאַט צוצוזען, ווי מענטשן האָבן פאַרגעניגן. קײנמאָל נאָך האָט ער נישט געזען אַ מאַסע

מענטשן זאָלן האָבן פאַרגעניגן צוזאַמען און פרייען זיך צו־זאַמען. שטענדיג האָט ער געזען, ווי מענטשן אַרבעטן צוזאַמען, ווי מענטשן ליידן צוזאַמען, טרויערן און וויינען צו־זאַמען, דאָ — די גרויסע ברייטע מענגע מענטשן, האַלב נאַקעטע, מענער מיט פרויען צוזאַמען, אויסגעמישט מיט די קינדער — עסן צוזאַמען, באָדן זיך צוזאַמען, פרייען און לאַכן און שפּילן זיך צוזאַמען — און אַלע האָבן פאַרגעניגן. דאָס האָט אים אָנגעשטעקט, עס האָט געוועקט זיין לעבנס-לוסט און זיין יוגנט. ער האָט פלינק געוואָלט זיין אין מיטן דער פרייד, מיטשפּילן און מיטפרייען זיך מיט אַלע, און געוואָלט וואָס אַמשנעלסטן אין וואַסער אריין, אויסמישן זיך צווישן דער פרייענדער לוסטיגער מענגע, וואָס זייערע פריידנס־געשרייען ברומען אַרויס פון ים — און דאָ זעט מען נישט מאַשען... ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער איז פאַרליבט אין מאַשען; ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער איז געקומען מיט מאַשען אויף דעם „פּיקניק”, אויף דעם יום־טוב פון פרייהייט און נאַקעטקייט, און ער וויל וואָס אַמשנעלסטן נעמען אַנטייל אין דעם יום-טוב.

דערווייל האָט אים מאַשע אַרומגעזוכט צווישן די מאַסן. טשאַרלי האָט נישט באַמערקט, ווי פערציקט פון דער פרייד פון די מענטשן, איז ער געגאַנגען פון איין משפחה צו אַן אַנדערער און צוגעזען, ווי זיי עסן — מענער און ווייבער און קינדער עסן צוזאַמען נאַקעטערהייט און וואַרפן אָן דאָס עסן אַרום זיך, און ער האָט מיט פרייד צוגעזען, ווי מענער און ווייבער און קינדער טוליען זיך און וואַלגערן זיך לייב אָן לייב אין זאַמד — און מאַשע איז אים נאָכגעגאַנגען צווישן דער מענגע, ביז זי האָט אים קוים דערכאַפּט ביי דער האַנט:

— וואו ביסטו? איך זוך דאָך דיך אַרום!

— אָ, מאַשע, קום, קום פלינקער! — און ער האָט גע־כאַפּט דאָס מיידל ביי דער האַנט און געפלויגן מיט איר אין וואַסער אריין.

א כוואַליע פון ים איז זיי געקומען אנטקעגן צושווימען

און זי האָט געטראָגן אין אירע פאַלדן אַ מענגע מיט מענטשן־לייבער און וואַסער־לייב, און אָפּגעגאָסן טשאַרלין מיט מאַשען מיט יט־וואַסער און מענטשן־לייבער. עס האָט געדויערט אַ ווײַלע, ביז די צוויי, האַלטנדיג זיך ביי די הענט, האָבן געקענט זיך אַרויסכאַפּן פון וואַסער און אַרויסקריגן זיך פון דער מענטשן־מאַסע באַגאָסענע און אָפּגערונענע; אַ נאַסער האָט טשאַרלי אַרויסגעלאַכט פון וואַסער.

— אָ, מאַשע, — און געכאַפּט זי ביי דער האַנט און חייטער זי געצויגן אין ים אריין.

אַ צווייטע כוואַליע איז אָנגעקומען און האָט די צוויי יונגע מענטשן צוזאַמענגעוואָרפן, איינגעקנאָטן איין לייב אין אַנדערן. מאַשע האָט געפילט אויף זיך טשאַרליס יונג־ביינערדיגן האַרטן קערפּער, זיינע שטאַרקע יונגע הענט ארום אירע בריסטן, און צווישן זיינע נאַקעטע הענט און אירע בריסטן איז גאָרנישט געווען — נאָר עס האָט גערונען וואַסער — און טשאַרלי האָט געפילט, ווי מאַשעס לייכטער קערפּער לייגט זיך אויף אים. און עס איז אים אָנגענעם געווען — ווי דאָס קאַלטע מיידל־לייב, באַקליידט אין נאַסן, ווייכן, לייגט זיך אייף אים. ער האָט זי געצויגן ביי דער האַנט טיפער אין וואַסער אריין — מאַשע האָט מורא געקראָגן, געשריגן פאַר פרייד און פאַר שרעק און אָנגעהאַנגען זיך מיט ביידע הענט אויף טשאַרליס יונגן שטאַרקן האַלז. טשאַרלי האָט זי געהאַלטן מיט ביידע הענט און דאָס וואַסער האָט אים מיטגעהאָלפן. ער האָט געזען ווי איר יונגער שטאַרקער קערפּער שניידט זיך אַרויס מיט אַ נאַסער וואַסער־ליניע פון איר קלעפנדיג באַד־קליידל, דער שוואַרצער נאַסער זיידענער שטאָף האָט אָנגענומען די זעלבע ליניע, וואָס עס האָט איר קערפּער. ער איז געפאַלן אויף איר קערפּער און ער האָט בולט געמאַכט יעדן דעטייל פון איר יונג מיידלישן לייב, ס׳האָט אַרויסגעקוקט יעדע ליניע, אירע יונגע אָפּשפּרינגנדיגע בריסטן האָבן זיך ווי צוויי שטאַרק־האַרטע באַרגעס אַרויסגעשניטן פון איר נאַס קליידל, און איר רונדיגער שטאַרקער בויך האָט זיך אַרויסגעשניטן ווי אַן איידעלער פּאָרצעלאַן־

טעלער פון איר נאסן קאסטיום — ער האט ליב געהאט צו זען די ליניעס פון איר קערפער, און גערן געהאט צו פילן דאס שלאנגדיגע לעבן און איינגעהאלטענעם ווילן, וואס שלומערט אין דעם קאלטן הארטן, וואס ער האלט אויף זיינע הענט — נאר לאנג טראכטן און באטראכטן האט ער נישט געקענט — דער ים האט זיך געשפילט מיט זיי, און די לויפנדיגע פרישע כוואליעס האבן געבראכט דעם קאלטן סוד פון טיפן ווייטן ים צו זיי — יעדעס מאל האבן זיי דערפילט צווישן זיך א דריטן קערפער, דעם קאלטן פרישן געהיימנישפולן קערפער פון טיפן ווייטן ים — וואס איז געווען ווי דער קערפער פון אן אומבאקאנטער פרעמדער פרוי. זיי האבן זיך געשראקן פאר דעם פרעמדן קערפער — און ארומגענומען זיך און געטוליעט זיך איינס צום צווייטן, און דער קאלטער פרעמדער וואסער-לייב האט זיך געטוליעט צו זיי, געוואלט זיך אנווארימען אין זייערע יונגע לייבער און מיט-זיין מיט זיי אין זייער פארבארגענעם געהיימניש. און פארשטעלן זיי פון פרעמדע מענטשנס אויגן...

9

ביים זאמד-ברעג.

זיי זענען ביידע געלעגן אויפן זאמד, און איין זון האט זיי ביידן באדעקט. נאך קיינמאל זענען זיי נישט אזוי נאענט געווען צוזאמען. און זיי האבן נישט געוואוסט, אז מענטשן, יונגע מענטשן, מעגן ליגן אזוי צוזאמען אן זינד און אן שעם...

די זון האט זיי ביידע צוזאמען געווארעמט, און זיי זענען ביידע אנגעשטעקט געווארן פון דער פרייד און צעפרידנקייט, וואס האט געהערשט צווישן די מענגע נאקעטע גליקלעכע מענטשן אויפן זאמד-ברעג. זיי האבן נישט געקלערט, אז זיי זענען יונג, און זיי האבן נישט געוואוסט ביידע, אז זיי האבן זיך ליב, נאר זענען גליקלעך געווען, וואס די זון ווארעמט זיי און ווארעמט אלעמען אויפן ברעג. עס האט זיך זיי געדאכט, ווי די גאנצע פארשידנפארביקע מענגע, וואס פארטרינקען דעם

וייטן ברעג פון ים, מיט די נאקעטע הענט און פארשידנקאָ־לירטע באַדעקנס אויף די קעפּ — זענען איין משפחה — די גאַנצע וועלט איז איין משפחה געוואָרן און זיי געפינען זיך צווישן דער משפחה.

— איך האָב ליב צו זען די מענגע אין פרייד — האָט טשאַרלי געזאָגט צו מאָשען — איך האָב ליב צו זען, ווי אַלע פרייען זיך, און זיין מיט זיי אין דער פרייד. עס זענען דאָ אַזעלכע, וואָס האָבן נישט ליב קוני איילאנד, ווייל קוני איילאַנד איז דער פּלאַץ פון די רויע מאַסן. זיי פאַרשמוצן דעם ים מיט די רעשטלעך פון עסן און באַלייגן דעם ברעג מיט זייערע אום־געלומפּערטע מיאוסע קערפּערס — און מיר דוכט זיך, אז פרייד און צעפרידנהייט און גליקלעכקייט קען מען נאָר האָבן מיט אַ מענגע, מיט אַ גרויסער רויער מאַסע אינאיינעם. מיר וואָלט לאַנגווייליג געווען צו האָבן פרייד און פאַרגעניגן אַליין. מיר וואָלט לאַנגווייליג געווען צו זיין איינער אַ גליקלעכער, אָדער צו זיין מיט בלויז גליקלעכע, מיט אויסדערוויילטע, וואָס האָבן די מעגלעכקייט צו האָבן פאַרגעניגן. פאַרגעניגן קען מען נאָר האָבן אָט דאָ, ווען מ'זעט, ווי די גרויסע ברייטע מאַסן האָבן פאַרגעניגן. עס דוכט זיך דאַן, אַז עס איז גאָרנישט מער דאָ קיין שלעכטס און קיין ליידן אויף דער וועלט; אַז דאָס פאַר־געניגן איז אויסגעשפּרייט פאַר אַלעמען. דאַכט זיך, אָט דאָ קען מען טיף און שטאַרק הנאה האָבן פון פאַרגעניגן. דאָס פאַרגע־ניגן באַשאַפט אינערלעכע און אמתע פרייד — מען ווערט אָנ־געשטעקט מיט דער אַלגעמיינער פרייד.

מאָשע האָט געקוקט אויף אים. זי האָט ליב געהאַט צו הערן אים רעדן. טשאַרלי האָט נישט געקענט רעדן רואיג, טשאַרלי האָט געקענט נאָר רעדן מיט באַגייסטערונג, מיט פלאַ־מענדיגע אויגן און מיט מאַכן מיט די הענט — עס איז געווען ווי ער וואָלט איבערגענומען פון פאָטער, דעם פרומען חסיד, די רעליגיעזע באַגייסטערונג, און האָט ער זי נישט געהאַט אויף וואָס אויסצולאָדן, האָט ער זי אויסגעגאָסן אויף זיינע איבערצייגונ־גען. און די איינגעבוירענע באַגייסטערונג און התלהבות פון זיין

פרומפן טאַטן האָט אפילו די אמעריקאַנער שול נישט געקענט ביי טשאַרלין אויסלעשן.

— קוק זיך אַרום, מאַשע — האָט טשאַרלי געשפּרונגען פאַר פרייד — זע ווי גרויס, ווי ווייט, ווי לאַנג עס ציט זיך אויס די מענגע — טויזנטער און הונדערט־טויזנטער — זע, אַלע זענען גליקלעך, אַלע פרייען זיך — איך האָב ליב די מאַסן; אַז איך בין אין אַזאַ ים מיט מענטשן, דאַכט זיך מיר, איך וואָלט אויף אַלעם פעאיג געווען, אויף גרויסע זאַכן. עס זענען דאָ דעמאָקראַטן, סאָציאַליסטן אפילו, וועלכע ליבן נישט די גרויסע מענגע, די מאַסע איז פאַר זיי צו גראָב, אומקולטורעל — און זי באַליידיגט זייערע עסטעטישע געפילן. אָפטמאָל איז מיר אויסגעקומען צו הערן פון מיינע קאַמעראַדן, אַז זיי פילן זיך איינזאַם אין דער מאַסע. זיי פאַרשטייען נישט, די נאַראָנים, די אידעע פון אַ מענגע. זיי מיינען, אַז די מאַסע איז אַ צוזאַמענהאַנג נאָר פון פיל איינצלנע, גראָבע, אומוויסנדיגע איינצלנע. זיי ווייסן נישט, אַז די מאַסע איז אַ קערפּער, א נשמה, אַ באַשעפעניש פאַר זיך אליין — מיט איר אייגענער אינדיווידואַליטעט. אַז איך געפין זיך אין אַ מענגע, איז ווי איך וואָלט זיך געפונען אין דער אומענדלעכקייט, אין דער געהיימניש פון אונזער עקזיסטענץ, וואָס אַלס איינצלנער קען מען עס נישט דערגרייכן און פילן. מאַשע, דו ווייסט, וואָס א מאַסע איז? א מאַסע איז דאָס גרויסע אייביגע לעבן, וואָס איז געווען פאַר אונז און וועט זיין נאָך אונז. מיר וועלן שטאַרבן, יעדער איינצלנער וועט שטאַרבן, די מאַסע וועט לעבן, זי האָט אייביג געלעבט, אין אַלע דורות, אין אַלע פאָרמען. מיר דאַכט זיך, אַז גאָט האָט צוערשט באַשאַפן נישט דעם איינצלנעם, נאָר די מענגע; אַז איך געפין זיך צוזאַמען אין אַזאַ ים מיט מענטשן, בין איך זיכער, מיר דאַכט זיך, אַז איך האָב זיך אויפגעלעזט — איך בין אַ טייל פון דעם גרויסן אייביגן.

מאַשע איז שטיל געווען און האָט אים אָנגעקוקט פאַרוואונדערט און פרעמד. פיל פון זיינע ווערטער האָט זי נישט פאַרשטאַנען, און זי האָט איבערהויפּט קיינמאָל קיינעם נישט גע־

הערט אַזוי רעדן. נאָך נאָכמער פון די רייד איז איר פרעמד פאַרגעקומען טשאַרלי אַליין. דורך דעם יאָר, וואָס זי איז אַ כּלה מיטן אַנקל און זי האָט טשאַרלין נישט געזען — דערקענט זי אים נישט. טשאַרלי פּלעגט שטענדיק שעמעוודיג שווייגן אין דער געזעלשאַפט פון די מיידלעך. די מיידלעך האָבן פון אים חוזק געמאַכט. און ער האָט אָפּגעענטפערט מיט אומגעלומפּערט-קייט, זיינע וויצן האָבן קיינמאָל נישט אויסגענומען — וואָס איז עס געוואָרן מיט טשאַרלין? וואו איז ער געווען דורך דער צייט? וואָס האָט ער געטאָן? זי האָט זיך אָנגעהויבן צו זשענירן פאַר אים, ווייל זי קען אַזוי נישט רעדן, ווי ער; און ס'האָט זי ארומגענומען אַ געוויסע שטאָלצקייט אויף אים, און זי האָט אים גערן געהאַט, וואָס ער רעדט אַזוי.

טשאַרלין האָט עס נישט אויסגעמאכט, אויב מאָשע פאַר-שטייט איב יאָ אָדער נישט. ער האָט מער גערעדט פאַר זיך, ווי פאַר איר. איבעריגנס האָט ער געמיינט, אז אַלע דענקען אַזוי ווי ער, און אַלע טראָגן זיך אַרום מיט די געדאנקען, וואָס ער. טשאַרלי איז געווען פון יענער וואַקסנדער יוגנט אין אַמע-ריקע, וואָס איר גלויבן אין אידעאַליזם איז נאָך אַזוי יונג און פריש, אַז עס שמעקט פון איר דער טוי פון וואַקסן. ווי אַלצ-דינג אין אַמעריקע איז אָנגעזאָפּט מיט ענערגיע פון א יונגער שפּראָצנדער פּרוכט, אַזוי איז אויך דער אַמעריקאַנער אידעאַ-ליזם, דאָרט וואו ער ווייזט זיך אַרויס, יונג און פול מיט גלויבן. מיט סקעפּטיציזם און ספקות איז ער נאָך נישט באַפלעקט. ער ווייסט נישט פון זוכעניש און מיסטישער פאַרבאָרגעניש. נאָך דער גאַנצער אידעאַליזם איז אָנגעווענדעט אויף פּראַקטישעס און ווערט געטריבן פון אַן ענערגישן, אָפּטימיסטישן, לעבנס-לוסטיגן שטראָם פון אַ יונגן שפּראָצנדן שטאַם. דער זעלבער ענערגישער שטראָם פון דער יונגער שפּראָצנדער קראַפט, וואָס בויט די הימל-קראַצער און וואַרפט מייל-לאַנגע בריקן איבער טאָלן און טייכן — טרייבט אויך די דענקנדע קראַפט פון אַמע-ריקע צו פּראַקטישן און נוצלעכן אידעאַליזם... טשאַרלי האָט באַלאַנגט צו אַן ענגן קרייז פון יידישער שטודירנדער יוגנט,

װעלכע האָט נישט געלערנט פאַר קאַריערע, נאָר געװען אַרומ־גענומען פון אַט דעם יונגן אַמעריקאַנער אידעאַליזם. דער גע־דאַנקענגאַנג זייערער איז נישט אַרויסגעגאַנגען פון די גרענעצן פון הײנטיגן, װעלטלעכן לעבן, האָט זיך נישט פאַרבלאָנדזשעט אין קיין אַנדערע װעלטן, און האָט געזוכט אַ פּראַקטישן ענט־פער אויף אַלע פּראָבלעמען.

טשאַרלי האָט זיך אויך געהאַט באַקענט מיט אַ גרופּע רוסיש־יידישע אינטעליגענטן, װעלכע זענען דאָ טעטיג געװען אין דער אַרבעטער־באַװעגונג. פון זיי האָט ער געהערט פון דער אַרבעטער־באַװעגונג אין רוסלאַנד, פון דער רעװאָליוציע, פון דעם רוסישן אידעאַליזם — פון סיביר, פון טורמע. רוס־לאַנד, די רעװאָליוציע, איז ביי אים געװען װי אַ פאַרצױבערטע לעגענדע, װי אַ הייליקייט, אַ ארץ ישראל, און די רוסיש־יידישע אינטעליגענץ איז ביי אים געװען װי א הייליגע. ער איז שטאָלץ געװען, װאָס ער קומט פון רוסלאַנד, פון לאַנד פון רעװאָליוציע און אידעאַליזם, װאָס ער איז דאָרט געבוירן געװאָרן. און ער האָט זיך מיט זיין גאַנצער אומשולדיגער יוגנט־קראַפט אַריינגעװאָרפן אין דער באַװעגונג דאָ. און גע־דענקנדיג און פילנדיג דאָס לעבן פון די יידישע עמיגראַנטן, האָט עס ביי אים געװעקט דעם פּראָטעסט, זיין פּראָטעסט פון אַ געזונטן גלייכבאַרעכטיגטן, דערצויגענעם יינגל, געגן ערנידריגטן לעבן פון זיינע עלטערן. און פיליכט איז אין דעם שולדיג געװען זיין פאָטערס רעליגיעזע פרומקייט, װאָס ער האָט נישט גע־זוכט, װי טויזנטער, טויזנטער זיינס גלייכן, זיין אייגענע פאַר־זענלעכע פאַרבעסערונג פון זיין לאגע, נאָר ער האָט זיין גאַנצע ענערגיע, גלויבן און האָפנונגען אװעקגעשאָנקען דער פּאַרטיי, װעלכע ער האָט געגלויבט, װעט אַלעמענס לאַגע פאַרבעסערן און פאַרלייכטערן.

מיט זיינע איין־און־צװאַנציג יאָר איז טשאַרלי נאָך גע־װען די אומשולד אַליין, און זיין באַציונג צו מאַשען איז גע־װען װי ס'רוב פון אַמעריקאַנער ערצויגענער יוגנט צו מיידי־לעך — אַ באַציונג פון אַ קאַמעראַד אַ „באַי" צו א קאַמע־

ראַד אַ „גוירל". זיין יונגער קערפּער, וועלכער איז פון שול אָן געוואָרן אויסגימנאַסטירט און געהאַלטן זיך אין איין ברעכן און באַוועגן, איז געווען צו ניכטער פאַר קערפּערלעכער ליידנשאַפט. ער האָט נישט קיין צייט געהאַט צו זאַמלען זיין ענערגיע פאַר לוסט, וואָרום זיין ענערגיע איז יעדעס מאָל אָנגעווענדעט געוואָרן אויף באַוועגונגען און ברעכן זיך, אויף שפּרונגען און באַלל כאַפּן. קיין מיידלשער קערפּער האָט ביי אים גאָר נישט קיין באַזונדערעס דערוועקט. ער האָט זיך געבאָדן מיט מאַשען, געפילט איר קערפּער אויף זיך, געלעגן איצט נעבן איר אין דער זון אויפן זאַמד, געזען די ליניען פון איר יוגנט, וואָס שניידן זיך אַרויס פון איר באָד=קלייד און ער האָט גערעדט צו איר ווי צו אַ פריינט אַ יינגל, און ער האָט זי פאַר אַזעלכע געהאַלטן. ער האָט געשטיפט מיט איר, אָנגערירט די דעליקאַטסטע טיילן פון איר קערפּער, און עס האָט ביי אים קיין זינדיגע געפילן נישט דערוועקט. ער האָט זי געריסן ביים האַנט און געשלעפּט זי ביים אָרעם איבערן זאַמד, וואו די זון האָט זיי ביידן באַגאָסן מיט ליכט און וואַרימקייט.

— קום, מאַשע, וועלן מיר זיך לאָזן אין דעם ים פון מענטשן — קוק, זעסט, ווי גרויס דער ים מענטשן איז — קום, איך! האָב ליב צו טראָגן זיך אין אַ ים מענטשן.

און ווירקלעך, איז דער גאַנצער ברעג פון ים, ווי ווייט דאָס אויג האָט נאָר געקאָנט פאַרכאַפּן, אָנגעפילט געווען מיט גאַסע, באָרוועסע און נאַקעטע מענטשן. לייבער, לייבער און לייבער. דאָס ביסעלע קליידער, סיי מענלעך, סיי ווייבלעך, האָט זיך פאַרלאָרן אין די נאַקעטע הענט, העלזער, בריסטן, פיס און רוקנס. עס איז געווען, ווי דער ים וואָלט אַרויסגעוואָרפן פון זיך כוואַליעס מיט מענטשן=לייבער: ווייבער, מענער, קינדער, יינגלעך און מיידלעך, אַלע אויסגעמישט, צוזאַמענגעפּאָרט, צוזאַמענגעקנאָטן.

מאַשע און טשאַרלי, יונג און נאַקעט, מיט נאַקעטע פיס און נאַקעטע הענט, זענען געגאַנגען צווישן די האַלב-נאַקעטע לייבער. עס איז געווען, ווי די גאַנצע וועלט וואָלט זיך צע-

צוריקגעקומען צום ברעג פון ים, אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די זונ־דיגע באַפלעקטע קליידער און געמאַכט אַ נאַקעטע שטאָט. עס האָט נאָר געשטערט אין דער ים־נאַקעטקייט דאָס רעשטל אָנ־טועכץ, וואָס די מענטשן האָבן געמוזט טראָגן פאַר „אָנשטענ־דיקייט"... אַזוי זענען זיי ביידע געגאַנגען האַנט אין האַנט, און זייערע נאַקעטע שטיקער לייבער האָבן זיך אָנגערירט און געריבן אָן פרעמדע, אָן אומבאַקאַנטע. מען האָט מיטאַמאָל דערפילט דעם טעם פון אַ פרעמדן לייב. עס האָט זיך גע־דאַכט, אַז אַ גרויסער משיח איז געקומען און האָט אַלע פאַר־באָטן אויפגעלייזט, אַלעס מעג מען, און די גאַנצע וועלט מישט זיך אויס איינער מיטן צווייטן...

טשאַרלי האָט געהאַט דאָס באַדערפעניש צו רעדן. די אַל־געמיינע פרייד האָט אים אָנגעשטעקט — און ווער עס וואָלט נעבן אים געגאַנגען, מיט דעם וואָלט ער זיך מיט זיינע געפילן געטיילט.

— קוק, מאַשע, קוק, ווי ווייט און ברייט עס איז דער ים מענטשן. זע, די גאַנצע וועלט איז זיך צונויפגעקומען. כ'האָב ליב די ניו־יאָרקער מאַסע. אַז מען זעט אַ ניו־יאָרקער מאַסע, זעט מען די גאַנצע וועלט פאַר זיך. אין אַלעמענס אויגן ליגט אַ בענקשאַפט פון אַ יוגנט, פון אַ קינדהייט, וואָס זיי האָבן ערגעץ אנדערשוואו, אין אַן אַנדער לאַנד איבערגעלעבט. דאָס איז ניו יאָרק. מיר אַלע זענען ניו־יאָרקער. איך, דו — די אַלע וואָס ליגן דאָ — מיר אַלע האָבן אונזער קינדהייט פאַרבראַכט ערגעץ אַנדערש וואו. און אַ ניו־יאָרקער צו זיין הייסט, צו האָבן אין די אויגן אַ בענקשאַפט צו אַן אַנדער וואַסער, פעלד און זון. יעדער איינער פון אָט די האָט זיך אויפגעצויגן אין אַן אַנדער לאַנד. פילע קומען דאָ פון די ברייטע סטעפּס פון רוסלאַנד און פילע, וועלכע געדענקען דעם ליכ־טיגן הימל פון איטאַליע, פון די רייך־קאָלירטע און בילדערי־שע פעלדער פון אונגאַרן און גאַליציען, פילע, וועלכע געדענקען די אַראַבישע וויסטע, און אַזעלכע, וועלכע האָבן זיך אויפגע־צויגן אויף די באַמאַלטע רייז־פעלדער פון כינע און יאַפּאַן.

און ווער אויף די הויכע בערג צווישן שפּאַסן און קי, און אַזעלכע, וועלכע האָבן נאָך געזען דאָס קליינע יידישע שטעטל מיט די פאַרשנייטע דעכער אין ווינטער. — דו געדענקסט, מאַשע, אונזער שטעטל קוזמין אין ווינטער? איך געדענק עס, ווי אין אַ חלום: די קליינע שול, מיט אַ פּענדעלע פון דאַך אַראָפּ, אַן אויסגעדרייט פּענדעלע. דער טאַטע האָט מיך געפירט אין שול אַריין, אויף די פּלייצעס האָט ער מיך געשלעפּט, און איך האָב געהאַלטן אַ סדור מיט אַן עפּל אין דער האַנט. און אויף דער שול איז געווען אַ פּענדעלע. און מיר אַלע דאָ ליגן נאַקעט ביי איין ברעג פון קוני איילאַנד.

מאַשע איז טרויעריג געוואָרן און פאַרקלערט. טשאַרליס ווערטער האָבן זי געבראַכט צו קלערן וועגן איר לאַגע. זי האָט זיך אויך דערמאָנט אָן קוזמין און האָט געזען איר קינדהייט, ווי אין אַ חלום, ווי זי ציט זיך אויף ביים זיידן. זי האָט געדענקט אָן אַלטן יידן, וואָס האָט איר געגעבן לעקעכלעך, און דערנאָך האָט זי אַלעס פאַרגעסן און ווידער זיך דערמאָנט אָן האָפּקינס סטריט, ווי זי לויפט צום קצב. ער זאָל איר באָרגן פלייש. „פאַ ארבעט" — און דערנאָך דעם אַנקל, און איר לאַגע איצט. זי איז טרויעריג געוואָרן און האָט אויפגעהויבן אירע שוואַרץ-געדיכטע ברעמען און אירע פולע ווייַנטרויבן-אויגן צו טשאַרלין:

— און דו וואָלסט נישט געוואָלט זיין געבוירן אין אַמעריקע?

— ניין — האָט טשאַרלי געענטפערט — איך בין גליקלעך, וואָס איך בין אַ ניו-יאָרקער, אַ פרעמד-געבוירענער, מיט בענקשאַפט נאָך רוסלאַנד, ווי אַלע דאָ אין דער פרעמד געבוירן. און מיר אַלע דאָ אין דער פרעמד וועלן מאַכן אַמעריקע אַ שיינע, א פרייע, אַ גרויסע אַמעריקע. יעדער איינער וועט ברענגען דאָס שיינע פון זיין לאַנד און וועט עס געבן צו אַמעריקע. זיי ברענגען דאָס מיט אויף די שיפן פון זייערע לענדער. די איטאַליענער, די רוסן און די טשעכן מיט די אונגאַרן, און די סקאַנדינאַווער מיט די אַראַבער — אַלע, אַלע

ברענגען מיט דאָס שענסטע פון זייער לאַנד, די בענקשאַפט פון זייער קינדהייט, און װעלן דאָס אָװעקגעבן אַמעריקע. איינער ברענגט זיין שיינהייט, זיין קונסט, זיין גלויבן, אַנדערע זייער גלייכעס דענקען, זייער ערלעכקייט. אַלעס שענסטע און בעסטע פון דער גאַנצער װעלט — אַלעס װעט זיך צוזאַמענלייגן, און מיר אַלע װעלן זיין דאָס גרויסע, דאָס פרייע, דאָס נייע אַמעריקע!

— און װאָס װעסטו געבן, טשאַרלי, אַמעריקע? — האָט מאַשע לאַכנדיק געפרעגט.

— װאָס איך װעל געבן? איך װעל געבן דאָס, װאָס אַלע קינדער פון יידן, װאָס קומען פון רוסלאַנד. אָ, מיר זענען זייער פיל שולדיג אַמעריקע, און מיר דאַרפן איר פיל געבן. אַמעריקע האָט אונז אַלעס געגעבן, אונז אַנדערש געמאַכט פון אונזערע עלטערן, פיל זענען מיר שולדיג אַמעריקע פאַר דער פרייהייט, װאָס זי האָט אונז געשאָנקען. און מיר װעלן איר געבן דאָס, װאָס די יידן האָבן געגעבן רוסלאַנד — אונזער רעװאָלוציאָנערן גייסט, אונזער אייביגן פּראָטעסט, אונזער אומצופרידנהייט. מיר זענען פאַרפליכטעט אַנדערש צו זיין װי אונזערע עלטערן. אונזערע עלטערן זענען אַראָפּגעקומען, זענען זיי געװאָרן שקלאַפן אין אַמעריקע, און מיר מוזן זיי באַפרייען. מיר אַלע זענען קינדער פון שקלאַפן. זענען אונזערע עלטערן נישט געװען קיין שקלאַפן? מייַן טאַטע, דיין טאַטע. און האָט דיך דיין טאַטע נישט אַװעקגעגעבן צו זיין ברויט-געבער, װי מען גיט אָפּ אַ שקלאַפין-קינד?

— הער אויף, הער אויף, װאָרום איך'ל... — האָט מאַשע געזאָגט און איז רויט געװאָרן. אירע פולע װיינטרויב-אויגן זענען פול געװאָרן מיט פערל-טרערן. נאָר ביי זיך האָט זי שוין באַשלאָסן טשאַרלין נישט צו לאָזן זען, אַז עס האָט איר עפּעס אָנגערירט, און אויסצולאַכן די גאַנצע זאַך. האָט זי זיך אָפּגערופן:

— האָסט עפּעס געלט, טשאַרלי?

— איך מיין אַרום אַ דאָקאָר. ער האָט שוין געגנבֿעט די סומע געלט, וויפֿל ער באַזיצט, נאָר געמאַכט מעשׂה רייכער.

— און איך אַ האַלבן. דאָס וועט גענוגן.

— אויף וואָס?

— איך וויל האָבן אַ „וואויל־טאָג“, מיר זענען דאָך אין קוני אײַלאַנד.

— דאָס איז רעכט, — שרייט אויס טשאַרלי.

— נו, גיי דיך אָנטאָן, איך אויך. מיר וועלן זיך טרעפֿן אין דרויסן.

און ער איז פֿלינק אַוועק.

טשאַרלי האָט ערשט איצט זיך דערמאָנט, וואָס ער האָט געזאָגט, און איז געבליבן שטיין אַ פֿאַרשעמטער, מער פֿון איר שמייכל, איידער פֿון די אומגעלומפּערטע רייד, וואָס ער האָט אַזוי אומגעשיקט אַרויסגערעדט.

.10

„טויזנט און איין נאַכט“.

נאָכן באָדן האָבן זיך ביידע געפּילט פֿריש און פֿול מיט ענערגיע. זיי זענען גרייט געווען אויף אַלצדינג. טשאַרלי האָט זיך צוריקגעהאַלטן פֿאַרלייגן, עס איז אים געווען אומבאַקוועם פֿון דעם, וואָס ער האָט דערמאָנט מאַשען פֿון אָנקל.

מאַשע האָט אים באַלד אָבער געמאַכט אָן אַלצדינג פֿאַרגעסן. מיט אַ ווייכער שטים, מיט מיידלישער ווייבלעכקייט, מיט וועלכער עס איז שוין פֿול געווען איר גאַנץ וועזן, האָט זי זיך אָפּגערופֿן:

— דו, טשאַרלי, גיב מיר צוהאַלטן דאָס טראַמוויי־געלט, אַז מיר זאָלן האָבן מיט וואָס אַהיים צופֿאָרן. פֿאַרן איבעריקן וועלן מיר זיך לאָזן וואויל־גיין.

דאָס זאָגנדיג, האָט זי אָראָפּגענומען פון איר געלט אַ „קוואָדער” און קאָקעטיש איינגעבונדן אין טיכל — שמייכלענדיג צו טשאַרלין, די איבריגע האָט זי אַריינגעשטעקט טשאַרלין:

— נאַ, צושטייער.

— וואָס ווילסטו זען?

— אַלעס. — איך וויל האָבן אַ אמתן וואַיל־טאָג.

— אָל־רייט, קום! און הונגעריג ביסטו נישט? — איך וועל דיר זאָגן דעם אמת — איך בין זייער הונגעריג — האָט טשאַרלי געזאָגט אין פאַרלעגנהייט.

— איך אויך — האָט מאַשע געלאַכט — נאָר מיט עקאָנאָמיע. איך וויל האָבן פאָן.

— וואָס?

— געבראָטענע ניסלעך.

טשאַרלי איז אָבער געווען פאַר מער סאָלידעס, און האָט פאָרגעשלאָגן וואורשטלעך. עס איז געבליבן אַז דאָס ערשטע אַז דאָס צווייטע, וואָס זיי האָבן ביידע געגעסן אויף דער גאַס, שטופּנדיג זיך צווישן דעם טייל מענטשן, וואָס האָט געשטראָמט איבער די טראָטוארן, און געלאַכט זיך אין פּנים אַריין.

דאָס ערשטע, וואָס זיי האָבן געטראָפן, זענען געווען „די זיבן וואונדער פון דער וועלט”. מען האָט געוויזן א קו מיט צוויי קעפּ, געבראַכט פון אינדיען; אַ צענויפגעוואָקסענעם צווילינג (מיידלעך), געבראכט פון כינע, און צוויי קליינע ליליפוטן: איינער אַ יאַפּאַנעזער, דעם צווייטן אַ נעגער; דאָס דיקסטע מיידל פון דער וועלט, וואָס האָט געוואויגן העכער פינף הונדערט פונט; אַ מאַן מיט א פּנים פון אַ לייב, אַ יונג מיידל מיט גראָע האָר; אַ נעגער־פרוי, וואָס קריכט ווי אַ בער, און אַ ווילדן אינדיאנער, וואָס אַ קאַפּיטאַן האָט ערשט אנטדעקט.

זיי האָבן באַצאָלט צו פינף סענט און אָנגעקוקט „די זיבן וואונדער פון דער וועלט”, וואָס מ'האָט געבראַכט פאַר זיי פון אַלע עקן פון דער וועלט. וואו די נאַטור באַשאַפט עפּעס אויסטערלישעס, מעג עס זיין אויף די פאַרבאָרגענע ווייטסטע

אינדזלען, געפינט מען עס אויס און מען ברענגט עס נאָך קוני אײלאַנד און מען ווייזט עס פאַר פינף סענט. עס האָט זיך זיי געדאַכט, אַז קוני אײלאַנד איז דער צענטער פון דער וועלט. אין אַן אַנדער אָרט האָט מען פאַרשפּראָכן צו ווייזן די כשוף־מאַכעריי פון עגיפּטן, געטריבן פון כאַליף פון מצרים, און אַלס צייכן, אַז מען זאָגט אמת, האָט דער גרויסער טונקעלער כאַליף פון מצרים געהאַלטן א כינעזיש ייִנגל — ער האָט אים געלייגט שלאָפן אויף אַ בעזים, און האָט אים געמאַכט רוען אין דער לופטן, און האָט אים געהויבן אין דער הויך, נאָר אַלצדינג, וואָס דער כאַליף פון מצרים האָט געהאַט צו ווייזן, האָט ער געוויזן אין דרויסן, בחינם, פאַר אַלע מענטשן. די, וועלכע האָבן באַצאָלט אַ ניקל און זענען אַריינגעגאַנגען — האָבן אינעווייניג שוין גאָרנישט געזען.

פאַר נאָך פינף סענט האָבן זיי זיך געפונען אין כינע, און געזען די שלאָפנדע כינעזישע פּרינצעסין מיט אירע קלײנע צענויפגעקוועטשטע פיסלעך, מיט די גאָלדענע פּאַנטאָפעלעך אויף די פיסעלעך. און פאַר נאָך אַ ניקל האָבן זיי זיך געפונען אין אלאַדין'ס כשוף־לאָמפּ, וואו דער גרויסער שטאַרקער אלאַדין (דער אָפּגעבערענטער אַראַבער מיט די אוירינגלעך אין אויער, מיט די רויטע שטאַרקע ליפּן), איז אויפגעשטאַנען פאַר זיי פון זייערע קינדער־חלומות, פון די ביכלעך אַרויס, איז ער לעבעדיג געוואָרן. אָט טייט ער פאַר זיי אַלאַדין פון „טויזנט און איין נאַכט", רייבט דעם כשוף־לאָמפּ און עס באַווייזט זיך אין דער לופט אַ טיש געדעקט מיט גאָלדענע און זילבערנע כלים. אַלאַדין נעמט אַ קרוג אין האַנט אַריין און גיסט פון אים וויין אַרויס; אַלאַדין רייבט דעם כשוף־לאָמפּ און עס קומט צופליען א ווייסע טויב אַ דינערין פון דעם לאָמפּ, און שטעלט זיך אויף זיינע פּלייצעס, און רוימט אים איין אַ סוד אין אויער אַריין, אַ שליחות פון אַ געהיימער, פאַרכשופטער וועלט.

זיי זענען געגאַנגען פון איין כשוף־פּאַלאַץ צום צווייטן. עס האָבן זיך פאַר זיי אויפגעעפנט די געהיימנישן פון אינדיע,

די פאַרבאָרגענישן פון מצרים און די סודות פון דער ווייטער פאַרכשופטער אַראַביע. עס האָט זיך זיי געדאַכט, אז זיי לעבן אין דער צייט פון „טויזנט און איין נאַכט”, ווען דער וועג נאָך אינדיע איז נאָך נישט געפונען געוואָרן, און זיי זעען זיך אין די פאַרכשופטע לענדער פון אַלטן אָריענט. זיי האָבן געזען די טעמפּלען פון כינע, און די טענץ פון אינדיע, און די פּרינצן פון אינדיע האָבן זיי נביאות געזאָגט וועגן דעם גורל פון זייער צוקונפט. און די אַלאַדינס פון אַראַביע האָבן זיי אַמוזירט מיט דער קונסט פון זייערע צויבערייען. און איבעראַל האָט זיך געפונען דער פּראַכט און גלאַנץ פון דעם פאַרבאָרגענעם אַלטן אָריענט.

אז זיי זענען אַרויסגעקומען פון די כשוף-פּאַלאַצן, האָבן זיי זיך ביידע געפילט ווי שכור. זיי האָבן זיך אויפגעזעצט אויף צוויי פערד, באַקליידעט מיט רייכע מאַנטלען, ווי די פערד פון אַן אַראַבישן אָנפירער. גרויסע טייערע שטיינער, בריליאַנטן, און רויטע שמאַראַגדן, און סאַפיר שטיינער, און אַנדערע טייערע שטיינער, רויב פון געפאַנגענע פּרינצעסינס און פון אין מלחמה געפאַלענע כאַליפן, זענען געהאָנגען אויף די פערד, און פון אַ טייערער אַראַבישער בלוט-ראַסע זענען די פערד געקומען, פון די ברייט ציטערנדע נאָז-לעכער האָט געשלאָגן אַ רויך און פון איידל דעליקאַטן מויל-שניט האָט געשלאָגן אַ שוים, און אַ פּרינץ מיט אַ פּרינצעסין זיצן האַנט אין האַנט אויף די פערד, מאַשע און טשאַרלי, און פאַר זיי אַנדערע פּרינצעסינס, און אויף דעם רייך-באַפּוצטן קאָטש זיצן איידל-קעניגלעכע קינדער, און זיי פאָרן אויף די פערד, יאָגן איינס דאָס אַנדערע און קענען זיך קיינמאָל נישט כאַפּן. וואוהין רייטן די פּרינצן? אין לאַנד פון חלום. אין דער אייביגער פרייד, אין יוגנט אַריין.

א מינוט די רייזע. פון האָלץ זענען די פערד. אַ ראָד-שפּאַן דער מהלך. אָבער וואָס איז דער חילוק? די ווירקלעכקייט — אַ מינוט, אייביג — דער חלום.

און באַלד זיצן זיי אין אַ פלי-קאָרב. עס הויבט זיך דער

קאָרב אין דער לופטן, העכער און העכער. עס אַנטפּלעקט זיך פאַר זיי דער גרויסער הימל, קוני איילאַנד מיט די מיליאָנען מענטשן, דער ים מיט מענטשן און דער ים מיט וואַסער אונטער זייערע פיס.

זיי הויבן זיך העכער — פּלוצים פאַלן זיי מיט אימפּעט אַריין אין אַ טיפן טאָל, מיטן קאָפּ אַראָפּ אין א אונטער־גרונט, אַ וואַסער אונטער זייערע פיס — דער טויט פאַר די אויגן, און ווייטער שווימסטו אין דער הויך, דו פליסט העכער, העכער, פאַרגעסן דאָס לעבן, פאַרגעסן די וועלט.

און שכּור פון כּשוף געפינען זיי זיך באַלד אין געלבּ־פיאָלעטן וואָלקן, וואָס הילט איין די וואונדער־שטאָט ווי אין אַ פאַנטאַסטישן חלום. קוני איילאַנד האָט זיך אָנגעצונדן. עס פליסן טייכן ליכט פון די הייזער, פון די טורעמס און דעכער אַראָפּ, ווי שטראָמען וואַסער. עס דרייען זיך די רעדער מיט ליכט איבער די טורעמס, פליען אַוועק פון די הייזער, שווימען אַריין אין דער לופט, און עס דאַכט זיך, אַז איבער דער וועלט האָט זיך דער הימל נענטער אַראָפּגערוקט, און עס האָט זיך באַוויזן דאָס שיינענדע ליכט פון די שטערן מיט די קאָמעטן. קוני איילאַנד איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ חלום, ווי אַ לעגענדאַרע שטאָט, פון די קינדער־ביכלעך אַרויס. די קינדער־יאָרן זענען צוריק אויפגעשטאַנען לעבעדיג, און אַלעס איז אויף דער וואָר געקומען. אַלע מעשיות זענען ריכטיג געוואָרן, און מענטשן, גרויסע מענטשן, לעבן ווי קינדער, האָבן לעבעדיג געמאַכט א קינדער־שטאָט פון די מעשה־ביכלעך אַרויס, און לעבן אין איר. איבער קוני איילאַנד הענגט אַ גאָלדענער רויטלעכער נעפּל, און אַלע לעבן אין דעם נעפּל, גייען און וואַקלען זיך ווי שכּור, ווי זיי וואָלטן געלעבט אין אַ חלום. פון די געוועלבער אַרויס גיסן זיך טייכן ליכט, רויט, געלב. עס זענען געמאַכט די געוועלבער, ווי גרויסע קינדער־הייזלעך, און פאַר די געוועלבער שטייען גרויס געשניטענע ליאַלקעס און האַלטן טראָמפּייטן אין די הענט, און שפּילן. אַ הויכע ליאַלקע־דאַמע, אָנגעטאָן ווי אַ קעניגין אין גאָלד און זילבער,

שטייט פאַר דער פּופּען-מוזיק מיט אַ שטעקן אין האַנט, און זי איז די קאַפּעל-מייסטערין. אַנדערע ליאַלקעס זיצן זיך אויף פּופּען-פערד און רייטן, און מענטשן דרייען זיך צווישן זיי. די מענטשן זענען אויך ליאַלקעס, נאָר שפּורלעך גייען זיי פון איין ליכטיג געוועלב אין אַנדערן, נעמען זיך וואָס זיי ווילן, עסן, טרינקען, און שפּילן, און טאַנצן — דאָס ליכט גיסט זיך וואָס ווייטער אין גאַס אַריין, די גאַנצע גאַס ווערט באַגאָסן פון ליכט, און אַלעס ווערט פאַרשטעלט, און עס דאַכט זיך, אַז מען לעבט אין גאָר אַ קינדערשער וועלט, אין דער כּשוף-וועלט פון די קינדער-יאָרן, אַלע, אַלע, די גאַנצע וועלט זע-נען צוריק קינדער געוואָרן — גרויסע קינדער. מיר אַלע שפּילן זיך ווי קינדער, און מיר אַלע געפינען זיך אין דער קינדער-וועלט, וואָס הייסט קוני איילאַנד.

אַז זיי זענען געזעסן אין וואַגאָן צוריק אַהיים צו פאָרן, האָבן זיי זיך ביידע ווי אויפגעוואַכט פון חלום, וואָס זיי האָבן געלעבט — ווידער זענען זיי זיך פאָרגעקומען פרעמד. זי האָט געפילט אַ שנור אויפן האַלז, וואָס עס האָט איר ווער פאַרוואָרפן, און טשאַרלין האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט גע-רעדט אַ גאַנצן טאָג נאַרישקייטן. און צו וואָס? און פאַר וועמען? נאָר דאָך האָבן זיי ביידע געפילט, ווי עפּעס האָבן זיי דורכגעלעבט צוזאַמען, עפּעס אַזעלכעס, וואָס האָט זיי אויף אַ מינוט זייער נאָענט צענויפגעבראַכט צוזאַמען, און דאָס וואָס איז געשען, קען שוין נישט אָפּגעווישט ווערן -- אַן ערינע-רונג פון אַן אנגענעמען חלום האָט פאַרוועבט זייערע מידע מוחות. זיי און דער גאַנצער וואַגאָן מענטשן האָבן געכאַפּט אַ לעצטן בליק אויף קוני איילאַנד. פון דערווייטנס האָט זיך געוויזן דער אינזל, ווי אַן אויסטערלישע דערשיינונג פון דער נאַטור, ווי אַ וואונדער. הויכע פייערדיגע רעדער האָבן זיך געדרייט אין דער לופטן, און זיי האָבן זיך געהאַלטן אין חלל ווי דורך אַ נס. שטאָלץ און אומגעוויינלעך שיין און ווי גאַר-נישט פון דער וועלט האָבן זיך געוויזן די פייער-ברענענדיגע טורעמס פון די פייער-ברענענדיגע הייזער, און זיי האָבן

אויסגעזען, ווי קופּאָלן און טורעמס פון הייליגע געטלעכע טעמפּלען, וועלכע זענען פון הימל אַראָפּגעפאַלן. עס האָבן אויסגעזען די רעדער, און די ברענענדיגע גאַסן אין דער לופטן, און די ברענענדיגע שפּיצן פון די טורעמס, ווי טעמפּלען געטלעכע, ווי אַ „מעקאַ", ווי אַ ירושלים, און זיי האָבן געצויגן צו זיך מיט זייער מאַיעסטעטישן וואונדערלעכן הייליגן גלאַנץ און יעדער איינער האָט אין האַרצן געבענטשט און געדאַנקט די הייליגע וואונדער-שטאָט קוני איילאַנד, וואס ברענגט פרייד, זעליקייט און שפּילעריי צו מיליאָנען.

11

די כּלה וויל נישט.

מאַשעס עלטערן זענען אומרואיג געוואָרן אין דער היים, דאָס מאַשע איז אַוועק אין קוני איילאַנד און מען זעט זי נישט. עס איז שוין געווען שפּעטלעך אויך, אָוונט-צייט, דער טיש איז געדעקט געווען, די געשליפענע גלאָזוואַרג, וואָס אהרנס ווייב האָט זיך אָנגעקויפט אין שטוב, צייט עס איז איר גוט געגאַנגען, האָט געפינקלט פון גלעזער-שענקל אַרויס, און מאַשעס מוטער ראָזע איז געזעסן ביים געדעקטן טיש אַן אומגעדולדיגע, אַמאָל געקלימפּערט מיט אַ גאָפּל, אַמאָל אַוועקגעשאַרט אַ טעלער, און געקלאַפּט מיט די ליפּן:

— נאָ דיר אַ קוני איילאַנד.

אהרן, וועלכער איז געווען אָן אַ ראָק, איז געשטאַנען ביים אָפענעם פענסטער און אַרויסגעקוקט אומגעדולדיג אויף מאַשען. דאָס קלאַפּן פון ווייבס ליפּן האָט אים דענערווירט, וואָרום כאָטש עס איז נישט געווען קיין אויסערגעוויינלעכעס אין מאַשעס זאָמען זיך, דאָך האָט זיי מאַשעס פאַרשפּעטיגן אויפגערעגט. וואס פאַר אַ קלייניקייט עס האָט זיך נישט געטראָפן מיט מאַשען, האָט זיי באַלד באַאומרואיגט, ווי מען באַ-

אומרואיגט זיך שטענדיק וועגן אַ גרויסן אוצר. האָט אהרן אָפּגעבויגן דעם קאָפּ פון פענצטער און געברומט:

— ראָזע, לאָז מיך שוין גיין, ראָזע.

די איבעריגע קינדער זענען נישט געווען אין שטוב, געווען געהאַט אַרויסגעפאָרן אויף זומער־וואוינונגען. נאָר טאַטע־מאַמע זענען איבערגעבליבן מיט מאַשען, צוליב דעם אויסשטייער. עס האָט טאַקע געהאַלטן קורץ פאַר מאַשעס חתונה. אין אַזעלכע פאַלן זענען טאַטע־מאַמע מער באַאומרואיגט וועגן דער כלה — און דאָ איז דאָך די כלה געווען מאַשע.

— וואו איז זי געגאַנגען, ראָזע? - איז שוין אהרן געוואָרן אויך אומרואיג.

— וואָס, איך האָב דיר געזאָגט, נאָך קוני איילאַנד; זי האָט געוואָלט זיך אויסבאָדן.

— און מיט וועמען איז זי דאָס געגאַנגען אין קוני איילאַנד, ראָזע?

— וואָס פרעגסטו מיך? דו ווייסט נישט? זי האָט דאָך אָנגעקלונגען, זי גייט מיט טשאַרלין אין קוני איילאַנד זיך באָדן.

—מיט טשאַרלין, האַ? ראָזע, מיט טשאַרלין איז זי געגאַנגען אין קוני איילאַנד. און דער אָנקל האָט מיר אָנגעקלונגען, אַז ער קומט באַלד אַריין מיט דער מאַשין זי אַרויסנעמען. דער אָנקל האָט מיך היינט געפרעגט אַמאָל צען אויף איר. גיי זאָג אים, אַז זי איז געגאַנגען מיט טשאַרלין אין קוני איילאַנד. גיי זאָג אים מיט טשאַרלין. איצט וועט ער באַלד אַריינקומען, זי „אַרויסנעמען" מיטן אויטאָמאָביל, און זי וועט נישט זיין, איז געגאַנגען מיט טשאַרלין אין קוני איילאַנד — האַ, ראָזע, שיין זעסטו אויס, האַ?

— וואָס בין איך שולדיק? איך האָב זי דען געזען? אויפגעכאַפּט זיך אינדערפרי און איז אוועק. וואָס האָב איך געזאָלט טאָן?

— גיי זאָג דעם תירוץ דעם אָנקל. גיי זאָג אים, ער וועט דאָ באַלד זיין, וועסטו דאָס אים זאָגן.

— אהרן, וואָס שרעקסטו מיך, אהרן?

נאָר אהרן האָט זיך באַלד אויך דערשראָקן פאַר דער שרעק, וואָס ער האָט אָנגעוואָרפן, האָט ער זיך געפּרואווט ארויס־נעמען פון דער שרעק.

— ראָזע, לאָז מיך אָפּ, ראָזע. דאָס קינד איז זיך געגאַנ־גען באָדן, וועט באַלד צוריקקומען — וואָס מאַכסטו חתונות?

— איך מאַך חתונות? — דו מאַכסט חתונות!

-- ראָזע, לאָז מיך אָפּ, ראָזע.

נאָר באַלד זענען זיי באַפרייט געוואָרן פון דער שרעק, וועלכע זיי האָבן איינס אויפס אַנדערע אָנגעוואָרפן. אין שטוב איז גע־קומען אַריינצולויפן מאַשע. טאַטע־מאַמע האָבן פריי אָפּגע־אָטעמט. אין אירע אויגן איז געווען אַ גלאַנץ פון טרערן און כעס. זי האָט זיך אַ מינוט אָפּגעשטעלט אין מיטן שטוב און אָנגעקוקט טאַטע-מאַמע מיט אַ רחמנות און וויינענדיגן בליק. דאַן איז זי אַרויס אין אַ הויכן געוויין און איז שנעל אַריין צו זיך אין שטוב אַריין.

— ראָזע, וואָס איז דאָס? — האָט אהרן געפרעגט.

— איך ווייס, וואָס דאָס איז? וואָס פרעגסטו מיך? קום אַריין צו איר.

טאַטע־מאַמע זענען צו צו מאַשעס צימער, האָבן אָבער געפונען די טיר פאַרשלאָסן. דער טאַטע האָט זיך געבעטן הינטער דער טיר:

— מאַשע לעבן, וואָס איז דיר? זאָג מיר, ביסט חלילה קראַנק? אפשר שיקן נאָך אַ דאָקטאָר?

— מיר פאַלן דאָך פון לעבן, מאַשע; וואָס איז דיר, מאַשע? — האָט זיך די מאַמע געבעטן.

מאַשע איז אָבער שטום געבליבן הינטער דער פאַר־שלאָסענער טיר.

— און וואָס וועט איצט זיין, ראָזע? — האָט דער מאַן געפרעגט, ווי דאָס ווייב וואָלט נאָר אַליין אין דעם אומגליק שולדיג געווען.

— איך וועל אַהין גיין, צו די שנאָרערס, און די אויגן זיי אויסדראַפּען, דער מאַמען מיטן זון, וואָס האָבן זיי צו

אונז, וואָס פאַרגינען זיי אונז נישט אונזער שטיקל אָרים גליק? — האָט ראָזע געזאָגט, מיינענדיג טשאַדלין מיט זיין מוטער.

— אָבער הער אויף, הער שוין אויף! — שרייט דער טאַטע — מאַשע, מאַשע לעבן, שרעק אונז נישט; דו שרעקסט דאָך אונז — האָט זיך דער טאַטע געבעטן הינטער דער טיר.

פון מאַשען איז קיין אַנטוואָרט נישט געקומען.

— און וואָס וועט איצט זיין? דער אָנקל וועט דאָך באַלד קומען. ער האָט אָנגעקלונגען, אַז ער קומט מיט דעם אויטאָ דיך אַרויסנעמען.

דאָ האָט זיך פּלוצים מאַשעס טיר אויפגעפראַלט. און דאָס מיידל מיט ברייט אויפגעריסענע אויגן האָט געשריען צו טאַטע־מאַמע:

— איך וועל נישט חתונה האָבן מיטן אָנקל, איך וועל נישט, איך וועל נישט!...

טאַטע-מאַמע האָבן זיך אָנגעקוקט. ווי דער אומגליק אַליין וואָלט מיטן דונער אַריינגעקומען.

— וואָס רעדסטו? וואָס זאָגסטו? מאַשעלע, וואָס טוט זיך מיט דיר?

— איך וויל נישט, איך וויל נישט! — האָט מאַשע געטופּעט מיט די פיס.

— שאַ, שטיל. וויי איז מיר. דער אָנקל וועט דאָך באַלד אַריינקומען.

מאַשע האָט צוגעקלאַפּט די טיר פון איר צימער, הינ-טער די עלטערן.

— איז וואָס וועט איצט זיין? ראָזע, איך ווער דאָך משוגע, איך ווער דאָך משוגע, איך גיי דאָך פון זינען אַראָפּ! — אַהרן האָט מיטאַמאָל דערזען די גרוב פון אָרימקייט, פון וועלכער ער האָט זיך אַרויסגעקריגן, און די געפאַר ווידער אין איר אַריינצופאַלן. ער האָט זיך צוריק געזען אַ מאַשין-שטעפּער — ער האָט פאַרצווייפלט.

נאָר ווי אימער אין אַזאַ פאַל, ווען אהרן האָט זיך פאַר־לוירן, האָט אויך איצט ראָזע גענומען די לאַגע אין אירע הענט אַריין:

— אהרן, גיי אַוועק. זעץ זיך צום טיש עסן. דער אָנקל וועט באַלד אָנקומען... — האָט זי געזאָגט מיט אַ באַפעלנדיגן טאָן.

אהרן האָט געפאָלגט, זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש און גענומען ברעכן די הענט:

— וואָס וועט איצט זיין, וואָס?

— אהרן, הער אויף, דער אָנקל וועט אָנקומען — ער דאַרף גאָרנישט וויסן. ער דאַרף גאָרנישט אָנזען.

אהרן האָט איינגעזען, אַז דאָס ווייב האָט רעכט. האָט ער אויפגעהערט און געפּראָוווט רואיג זיצן.

— וואָס איז דען געשען? גאָרנישט איז געשען. געפאָרן מיטן יונג נאָך קוני איילאַנד, האָט זיך איר דער קאָפּ פאַר־דרייט. זי וועט איבערשלאָפן די נאַכט, וועט זי זיך אויסניכ־טערן.

אהרן האָט איינגעזען, אַז דאָס ווייב האָט רעכט, איז ער שוין גאָר רואיג געוואָרן.

און אַז דער אָנקל איז אַריינגעקומען, האָט ער געטראָפן די צוויי זיצן ביים טיש און עסן זיך געמיטלעך.

— וואו איז מאַשע? — האָט דער אָנקל געפרעגט, נאָך זייענדיג ביי דער טיר. איידער ער האָט נאָך „גוט אָוונט״ געזאָגט, האָט ער דערזען, אַז מאַשע איז נישטאָ ביים טיש.

— האַלאָו, מאָזעס! (צייט דער אָנקל איז אַ חתן גע־וואָרן, האָט אים ראָזע אויפגעהערט צו טיטולירן מיט „אָנקל״, נאָר גערופן אים ביים בלויזן נאָמען „מאָזעס״, ווי עס פּאַסט זיך מער פאַר אַ חתן־בחור). האַלאָו, מאָזעס — האָט זיך ראָזע אָפּגערופן, מאַשע האָט קאָפּ־שמערצן, האָט זי זיך אַ ביסל צוגעלייגט ביי זיך אין צימער. — און איידער דער אָנקל האָט נאָך צייט געהאַט זיך אַוועקצוזעצן, האָט זי שוין אַריינ־גערופן אין צווייטן צימער:

— מאַשע, מאַשע, זע נאָר, ווער עס איז דאָ!

— וואו איז זי געווען, וואָס דער קאָפּ טוט איר וויי? — האָט דער אָנקל געפרעגט.

אהרן איז בלייך געוואָרן און דערשראָקן, ווי יעדעס מאָל, ווען עס מאַכט זיך אים עפּעס נישט גלאַט, ווערט ער באַלד צעמישט און פאַרלירט זיך. ראָזע אָבער האָט זיך נישט פאַרלוירן:

— זי איז געווען אין קוני איילאַנד זיך אויסבאָדן, אַזעלכע היצן, אהיים געקומען אַ ברוגזע. מאָזעס, — האָט זי געוואונקען מיט די אויגן צום אָנקל, „זאָל ער צוגיין זי אַרויסרופן; ווען זי וועט אָפּזאָגן, אָבער אים..." — האָט די יידענע קאָקעטיש צוגעוואונקען.

אהרן איז נאָך בלייכער געוואָרן, געשראָקן זיך. ראָזע האָט אים באַרואיגט מיט אַ וואונק. דער אָנקל איז ווייטער געבליבן זיצן ביים טיש, גלייכגילטיג, געזאָגט ווי פאַר זיך:

— אַז זי וויל זיך ברוגזן, זאָל זי זיך ברוגזן. — אַרויסגענומען אַ דיקע ציגאַר פון גאָלדענעם ציגאַרן-טאַש, איינע צוגעוואָרפן אהרנען, די אַנדערע אָפּגעביסן, אויסגעשפּיגן, און געקייט זי אין מויל און געפרעגט אהרנען:

—וואָס מיינסטו, דער נייער וואָס איך האָב אָנגעשטעלט פאַר די הייזער דאון-טאַון, ווי רופט מען אים דאָרט, יודל דער רעסטאַראַטאָר, ער וועט זיין „אָלל-רייט"?

— איך ווייס נישט, וואָס דער אָנקל דאַרף בייז מענטשן. אויף פרעמדע מענטשן איז זיך קיינמאָל נישט צו פאַרלאָזן, — האָט זיך אהרן אָפּגערופן מיט מער דרייסטקייט.

— אויף פרעמדע מענטשן איז זיך נישט צו פאַרלאָזן, האָ, אהרן, — האָט דער אָנקל געזאָגט גלייכגילטיג, אויפגעהויבן זיך, צוגעגאַנגען צום שפּיגל, איינגעשפּיגלט זיך. ער האָט ווי זיין געוואוינהייט איז געווען, אַרויפגעשפּיגן אויף דער האַנט און געגלעט זיך די וויס-גרויע האָר, וואָס זענען זייער שטאַרק געוואַקסן ביים קאַרק און זיך נאָך געשוואָרצט ביי די וואָרצלען.

— מאָזעס לעבן, וועסט מיר אפשר צוליב טאָן און פאַרזוכן פון מיינע מילכיגע קרעפּלעך; איך האָב זיי ספּעציעל געמאַכט פאַר דיר. — האָט זיך אָנגערופן ראָזע, וועלכע האָט צייט

מאָזעס איז אַ חתן געוואָרן געפונען מער דרייסטקייט צום אָנקל, געדוצט אים, וואָס אהרן האָט באַין אופן נישט געקענט ברענגען איבער זיך.

דער אָנקל האָט אָבער נישט געענטפערט, צוגעגאַנגען צו דער טיר פון מאַשעס צימער, אָנגעקלאַפּט און געזאָגט מיט אַ באַפעלערישן טאָן:

— העי, קינד, קום אַרויס, די מאַשין וואַרט.

אהרן איז ווידער בלייך געוואָרן, ווי די וואַנט, נאָר ראָזע האָט אים באַרואיגט מיט בליקן.

עס זעט אויס, אַז דעם אָנקלס שטימע האָט אויך מאַשע נישט געקענט ביישטיין. באַלד האָט זיך די טיר געעפנט. און מאַשע איז אַרויס, אַ בלייכע. זי איז געגאַנגען מיט פאַמעלעכ־דיגע טריט, איז צוגעגאַנגען צום אָנקל און געבליבן שטיין.

דער אָנקל האָט איר אויפגעהויבן דעם קאָפּ מיט זיינע קורצע פעטע פינגער און זי אָנגעקוקט.

— וואָס איז די מעשה מיט דיר?

מאַשע האָט פלוצלונג געלאָזט הענגען אירע אויגן אויפן אָנקל. אירע אויגן זענען גרויס געווען, גרעסער ווי געוויינלעך, און גרויסע טרערן האָבן אָנגעפילט דעם גאַנצן חלל פון אויג. זי האָט געקוקט דעם אָנקל אין פּנים אַריין און געזאָגט:

— מוז איך חתונה האָבן מיט דיר, אָנקל? איך קען נישט, איך קען נישט — און די פילע זאַפטיגע טרערן האָבן אויס־גערונען פון די אויגן און געפערלט זיך פון די אויגן־הערלעך אַראָפּ אויף די באַקן.

דער אָנקל איז בלייך געוואָרן און איז געבליבן אָן ענט־פער.

— מאַשע לעבן, וואָס טוסטו?

— מאַשע, מאַשע, — האָבן פאָטער און מוטער אָנגע־הויבן שרייען.

— הערט אויף! — האָט דער אָנקל זיי איינגעשטילט מיט אַ שאַרפן פאַראַכטנדיגן בליק.

— אָלל־רייט, גיי שלאָפן, — האָט ער געזאָגט צו מאַ־

שען און איז אַרויסגעגאַנגען, אָן צו שענקען אַ בליק די דער־שראָקענע טאַטע־מאַמע.

12

דער טייוול נעמט אים.

דער אָנקל איז געקומען שפּעט אין ביזנעס. ער איז גע־ווען ערנסט געשטימט און גענומען זיך נאָכקוקן די באַשטעלונ־גען. ער האָט אָפּגעשראָקן מענטשן מיט זיין אָנגעכמורעטן בליק און שווער אָטעמען. ער האָט געהאַלטן אין איין אויספּרעגן די מענטשן, און זיך אַרויסגעוויזן נישט פאַרטרויענדיג. זיין „אַדיוי־טאַנט" סעם איז נישט אָפּגעטראָטן פון זיין זייט. איז אים עפּעס נישט געפעלן, האָט ער פאָרוואורפן געמאַכט סעמען. גערעדט האָט ער צו סעמען און געקוקט האָט ער אָבער אויף דעם שולדיגן און דאָס איז גענוג געווען, אַז עס זאָל פון יענעם דאָס חיות אַרויס.

ער איז אַרויף צו די שניידער אויף דעם אויבערשטן שטאָק. עס איז געווען שטילע צייט, און דער אָנקל האָט גע־לאָזן שניידן פאַרן לאַגער, כדי די אָרימע לאַנדסלייט זאָלן האָבן פון וואָס אַ לעבן צו מאַכן, און ווי יעדעס מאָל, ווען דער אָנקל פלעגט לאָזן שניידן פאַרן לאַגער, איז ער אַרומ־געגאַנגען אָנגעלאָדן און אַלע האָבן מורא געהאַט פאַר אים. נאָר צייט דער אָנקל איז אַ חתן געוואָרן, האָט ער זיך אָנגע־הויבן צו שאַנעווען און איז נישט אַריינגעקומען אין שאַפּ אין די הייסע טעג, — דורכדעם האָט מען זיך נישט געריכט אויף אים.

די שניידערס האָבן טאַקע געמיינט, אַז דער אָנקל איז נישטאָ. און סעם, זייט דער אָנקל איז אַ חתן געוואָרן, האָט אויך געגעבן אַ מאַך מיט דער האַנט און איז נישט געווען מער אַזוי געטריי דעם אָנקל. דורכדעם האָבן זיי זיך דער־

לויבט צו באַלאַמוטשען. עס איז אויך געווען איינער פון די הייסטע טעג. די היץ איז געווען אוממעגלעך איבערצוטראָגן אין דעם נידריקן לאַנגן שאַפּ, וועלכער איז געווען איבערגע־מאַכט פון אַ בוידעם אויף אַ ווערקשטעל. דער צינענער דאַך, וועלכער איז נאַקעט געלעגן איבער די קעפּ פון די אַרבעטער, האָט געבראָטן פון דער אָנגעוואַרעמטער היץ. איבערן גאַנצן לאַנגן שאַפּ האָט זיך געהערט אַ זיס־חלשותדיקער געשמאַק פון גאַז, וואָס האָט גערונען פון די גומענע רערן, מיט וועלכע די פלעט-אייזנס פון די פּרעסערס זענען געווען פאַרבונדן. די פּרעסערס זענען געשטאַנען האַלב־נאַקעטע און האָבן מיט זיי־ערע אָנגעהיצטע אייזנס געפּרעסט די נייע וואָלענע שטאָפן. די פּאַרע פון די גענעצטע שטאָפן האָט פייכט געמאַכט די לופט און געוואָרפן אַ מידקייט. די מידקייט איז געקראָכן אין די ביינער און איינגעשלעפערט דעם מאַרך. אַלעמען האָט זיך גע־וואָלט שלאָפן — פון גאַז־געשטאַנק און פון שווייס-געשטאַנק. פיל האָבן נישט געקענט בײַשטיין דעם יצר־הרע פון שלאָף און זענען געפאַלן אויף די שמוציגע מאַשינעס און געכאַפּט אַ דרעמל. אַנדערע, די שטיק־נייערס, האָבן אויפגעהאַלטן זייער וואַכעדיקייט מיט אַ זמרל. יעקל דעם חזנס האָט זיך דערמאָנט אָן אַלטן, אַלטן ניגון פון ראש־השנה מוסף, וואָס דער אַל־טער חזן האָט געזונגען אין קוזמינער שול — און אַ סך האָבן זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף צוליב דעם ניגון און דערמאָנט זיך אָן ראש־השנה אין קוזמין. דער ניגון האָט אַרויסגערופן זיסע ערינערונגען, פון פיש און ציבעלעס, פון תהלים זאָגן, פון גרינעם פעלד און קאַלטן וואַסער בײַ תשליך, און נאָך אַ סך זיסע זכרונות פון דער היים, מיט דעם היימישן הימל, פון אַלטן קוזמינער בית־עולם מיט דעם תשעה־באב־געשמאַק, און פון ראָזשינקע ווײַן און שבת־פאַרנאַכטלעך-מקוה-גיין, און עס האָט זיך אָנגעהויבן בענקען. דאָס בענקעניש האָט זיי מוט גע־געבן צו קעמפן געגן די זיס־נודנדיגע גאַז־שטאָפן און פייכטן לופט־רויך און אויפהאַלטן זייער ענערגיע. מיטאַמאָל האָט זיך שלמהלע דאָרפסגייער צעלאָזט איבער דער מאַשין — אָנגעג־

הויבן צו יאָגן די מאַשין מיט די פיס — די לאַנדסלייט האָבן עס גערופן „מנחה-דאַוונען". ער כאַפּט אַריין אַ מנחה. און חיים אָקס האָט זיך אָנגערופן:

— הער נאָר דו, גאַרגל, וואָס צעלאָזט דו זיך צו „מנחה" אויפן קול?...

עס איז אַוועק אַ שמועס פון דער היים. קוזמין האָט אויפ־געלעבט מיט אַלע זיינע דערפער, וועגן, שענקען און פיש־סאַ־זשעלקעס. עס האָט אויפגעלעבט דער אַלטער רבי פון קוזמין, און ר' לייבושל דיין, און דער אַלטער חזן, און אַלע געסלעך און ווינקעלעך פון קוזמין. פון קוזמינער בית־עולם זענען אויפ־געשטאַנען די טויטע, וועלכע רוען אין טיפן גראָז אונטער די מצבות און זייערע נשמות האָבן געשוועבט צווישן די פּרעס־אייזנס, אויף קאַפּאָטעס און ניי־געשניטענע הויזן. זיי האָבן נישט געהערט, די קוזמינער, דעם אָנקלס קומען. זיי האָבן נישט געזען דעם אַדיוטאַנט סעם — זיי האָבן געלעבט אין אַלטן קוזמין, אין די פאַרנאַכטן צווישן מנחה און מעריב, אין קוזמינער בית־המדרש.

— העי, קוזמין, וואָס איז דער מער?! — האָט סעם אויסגעשריגן — נו, יאָ, דער אָנקל לאָזט שניידן „אויף לאַגער", כדי די שנאָרערס זאָלן האָבן וואָס צו פרעסן, האָבן זיי רעכט! וואָס טויג זיי אַרבעטן, מען דאַרף סיי ווי סיי נישט די אַרבעט. אַז דער אָנקל וואָלט מיך געהאָרכט —

נאָר דער אָנקל האָט אים איינגעשטילט מיט אַ באַוועגונג פון די הענט און געקוקט אויף קוזמין.

עס זענען אַלץ געווען יידן, וואָס ער האָט געקענט פון זיין יוגנט. מיט אַ טייל פון זיי האָט ער פאַרבראַכט אין איין חדר, אַרומגעלאָפן אין גאַס, אַהיימגעטראָגן שטעלן פון די אויבס-סוחרים פון מאַרק, און דערפאַר געקריגן פאַרפוילטע אויבס. פיל פון זיי האָט ער געקענט, ווען זיי האָבן געלעבט אין נגידות און עשירות און ער האָט נישט געוואַגט זיך צו גלייכן צו זיי. ער האָט זיי אַלעמען געקענט — און איצט זענען זיי אַלע זיינע משרתים און האָבן מורא פאַר אים, און זענען שטיל

געוואָרן, ווען ער איז אַריינגעקומען. אים האָט זיך מיטאַמאָל אַליין פאַרגלוסט צו הערן דערציילן פון קוזמין — אַלטע מעשיות, ווען ער איז אַ קינד געווען, און עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז קיין אַנדער לעבן האָט ער נישט געהאַט, נאָר דאָס לעבן פון זיין קינדהייט, וועגן וועלכן זיי דערציילן דאָ.

— דערציילט, ר' שלמה, דערציילט ווייטער פון קוזמין, — האָט זיך אָנגערופן דער אָנקל, נאָך אַ לאַנגן באַטראַכטן זיך.

אָבער ר' שלמה איז שטיל געבליבן. די לאַנדסלייט זע־נען נישט געוואוינט געווען צו רעדן מיטן אָנקל גלאַט אַזוי, ווי מיט זייערס אַ גלייכן. זיי האָבן געבויגן טיף די קעפ איבער די רעק און היזן, וואָס זיי האָבן גענייט, און פאַרווישט דעם שאַפ מיט דעם קלאַפּן פון די מאַשינעס. און די פרעסערס האָבן גע־זעצט מיט די פרעס־אייזנס, פון וועלכע עס האָט זיך געהערט דער רינגענדער גאַז.

דעם אָנקל איז טרויעריג געוואָרן. אַ מינוט איז אים דאָס אַלץ נישט פאַרשטענדלעך געווען. צו וואָס האַלט ער דאָ אַט די שיינע בעלי־בתים פון קוזמין אין דעם שטיקנדן שאַפ, איינ־געשפּאַנט ביי דער נאָדל, צו וואָס און פאַר וועמען יאָגט ער זיי און זיך, און מאַטערט זיי ביי דער לאַנגווייליגער אַרבעט. אַ מינוט האָט ער געקלערט. אפשר וואָלט גאָר בעסער געווען צו באַפרייען קוזמין און אַליין אהיים צו פאָרן צוריק אין קליינעם שטעטל, און ווערן דער גרעסטער נגיד, מיט שבת, מיט יום־טוב — מיט צוויי גרויסע בולאַנעס, ווי ר' יצחק דער אָקסן־סוחר, זיין בעל־הבית, האָט געהאַט. און צו לעבן דאָס אַל־טע יידישע לעבן, וואָס ער האָט געקענט פון זיין קינדהייט.

— און איר געדענקט נאָך, ר' שלמה, דעם אַלטן ר' יצחק? איר געדענקט זיינע שבתים? אהיים געקומען פרייטיג מיט צוויי בולאַנעס, איר געדענקט? — האָט זיך דער אָנקל אָנגערופן מיט באַוואַסערטע אויגן.

די יידן האָבן מורא געהאַט צו געדענקען דעם אַלטן ר' יצחק פון דער צייט, ווען דער „אָנקל" איז ביי אים געווען אַ שמייס־יונג. נאָר דעם אָנקלס ווערטער האָבן זיי טיף גערירט,

און אַן אומבאַגרענעצטע ליבע האָט זיי אַרומגענומען פאַר זיי־ער וואוילטעטער, וועלכער שעמט זיך נישט מיט זיי און דער־מאָנט זיך אין דעם אַלטן ליבן קוזמין, נאָך וועלכן אַלע בענקען.

— ווער געדענקט דאָס נישט דעם אַלטן ר׳ יצחק, אַ ייד אַ מכניס אורח געווען, אודאי אין גן־עדן... — האָט זיך דער אַלטער אָנגערופן.

— אודאי אין גן־עדן. הא, ר׳ שלמה, — האָט דער אָנקל זיך פאַרקלערט וועגן גן־עדן־און גיהנום־זאַכן, וועגן וועלכע ער האָט אין גאַנצן פאַרגעסן... עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער האָט זיין גאַנץ לעבן פאַרשפּילט, און נישט אָנגעגרייט זיך קיין גן־עדן — און אפשר איז איצט צייט אָנצוהויבן לעבן פאַרן גן־עדן: צו בויען אַ גרויסע שול. אַלע קוזמינער לאַנדס־לייט זאָלן זיצן אין שול און דאַוונען, און ער זאָל זיך דעם גאַנצן טאָג אָפּגעבן מיט צדקה־זאַכן. פאַר דער וועלט איז ער שוין צו אַלט — צו שפּעט אָנגעהויבן. זאָל כאָטש זיין אַ צווייטע וועלט. און אפשר האָבן די אַלטע יידן רעכט — עס איז גאָר נישטאָ קיין די־וועלט, נאָר דאָס ריכטיגע לעבן איז ערשט אויף דער צווייטער וועלט...

אין מינוט האָבן געדויערט די אַלע געדאַנקען, וועלכע זענען אַזוי פּלוצים דורכגעלאָפן דעם אָנקל אין קאָפּ; אין מינוט נאָר האָט געדויערט דאָס אָפּזאָגן זיך פון דער וועלט, פון מאַשען, פון די אַלע אַנטציקנדע געניסן, מיט וועלכע ער האָט זיך געפּייניגט אין לאַנגן וואַרטן — באַלד איז אַלעס ווידער אין אים לעבעדיג געוואָרן. ער האָט זיך פּלוצים אויפ־געהויבן, דאָס פּנים האָט באַקומען די מינע, פאַר וועלכער אַלע האָבן געציטערט, די אויגן שטאַר־אומבאַוועגלעך, גלייכ־גילטיג, מיט דעם פאַראַכטענדן שמייכל אויף די ליפּן, און בעזאָגט צו סעמען:

— די אַרבעט מוז פאַרטיג ווערן ביז דעם ערשטן. גע־רענק — באַלטימאָר. מיר מוזן צושטעלן די סחורה. — און אָנע צו שענקען אַ בליק די לאַנדסלייט, איז ער צוריק אַראָפּ

אין זיין ביוראָ, גענומען זיך איינגראָבן אין די בריוו, אין די באַשטעלונגען, אין די ביכער, נאָר דער קאָפּ איז נישט געשטאַנען צו קיין זאַך. וויפל ער האָט זיך נישט געפּרואווט פאַראינטערעסירן מיט די ביזנעס — עס איז אים נישט געלונגען. אַהיימגיין האָט ער נישט געוואָלט, די היים איז אים געווען לאַנגווייליג, און ער האָט מורא געהאַט פאַר איר. צום בעסטן וואָלט ער איצט אַריין צו מאַשען, זי אַרויסגענומען מיט אַ מאַשין ערגעץ וואו אויף אַ זומער-פּלאַץ און געשטאַנען מיט איר איבער נאַכט, אַנטציקט זיך מיט איר פיגור, מיט איר לאַכן, מיט איר אינגאַנצן און געלעבט אין די זיסע פאַרציקטע האָפנונגען, וועלכע האָבן אָנגעפילט זיין לעבן אין זיינע הלומות דורך דער צייט, וואָס ער האָט געוואַרט אויף איר... די אַנטציקונגען האָבן נאָך נישט אויפגעהערט ביז איצט. און ער האָט זיך גאָרנישט געשראָקן פאַר אירע רייד, ער האָט געוואוסט, אַז ווען ער וויל, קען ער אַלעס אויספירן, צי זי וויל יאָ, צי זי וויל נישט. ער דאַרף נאָר איין וואונק געבן. נאָר ער האָט זיך עפּעס אָנגעהויבן צו שרעקן פיל מער פאַר זיך אַליין, אינעווייניג האָט זיך באַהאַלטן אין אים אַ חשד, וואָס זאָגט אים, אַז ער איז שוין צו אַלט אָנצוהויבן אַ ניי לעבן, אַז דאָס לעבן, וואָס ער וויל, וועט ער נישט קריגן. ער וועט עס נישט קענען קויפן נישט מיט זיין געלט און נישט מיט זיין מאַכט... ער האָט דעם געדאַנק נישט געוואָלט צולאָזן צו זיך און געקעמפט געגן אים, און עפּעס חי זיך אַליין צו איבערצייגן, אַז ער באַזיצט נאָך די קראַפט אָנצוהויבן אַ ניי לעבן, — האָט אים אַרומגעכאַפּט אַ פּאַסיע צו טאָן עפּעס אַ שלעכטע זאַך — צו אָפּפערן מאַשען. עס האָט זיך אים געגלוסט צו צופאָרן מיט דער מאַשין נאָך מאַשען, זי אַרויסצונעמען, איבערבלייבן מיט איר ערגעץ וואו איבער נאַכט, צעברעכן זי, צעטרעטן זי — און נישט חתונה האָבן מיט איר. געבן איר פאַר דערפאַר — געלט, נדן, און נישט חתונה האָבן מיט איר. ער האָט געוואוסט, אַז ער קען עס אויספירן, אַז עס וועט אים קיינער גאָרנישט טאָן דערפאַר.

עס קען אים קיינער גאָרנישט טאָן.

אין זיין פאַנטאַזיע האָט ער שוין געזען מאַשען אַ צע־בראָכענע. זיצט אין דער היים אַ קלאָגנדע, זי, דער טאַטע, די מאַמע, קומען און בעטן זיך ביי אים... אומגליקלעך גע־מאַכט דאָס קינד... און ער — געלט וועל איך געבן, נאָר חתונה האָבן וועל איך נישט, ער האָט זיך געקוויקט מיט דעם נקמה־געפיל.

ער וואָלט עס אויסגעפירט אויך. נאָר אינעווייניג אין האַרצן האָט אים ווער געזאָגט, אַז דאָס איז נישט דער ריכ־טיגער וועג. אַ פּאָטערלעך געפיל, וואָס האָט זיך אַריינגע־גנבעט אין זיין האַרץ און איינגעפלאַנצט געוואָרן צו מאַשען דורך דער צייט, וואָס ער האָט זיך מיט איר אָפּגעגעבן, האָט געגען דעם פּראָטעסטירט. און דאַן האָט ער טיף געפילט, אַז נישט דאָס וויל ער פון מאַשען, אַז ווען ער וואָלט נאָר דאָס געוואָלט — זי נאָר צו באַזיצן — וואָלט ער שוין דאָס לאַנג געהאַט. די גאַנצע זאַך, וואָס ער האָט אַזוי לאַנג געוואָרט אויף מאַשען און זיך מיט איר אַזויפיל אָפּגעגעבן — איז גע־ווען דערפאַר, וואָס ער האָט געוואָלט — אַז זי זאָל וועלן. זי זאָל אַליין וועלן — נישט דערפאַר ווייל דער אָנקל וויל. ער האָט געוואָלט, אַז זי זאָל אים ליב האָבן, גוט ליב־האָבן און וועלן אַזוי חתונה האָבן, ווי ער. אויף דעם האָט ער געוואַרט. דאָס איז געווען זיין גאַנצע האָפנונג די לעצטע יאָרן — דורך דער גאַנצער צייט, וואָס ער האָט זיך אָפּגע־געבן מיט איר. ער האָט דאָס געזען אין זיין פאַנטאַזיע יעדן טאָג און געקוויקט זיך מיט דעם — זי ווערט זיין ווייב. זי ווערט שוואַך, בלייך, און ער האָט רחמנות אויף איר. זי ליגט אין קינפּעט, פון אים אין קינפּעט. אַ בלייכע קוקט זי אויף אים מיט אירע גרויסע טרערן־אויגן, און ער האָט רח־מנות אויף איר. אויף דעם האָט ער געוואַרט, און דאָס וועט שוין נישט זיין. אַלעס וועט זיין: חתונה האָבן, קינדער האָבן, נאָר דאָס וועלן — אַז זי אַליין זאָל וועלן — דאָס וועט נישט זיין. דאָס האָט ער געכטן אין איר בליק, אין איר פאַרוויינטן

בליק, אַזוי טיף געזען. און פאַר וואָס זאָל עס נישט זיין? פאַר וואָס קען עס נישט זיין מער? אויף דעם האָט ער גע־האָפט, פאַר דעם האָט ער געהאָפט, פאַר דעם האָט זיך גע־לוינט דאָס לאַנגע וואַרטן.

ער איז בייז געוואָרן. ווידער האָט די פּאַסיע געבערענט אין אים. אַז דאָס קען נישט זיין, זאָל גאָרנישט זיין. צעטרעטן זי. צעברעכן און אַוועקפאָרן. אַ נקמה־געפיל האָט געברענט אין אים. נישט איינמאָל צעברעכן, נאָר יעדן טאָג. חתונה האָבן מיט איר, צי זי וויל, צי זי וויל נישט. נאָר צוערשט מוז זי קומען זיך בעטן. ערנידריגן זיך, בעטן זיך ביי אים. אויף די פיס בעטן. קושן די הענט און בעטן זיך: האָב חתונה מיט מיר. אַ, איך וועל זי שוין ברענגען אויף די קניען פאַר מיר. און קינדער מוז זי האָבן. צי זי וויל יאָ, צי זי וויל נישט — אין קינפּעט ליגן פון אָנקל. און האַלטן זי ווי אַ הונט. ווי אַ חינטעלע אָנגעבונדן ביי מיר, ביים בעט, זי זאָל וואַרטן אויף מיר אין בעט אַ האַלבע נאַכט — און איך מיט אַנדערע ווייבער. אַ, זי וועט זיך אויסריכטן ביי מיר.

— צי זי וויל יאָ, צי זי וויל נישט — קינדער מוז זי האָבן.

אין דעם איז ווער צוגעגאַנגען צו אים. ער האָט אויפ־געהויבן זיינע ברעמען און געזען מאַשעס פּאָטער, אהרן, שטייט פאַר אים אַ בלייכער, אַ דערשראָקענער, קוקט זיך אַרום אויף אַלע פיר זייטן, אויב קיינער הערט נישט.

— אָנקל, ס'איז געווען אַ טעות. דאָס מיידל האָט דער־נאָך געוויינט אַ גאַנצע נאַכט. זי ווייסט נישט, וואָס עס איז געווען מיט איר.

דער אָנקל האָט געוואוסט, אַז דער ייד זאָגט ליגן. ער זאָגט עס דערפאַר, ווייל ער האָט מורא פאַר זיין שטיקל ברויט. נאָר דאָך איז עס אים אָנגענעם צו הערן. האָט ער זיך פאַר־טיפט אין די בריה, געלאָזט אהרנען רעדן, און געמאַכט זיך נישט הערן.

— אין אַ פּאָר טעג אַרום, זי וועט זיך גוט אויסניכטערן, זאָל דער אָנקל אַריינקומען, אַלעס וועט זיך אויפקלערן.

— לאָז אָפּ, מער זאָל קיין רייד נישט זיין. האָב נישט קיין מורא, איך וועל דיך נישט אַרויסזעצן. איך בין נישט דער מענטש דאָס צו טאָן, — פאַרלויפיג נישט, ביז דו וועסט נישט קריגן קיין באַשעפטיגונג. נאָר פאַרשטייסט דאָך, אַז אויסהאַלטן דיך מיט דיין הויז, ווי ביז איצט, קען קיין רייד נישט זיין. מאַשע איז מיר איצט גאָרנישט, זי האָט מיך נישט ליב. איך האָב גאָרנישט צו איר, איך ווינטש איר אַלעס גוטס, און אַז דו וועסט דאַרפן נדן פאַר איר — פּליעז, ווי יעדן מיין לאַנדסמאַן. איך בין נישט דער מענטש דאָס צו טאָן — נאָר פאַרשטייסט דאָך, אַז עקסטראַ אויסגאַבן קען איך נישט מאַכן. ווילסטו ביי מיר בלייבן — וועסטו דאַרפן צוריק אַרויפגיין אין שאַפּ אַריין, אַז נישט וועל איך דיר געבן גוטע רעקאָמענדאַציעס.

— אָנקל, וואָס רעדט דער אָנקל! עס איז דאָך גאָרנישט געשען. דאָס מיידל וועט דאָך פאַרשעמט ווערן — וואָס רעדט דער אָנקל!

דעם אָנקל האָט עס זיס געשמעקט. ער האָט אַ מינוט אָפּגעבויגן דעם בריוו און אָנגעקוקט אהרנען.

— סעם!

סעם איז געקומען צו לויפן.

— ווי האָט מען אים גערופן אין דער היים? — פרעגט ער, חייזנדיג אויף אהרנען.

סעם איז שטיין געבליבן, געצווייפלט אַ מינוט:

— דאַכט זיך „גאַרגל“.

— גאַרגל איז אָלל-רייט! — ער האָט זיך אויפגעהויבן און איז אַרויסגעגאַנגען אָן אַ בליק צו שענקען אהרנען.

— סעם, די סחורה מוז אָפּגעשיקט ווערן נאָך באַלטימאָר ביז דעם ערשטן, געהערט?

— יעס, אָנקל.

דער אָנקל איז אַרויסגעקומען אויף דער גאַס. ער

האָט נישט געוואוסט, וואָס מיט זיך צו טאָן. די פּאַסיע האָט נאָך אין אים געברענט, און זיך וועלנדיג קילן, איז ער אַוועק צום „ווייבל" (אַ זאַך, וואָס ער האָט נישט געטאָן, זייט ער איז מיט איר מאַן דורכגעקומען וועגן די קינדער). גענומען דאָס ווייבל אין אַ באַזונדערן צימער אַריין, און אַוועקגעזעצט זיך מיט איר עסן געבראָטענע קאַטשקעלעך און טרינקען שנאַפּס. איר מאַן, דער קאָלעקטאָר פון זיינע הייזער, האָט זיי געמוזט באַדינען, טראָגן די גוטע זאַכן אין שטיבל אַריין. דער אָנקל האָט געלאָזט זיך פון אים די קאַמאַשן אַראָפּציען און גערופן אים „גאַליציאַנער שמענדריק". דער אָנקל האָט זיך אָנגע-שיכורט (אַ זאַך, וואָס האָט זיך זעלטן געטראָפן מיט אים) און איז איבערגעבליבן ביים „ווייבל" איבערנאַכט...

13

מאשע טרעפט זיך מיטן אָנקל.

— וואָס וועט איצט זיין, ראָזע, וואָס ? — האָט אהרן מעלניק געוויינט.

אין דער היים איז געווען תשעה-באב. די שטובן נישט צוגעראָמט אַ פּאָר טעג. מען האָט נישט געגעסן, נישט גע-שלאָפן. די איבעריגע קינדער זענען געקומען צו פאָרן פון דער זומער-וואוינונג. דאָס שוועסטערל ציליע, וועלכע האָט קליי-נערהייט, ווען אהרן האָט נאָך געוואוינט אין האָפּקינס גאַס, געשפּילט „שטיקער", איז איצט שוין געווען אַ דערוואַקסענע פריילין, געגאַנגען אין שול און האָט שוין געהאַט אַמביציעס צו ווערן אַ כלה. זי האָט אַמערסטן אָנגעברויעט און גע-וויינט, אַז די שוועסטער גייט זיי אומגליקלעך מאַכן. די אי-בעריגע קינדער, וועלכע האָבן זיך שוין דערצויגן אין וואויל-שטאָג, נאָר האָבן נאָך ווי אין חלום געדענקט די אָרימקייט פון האָפּקינס-סטריט, האָבן מער געפילט, ווי פאַרשטאַנען דאָס אומ-גליק. זיי האָבן נישט געוויינט, נאָר זענען אַרומגעגאַנגען קינ-

דיש־פאַרזאָרגט און ערנסט, און די קינדישע פאַרזאָרגטקייט האָט מער געווירקט אויף מאַשען, ווי דעם פאָטערס טרערן. לאַהלע, די ייִנגסטע שוועסטערל, וועלכע האָט פון קלײנערהייט אָן געהאַט די געוואוינהייט צו שפּילן די „אַמעריקאַנערין“, און האָט געהאַלטן אין איין פאַררייכטן דאָס ענגליש אין שטוב, זי האָט נאָר געקוקט מיט אירע קינדישע אויגן אויף מאַשען. מאַשע איז געווען איר אידעאַל, און זי האָט נישט געוואוסט, וואָס צו זאָגן. זי האָט געפילט, אַז מאַשע טוט אַזוי — מוז עס אַזוי זיין.

און דער פאָטער, אהרן, איז אַרומגעגאַנגען פאַרלוירן אין שוואַך, אַזוי ווי זיינע קינדער, מיט אַ פאַרבונדענעם קאָפּ, און האָט זיך געהאַלטן אין איין ברעכן די הענט:

— וואָס וועט איצט זיין, וואָס?

אַ שרעק האָט אַרומגעכאַפּט דעם ייִד פאַר דער אָרימקייט, וואָס שטייט אים פאָר. ער האָט גאָרנישט געהאַט אין זיין לעבן, קיין גלויבן אין זיך, קיין ענערגיע, נאָר די גונסט פון אַנקל, וועלכע ער האָט געקויפט מיט זיין טאָכטערס גליק — און די גונסט שטייט אין געפאַר, זיין גאַנצע פּרנסה, זיין לעבן, זיין ברויט און דירה. ער האָט זיך געזען זינקען אין דעם אָפּגרונט, פון וועלכן ער האָט זיך אַרויסגעקריגן. דער ייִד האָט פאַרלוירן פון וואָג, וואָס ער האָט צוגענומען דורך דער צייט, וואָס איז אים גוט געגאַנגען — דער ייִד האָט אָנגעהויבן אויסצוזען, ווי אין די אַמאָליגע יאָרן, ווען ער האָט געאַרבעט ביים נגקל אין שאַפּ.

נאָר די מוטער, ראָזע, האָט זיך נישט אונטערגעגעבן. צוערשט האָט זי געלאַכט פון דער גאַנצער געשיכטע: די מויד האָט זיך דעם קאָפּ פאַרדרייט, זי וועט זיך אויסשלאָפן, וועט זי ניכטער ווערן. אָבער אַז זי האָט געזען, אַז די מויד האָט זיך אויסגעשלאָפן און איז נישט ניכטער געוואָרן — האָט זי געטענהט צו מאַשען, אַז זי האָט שוין קיין רעכט נישט חרטה צו האָבן.

— איצט גייסטו חרטה האָבן? צו שפּעט, מיין טאָכטער.

האָסט אים ארומגעפירט ביי דער נאָז פיר יאָר. ער האָט פאַר־שפּילט זיין לעבן איבער דיר; ער וואָלט געקענט חתונה האָבן מיט דעם שענסטן און בעסטן מיידל, נישט מיט אַזאַ שנאָרע־רין ווי דו, פאַר וועלכער ער האָט אַ קליידל געקויפט — איצט גייסטו חרטה האָבן? איצט, ווען ער האָט זיך געלאָזט קאָסטן אזוי פיל געלט פאַר דיר, און געוואַרט אויף דיר אזוי לאַנג, האָסטו נאָך דערנאָך חרטה? צו שפּעט, מיין טאָכטער, צו שפּעט. האָסט באַדאַרפט חרטה האָבן, ווען ער האָט דעם ערשטן דאָלאַר זיך געלאָזט קאָסטן אויף דיר, ווען דו ביסט נאָך אַ קליינע געווען, איידער ער האָט דיין טאַטן אַ שטעלע געגעבן — אויף האָפּקינס־גאַס. אויף האָפּקינס־גאַס האָסטו באַדאַרפט חרטה האָבן, נישט איצט.

— אוי, ראָזע, עס איז שוין סיי ווי סיי צו שפּעט. דער אָנקל וויל מער נישט הערן און געדענקען דערפון.

מאַשע האָט איינגעזען, אַז די מאַמע האָט רעכט. נאָר דאָך האָט זי זיך נישט געפילט שולדיג. עס איז אַלצדינג געשעהן אַזוי אָן איר וויסן. זי האָט נישט געוואוסט, ווען זי איז אַ קינד געווען, וואָס עס הייסט חתונה האָבן. ערשט איצט האָט זי עס דערפילט. און פאַרוואָס זי האָט זיך אַמ־מערסטן געשראָקן איז געווען — וואָס זי וועט שטענדיג, שטענ־דיג שוין זיין מיטן אָנקל צוזאַמען... גיין שטענדיג מיטן אָנקל. זי האָט דעם אָנקל נישט פיינט געהאַט, און זי איז אים זייער דאַנקבאַר געווען — נאָר עס איז געווען לאַנגוויי־ליג מיטן אָנקל. און זי האָט זיך געשראָקן פאַר לאַנגוויי־ליקייט.

— און וואָס בין איך שולדיג, מאַמע? איך בין נישט שולדיג.

— ווער דען איז שולדיג? איך בין שולדיג? אויף מיר האָט ער זיך געלאָזט געלט קאָסטן? מיך האָט ער געשיקט אין „הײ־סקול?" פאַר מיר האָט ער געהאַלטן מוזיק־לערערס? איבער דיר האָט ער רואינירט זיין לעבן. ער וואָלט געקענט קריגן דעם בעסטן שדוך, אַן ערשט־קלאַסיגע אַמעריקאַנער דאַמע.

ווען נאָר ער וואָלט געוואָלט. ער האָט אָבער נישט חתונה געהאַט, געוואַרט אויף דיר — וואָס מיינסטו, דו האָסט אים דעם קאָפּ פאַרדרייט, און איצט ווילסטו נישט? מיט וועמען שפּילסטו זיך? וואָס מיינסטו, ער איז דיין גלייכן? דו ווייסט, ווער דער אָנקל איז, דו ווייסט?

מאַשע האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס די מאַמע מיינט. זי האָט נישט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס זי האָט דעם אָנקל דעם קאָפּ פאַרדרייט. זי האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס זי האָט געטאָן אַזעלכעס דעם אָנקל, פאַר וואָס דער אָנקל דאַרף אַזוי בייז זיין. עס האָט זיך איר געדאַכט, אַז די „מאַ" און „פאַ" קענען גאָרנישט דעם אָנקל; אַז זי וועט אַהין גיין און וועט אים אַלעס זאָגן, און דער אָנקל וועט אַלעס באַלד גוט מאַכן — ווי ער טוט יעדעס מאָל, ווען עס איז עפּעס אַ צרה.

— איך וועל אַהין גיין צום אָנקל, איך וועל אים אַלעס זאָגן, איר וועט זען, דער אָנקל וועט ווידער גוט ווערן — האָט מאַשע געזאָגט.

— שוין צו שפּעט, צו שפּעט, ער וויל נישט הערן און געדענקען מער — האָט אהרן געוויינט.

— וואָס צו שפּעט? עס איז גאָרנישט צו שפּעט! — האָט ראָזע געשריגן אויפן מאַן — וואָס פאַרקלאָגסטו מיר דעם קאָפּ? נאַר איינער — האָט זי געקנייפּט דעם מאַן — לאָז זי זיך נאָר זען מיטן אָנקל, ער וועט איר שוין די נאַרישקייט אַרויסשלאָגן פון קאָפּ. גיי, קלינג אָן אין טעלעפאָן, רוף אָפּ דעם אָנקל! — האָט זי געשריגן אויפן מאַן — וואָס שטייסטו ווי אַ ליימענער גולם?

אהרן האָט געפאָלגט דאָס ווייב. ער האָט איינגעזען, אַז זי האָט רעכט, ווי תמיד. ער איז צוגעלאָפן צום טעלעפאָן מיט האַרץ-קלאַפּעניש.

דער אָנקל האָט געלאָזט לאַנג וואַרטן אויף זיך ביים טעלעפאָן. צוערשט געלאָזט זאָגן, אַז ער איז פאַרנומען, אַז ער איז נישטאָ, און אַז מען איז אים געגאַנגען זוכן, נאָר דערנאָך, זעט אויס, האָט ער זיך אַליין נישט געקענט באַרויִיגן און געלאָזט רופן צום טעלעפאָן מאַשען. אַז ער האָט

דערהערט מאַשעס שטימע דורכן טעלעפאָן איז ער ווייכער געוואָרן. ער האָט זיך אָפּגערעדט מיט איר, אַז זי זאָל קומען זעקס פאַרנאַכט אין געשעפט. פון וואַנען ער וועט זי אַרויסנעמען אין אַ שטילן פּלאַץ, וואו זיי וועלן קענען האָבן אַ שמועס צוזאַמען.

אַרום זעקס אַ זייגער פאַרנאַכט איז מאַשע צוגעגאַנגען צום אָנקלס געוועלב. זי איז געווען אָנגעטאָן אין איר ענגליש־געשניטענעם ציגל־קאָלירענדיגן הערבסט קאָסטיום; אויפן קאָפּ דעם ברייטן טונקעלן פילצענעם הוט, וואָס איז דאַן נאָר וואָס מאָדע געוואָרן. זי האָט נישט געוואַרט אויפן אָנקל פאַר דער טיר, ווי זי פלעגט עס אימער טאָן, נאָר איז גלייך אַריינגעגאַנגען אין געשעפט אַריין. סעם איז איר אַקעגנגעלאָפן, זי פריינטלעך באַגריסט, און איז געלאָפן אָנזאָגן דעם אָנקל. דער אָנקל איז געווען פאַרנומען מיט אַ רייזנדן אין זיין פּריוואַט ביוראָ, וואָס איז געווען אין אַן אָפּגעצוימטן חינקל פון גרויסן געוועלב, אין וועלכן עס איז געשטאַנען די קאַסע און וואו עס איז געזעסן דער בוכהאַלטער. דער אָנקל האָט זיך נישט געלאָזט שטערן, געהייסן סעמען, ער זאָל מאַשען איינהאַלטן אַ מינוט, ער וועט באַלד אַרויסקומען, און ער האָט אַרויסגעקלאַפּט דורך די שויבן פון ביוראָ מיט זיינע פינגער: „האַלאָו, מאַשע, איך בין פאַרטיג אין אַ מינוט". סעם האָט שוין דערשמעקט, אַז עס איז עפּעס וואָס פאָרגעקומען צווישן דעם אָנקל און מאַשען, און געטראַכט זיך, אַז ווי עס זאָל נישט זיין, איז גוט אָפּצוהיטן מאַנעס דעם קוזינס עצה, וואָס ער האָט אים געראַטן: „חנפע דיך צו צו מאַשען, ביסט איצט ביי איר אין די הענט". מאַשע איז אים געפעלן, זייט דער אָנקל האָט געצויגן זיין אויפמערקזאַמקייט אויף איר. און סעם האָט באַנוצט יעדע געלעגנהייט, וואָס עס האָט זיך אים געמאַכט, צו באַקענען זיך מיט מאַשען, אַרויסצווייזן איר פאַרערונג. אויך איצט האָט סעם געהאַלטן אין איין רימען איר קאָסטיום. וועלכן דער אָנקל האָט געקויפט אַ מוסטער, און צוגעגעבן, אַז ווען אַ אָפּנעמער פון אַ גרויסן געוועלב אין שי־

קאַגאָ וואָלט זי געזעצן אין דעם קאָסטיום, וואָלט ער, סעם, גע-קענט מאַכן אַ פּאָר שיינע דאָלאַר. ער וואָלט געווען אָנגענומען די באַשטעלונג און וואָלט אים געווען פּאַרקויפט צו זיינס אַ פריינט, אַ פאַבריקאַנט פון פרויען-קליידער, און נאָך האָט ער צוגעגעבן, אַז ווען ער האָט זי, מאַשען, פאַר אַ „מאָדעל" — עס רעדט זיך נאָר אַזוי — וואָלט ער באַלד אַוועק פון אָנקל און אַליין געוואָרן אַ פאַבריקאַנט פון פרויען-קליידער, ווייל וואָס מאַשע טוט אָן, זעט אויס אויף איר מיט „דיגניטי" (דאָס איז געווען דער גרעסטער קאָמפּלימענט, וואָס סעם האָט געקענט זאָגן צו א דאַמע). נאָר לאַנג פרייען זיך האָט אים דער אָנקל נישט געלאָזט. דער אָנקל איז באַלד אַרויסגעקומען פון זיין פּריוואַט ביוראָ, געוואָרפן עפּעס אַ בליק אויף סעמען, קיין וואָרט נישט גערעדט, נאָר פאַרקניטשט דעם שטערן, און אָן אַ וואָרט צו זאָגן אויך צו מאַשען, האָט ער זי אָנגענו-מען אונטערן אָרעם און איז מיט מיר אַרויס פון געשעפט.

אַז זיי זענען אַרויסגעקומען אין גאַס אַרויס, האָט זיך מאַשע אָנגערופן אויף ענגליש:

— אָנקל, דו ביזט זייער בייז אויף מיר?

דער אָנקל האָט איר גאָרנישט געענטפערט. נאָר האַלטנ-דיג זי פעסט אונטערן אָרעם, איז ער מיט איר געגאַנגען אויפן טראָטואַר, קעמפנדיג שווער געגן דעם שטראָם מענטשן, וואָס האָט זיך געגאָסן פון אַלע ווינקלען, פון אַלע געשעפטן אויף דער גאַס אַרויס, און געאיילט זיך צו דער הויך-באַן. עס איז געווען די שעה, ווען די געשעפטן שליסן זיך, און די גאַסן זענען פינסטער געווען פון מענטשן. זיי האָבן איבערן וועג נישט געקענט קיין וואָרט רעדן. דער אָנקל האָט זי געצויגן מיט זיך.

— וואוהין גייען מיר, אָנקל? — האָט מאַשע געפרעגט.

— ווילסטו נישט עסן מיט מיר? — האָט דער אָנקל געזאָגט, אָן צו קוקן איר אין פּנים אַריין.

— געוויס, איך וויל.

— טאַ קום.

זיי זענען אַריין אין אַ שמאָל געסל. דאָרט האָט זי דער אַנקל אַריינגעפירט אין אַ באַקאַנטן אונגאַרישן רעסטאָראַן. דער ווירט האָט דערקאָנט דעם אַנקל, זיי געגעבן אַ פּלאַץ אין אַ ווינקל, אַז מען זאָל זיי נישט שטערן. דער אַנקל האָט באַשטעלט עסן און אונגאַרישן וויין.

ביים עסן איז דער אַנקל נאָך אַלץ ערנסט געבליבן, געשוויגן, זעלטן ווען געקוקט אויף מאַשען, געוועזן פאַרקלערט, כאָטש געגעסן האָט ער מיט אַפּעטיט און פיל וויין געטרונקען, און פון צייט צו צייט אויפגעפאָדערט מאַשען צו טרינקען.

— אַנקל, מאַך ווידער, אַז עס זאָל גוט זיין. דו קענסט עס שטענדיג אַזוי גוט מאַכן — האָט זיך מאַשע פּלוצים אָנגערופן, אַרויפלייגנדיג איר מיידלשע האַנט אויפן אַנקלס האַנט.

— וואָס זאָל איך גוט מאַכן?

— דו ווייסט. ביי אונז איז אַזוי שלעכט איצט — פּאַפּאַ וויינט, מאַמאַ וויינט.

— פאַר וואָס וויינען זיי? — האָט דער אַנקל געפרעגט וואונדערנדיג זיך — האָט עפּעס פּאַסירט?

— האָבן מורא, אַז דו זאָלסט „פּאַ" נישט אָפּזאָגן פון דער שטעלע.

— פאַרוואָס זאָל איך „פּאַ" אָפּזאָגן פון דער שטעלע?

— דו ווייסט פאַר וואָס... — האָט מאַשע געזאָגט פאַרשעמט. געשוויגן אַ מינוט, פּלוצים אויפגעהויבן אירע גרויסע אויגן און געקוקט פריי און קינדיש דעם אַנקל אין פּנים אַריין, און געזאָגט מיט אַ קינדערישער, אָבער זיכערער שטימע:

— איך ליב דיך, אַנקל. איך ליב דיך זייער. איך ליב דיך, מער ווי מיין „פּאַ" און מער ווי מיין „מאַ". אפשר ביסטו צו אַנדערע שלעכט, צו מיר ביסטו שטענדיג געוועזן גוט, שטענדיג זייער גוט. און איך וועל דיך שטענדיג ליב האָבן, קיינמאָל נישט לאָזן קיין שלעכט וואָרט רעדן אויף דיר, איך ליב דיך. דו ביסט מיין טייערער, טייערער אַנקל.

— שווייג, מאַשע, שווייג — האָט דער אַנקל געברומט פאַר זיך — טרינק וויין, טרינק, איך בעט דיך.

— איך קען נישט — האָט מאַשע צוגענומען דאָס גלאָז פון אירע ליפּן און האָט עס באַלד אַוועקגעשטעלט — האָרך אויס, אָנקל, — האָט זי זיך אָנגערופן, און איז צום ערשטן מאָל רויט געוואָרן, רעדנדיג מיטן אָנקל, און אירע אויגן האָבן אָנגעהויבן שיינען מיט אַ נאַסן גלאַנץ — איך האָב נישט געוואוסט ביז איצט, וואָס עס הייסט חתונה האָבן, איצט ווייס איך. און איך דענק... און איך דענק, אַז אונז חתונה האָבן — איז נישט גוט... עס וועט נישט גוט זיין... איך וויל זיין מיט דיר אין דער היים, ווי אַ טאָכטער. איך וועל דיך ליב האָבן, ווי מיין טייערן, טייערן אָנקל — נישט ווי דו ווילסט, דענקסטו נישט אַזוי ?

דער אָנקל האָט געשוויגן, געטרונקען דעם ווייַן שווער, און אויפגעמונטערט מאַשען.

— טרינק, מאַשע, איך בעט דיך, טרינק.

— נישט, אָנקל, נישט, — האָט מאַשע געזאָגט און אַוועקגענומען דאָס גלאָז פון אָנקל און נישט געלאָזט אים טרינ־קען — איך ליב נישט, ווי דו טרינקסט היינט. איך ליב נישט — נישט, נישט, ענטפער מיר, איך בעט דיך, ענטפער. פאַר וואָס רעדסטו נישט מיט מיר היינט ?

דער אָנקל האָט זי אָנגעקוקט און געשמייכלט גוט און מיט ליבע צו איר.

— ליבסטו נישט, הייסט עס, דעם אָנקל, מאַשע ? איך בין צו אַלט פאַר דיר, וואָס ? איך פּאַס דיר נישט. יעס, מאַשע — האָט דער אָנקל געלאַכט און געמאַכט מאַשען אויך צו לאַכן און פון דעם גאַנצן געשפּרעך איז עפּעס גאָר נישט געוואָרן.

— אָ, אָנקל. אַן אַלטער מאַן, רעד נישט אַזוי, איך האָב דיך ליב מיין גוטער אָנקל. איך וועל שטענדיג זיין מיט דיר, איך וועל וואוינען מיט דיר אין דעם נייעם הויז, וואָס דו האָסט געבויט. איך ליב דיך. דו ביסט אַ טייערער אַלטער אָנקל.

דער אָנקל האָט צוגערופן דעם קעלנער און באַצאָלט. אַרויסגעקומען האָט ער זיך אָנגערופן צו מאַשען :

— דו ווילסט גיין מיט מיר ?

— אומעטום, אַנקל.

ער האָט צוגערופן אַן אויטאָמאָביל און געהייסן זיך פירן האַרלעם־וועסט.

— איך וויל דיר ווייזן די נייע מעבל, דער טאַפּעצירער האָט שוין אַלץ אויפגעפרישט. אַלץ איז שוין פאַרטיג. איך וויל, אַז דו זאָלסט זען.

מאשע איז טרויעריג געוואָרן און געשוויגן. פּלוצים האָט זי זיך ווידער אָנגערופן:

— אַנקל, פאַר וואָס ענטפערסטו מיר נישט?

— וואָס?

— דאָס, וואָס איך האָב געזאָגט דיר —

— וואָס, וואָס?

— גלויבסטו נישט, אַז עס איז בעסער פאַר אונז, אַז דו זאָלסט בלייבן מיין אַנקל, מיין גוטער „פּאַ", און איך דיין טאָכטער — איידער מיר זאָלן חתונה האָבן?

— עס איז „אָלל־רייט", מאשע, שוויג, שווייג — און זיי זענען שוין שטיל געבליבן איבערן גאַנצן וועג נאָך האַרלעם.

14

דאָס בלויע צימער.

דער אַנקל האָט אריינגעפירט מאשען אין דעם הויז אריין, וואָס ער האָט אויסגעריכט אויף צו וואוינען נאָך דער חתונה. דאָס הויז איז שוין געווען איינגאַנצן איינגעריכטעט. דאָס מעבל האָט נאָך פריש געשמעקט מיט לאַק, די פאָרהאַנגען זענען שוין געהאָנגען, און דאָס גאַנצע הויז האָט געוואַרט אויף די איינוואוינער. דער אַנקל האָט ליכטיג געמאַכט אין אַלע צימערן און עס האָבן אָנגעהויבן צו פינקלען די געשליפענע גלאָזוואַרג, די וואַזאָנען, די פאָרצעלייענע הינט און קעץ, מיט וועלכע אַלע צימערן זענען פול געווען. דער אַנקל האָט ארומגעפירט

מאַשען פון איין צימער אין אַנדערן. די צימערן זענען געווען רייך אויסמעבלירט, לויט דעם געשמאַק פון אַן „אַלל־רייטניק״, היימיש וואַרעם, מיט אַ סך מעבל, און זייער פיל אָנגעשטעלטע קליינִיקייטן. דאָס „שיינע״ צימער האָט געמאַכט דעם איינדרוק, ווי אַ קראָם פון עלעקטרישע לאָמפּן און פּאָרצעלאַיענע הינט, און דער אָנקל האָט יעדעס מאָל איבעראַשט מאַשען מיט אַ נייעם ליכט־עפעקט. דאָ האָט אַ קאַץ אַרויסגעשטאַרט אַ פּאָר געלע לייכטנדע אויגן. באַלד האָט זיך אַ הענגל ווייַנטרויבן פון אַ שראַנק אַראָפּ אָנגעהויבן צו לייכטן, און באַלד אַן אַנדער שטיק גלאָזוואַרג. מען האָט געזען, אַז דער אָנקל האָט זיך זייער אָפּגעגעבן מיט דעם אויסמעבלירן די צימערן און האָט אין זיי אַריינגעלייגט זיין ליבע און זיין פאַנטאַזיע. נאָר אַממערסטן האָט געטראָגן שפּורן פון זיין אויפמערקזאַמקייט דער שלאָפּצימער. דער שלאָפּצימער איז געווען איינגעאָרדנט מיט דער צערטלעכקייט פון אַ גראָבן מענטשן. אַלצדינג אין צימער איז געווען בלוי, די ווענט באַמאָלט מיט ביליגע לאַנדשאַפטן, וועלדער און טייכן, באָדענדיגע פרויען, טאַנצנדע פּעען, און דער באַלקן, ווי אַ נאַכט־הימל מיט שטערן. אַ בלויער פראַנצויזישער גרויסער דיוואַן האָט צוגעדעקט דאָס גאַנצע צימער. דאָס בעט איז געשטאַנען אויף אַ פּיעדעסטאַל, באַהאָנגען מיט אַ בלויער זיידענער חופּה, נאָר דאָס ליכט האָט נישט אויסגעהאַלטן דעם סטיל. דאָס ליכט איז אויך דאָ געווען ווי אין „שיינעם״ צימער, פאַרשידנפאַרביג, רויט, בלוי, העל, און דאָס האָט צעשטערט די האַרמאָניע פון צימער. דער אָנקל האָט געגעבן אַ דריק אין אַ קנאָפּ, און אַ עלעקטרישע פּיאַנאָלאַ, וועלכע איז געשטאַנען אין אַ צווייטן צימער און איז געווען פאַהעפּטעט מיט דעם שלאָפּצימער, — האָט פּלוצלינג אָנגעהויבן צו שפּילן.

דער אָנקל האָט זיך צומלענגסטן אָפּגעשטעלט אין שלאָפּצימער און גענומען זיך זייער זאָרגפעלטיג באַטראַכטן דאָס בעט, מיט אַלע איינצלהייטן. מאַשע איז רויט געוואָרן, און דאָס האַרץ האָט איר אָנגעהויבן צו קלאַפּן. זי האָט געוואַלט וואָס שנעלער

אַרויס פון דעם צימער. דאָס צימער מיט דעם בעט אויף דעם פיעדעסטאַל האָט זי אָן עפעס דערמאָנט און אַרויסגערופן ביי איר אַנגסט, אַ הייסע אַנגסט — ווי מ'וואָלט א צום טויט־פאַראורטיילטן געוויזן דעם עשאַפאָט, אויף וועלכן עס וועט ווערן אויסגעפירט זיין טויט־אורטייל... און דאָך האָט אַ געהיימע קראַפט זי געצויגן צו קוקן אויף דעם בעט. דאָס צימער איז איר פאָרגעקומען אַזוי ווי אַלט באַקאַנט, ווי זי וואָלט עס אַמאָל אין חלום געזען, און זי האָט געפילט אַ געוויסע משפחהדיגע נאָענטקייט צו דעם צימער, און צו דעם בעט, ווי אַ קראַנקער צום טויט... זי האָט זיך געשראָקן פאַר דעם געדאַנק, און פרובירט אַרויסגיין פון צימער. דער אָנקל אבער איז געבליבן זיצן אויפן ראַנד פון בעט און זי אַרויסגערופן:

— וואו לויפסטו, מאַשע? בלייב דאָ, ווי געפעלט עס דיר, האַ?

— אָ, שיין — האָט מאַשע אָפגעענטפערט, קוקנדיג ערגעץ אָן אַ זייט.

— שיין, וואָס? — האָט דער אָנקל געלאַכט, געגעבן אַ דריק אַ קנאָפ אין וואַנט, און דאָס גאַנצע צימער איז באַגאָסן געוואָרן מיט בלוט־רויט ליכט, וואָס האָט די בלויע פאַרבן פון צימער געמאַכט געל, און דאָס גאַנצע צימער האָט מיטאַמאָל אָנגענומען אַ קאָליר ווי נישט פון דער וועלט. אַלץ איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין עפעס געהיימנישפולעס, די מעבל, די פאַרבן פון די ווענט, און דער אָנקל, ווי אַ פעטע געלע חיה, איז געזעסן אויפן בעט...

נאָר דאָס ליכט האָט נישט לאַנג געדויערט. באַלד האָט דער אָנקל געגעבן אַ דריק אַן אַנדער קנעפל, און דאָס צימער איז באַגאָסן געוואָרן מיט אַ בלוי ליכט, א ווייס ליכט. דער אָנקל האָט גערן געהאַט די ליכט־עפעקטן, און ער האָט באַזאָרגט דאָס שלאָפצימער מיט פאַרשידענע ליכט־קאָמבינאַציעס.

און די עלעקטרישע פיאנאלא האט געהיימנישפול געשפילט א בילינג וואלצער פון א צווייטן צימער ארויס...

— נו, ווי געפעלט דיר דאס, מאשע?

— א, שיין!

— וואס קומט אבער ארויס, אז דו האסט מיך ליב נאר ווי אן אלטן גוטן אנקל — נישט מער ווי אן „אלד גוד אנקל." ווי האסטו געזאגט, מאשע? ווי אן „אלד גוד אנקל".

— כ'בעט דיך, רעד נישט אזוי, אנקל, איך האב נישט ליב, ווי דו רעדסט.

— הארך אויס, מאשע — איז דער אנקל פלוצים ערנסט געווארן. איך מוז מיט דיר רעדן אפן. דו ביסט שוין מער קיין קינד נישט. דו פארשטייסט, וואס איך מיין. קיין גוטער אלטער אנקל וויל איך נישט זיין, איך האב קיין חשק נישט, איך וויל עס נישט.

מאשע איז שטיל געבליבן, האט געבויגן דעם קאפ צו דער ערד.

— גוט, איך בין צופרידן, וואס עס איז איצט ארויסגעקומען און נישט שפעטער — האט דער אנקל ווייטער גערעדט — איצט וועט צום ווייניקסטנס קיין צרות נישט זיין. דאס הויז קען איך פארדינגען, אדער אפשר עפעס אנדערש טאן דערמיט.

— ביסט בייז אויף מיר, אנקל? — האט מאשע געפרעגט.

— בייז? פארוואס זאל איך זיין בייז? פאר דעם געלט, וואס דו האסט מיר אפגעקאסט? א, א, מיינע לאנדסלייט קאסטן מיר אזוי פיל. ניין, איך בין נישט בייז, איך בין נישט גוט. און אפשר האסטו שוין וועמען, דארף מען חתונה מאכן, שיק דעם פאטער צו מיר. וואס איך טו פאר אלע מיינע לאנדסלייט, וועל איך טאן פאר דיר אויך. און איך ווינטש דיר גליק, מאשע, דער יונגערמאן, וועז ער איז פעאיג צו עפעס, קען ער קומען צו מיר, אפשר וועל איך עפעס קענען טאן פאר אים.

מאשע האט אויפגעהויבן אירע גרויסע אויגן אויפן אנקל. זי איז געווען צוגעוואוינט צו אים, ווי א קינד צו א פאטער, און

די שפראַך, וואָס ער האָט גערעדט איצט, האָט זי קיינמאָל פון אים נישט געהערט, און זי האָט מורא געקריגן פאַר אים. דאָך איז זי געווען צוגעוואוינט צו אים און געפּיעסטשעט זיך צו אים, ווי אַ קינד צו אַ גרויסן, פאַר וועלכן עס האָט מורא:

— טייערער אַנקל, איך בעט דיך, רעד נישט אַזוי. איך ווייס נישט, וואָס איך זאָל טאָן. איך בין אַ נאַריש מיידל. דו האָסט רעכט, דו האָסט אַזויפיל גוטס געטאָן מיט מיר, מיט מיין פּאַ, מיט מיין מאַ — און איך בין אַזוי שלעכט, אַזוי נאַריש. „מאַי גוד, גוד אַנקל“ — און זי האָט באַהאַלטן איר קאָפּ אין זיין האַלז. און הייסע טרערן און אַ קינדישער קוש, וואָס זענען געקומען פון אימה און אומבאַהאָלפנקייט, האָבן געוואַרעמט דעם אַנקלס אַלטע האַרטע הויט.

אַ מינוט האָט עס אים גוט געטאָן, און ער האָט זיך געלאָזט קושן. נאָר באַלד האָט זיין אינערלעכער מענלעכער שטאָלץ פּראָטעסטירט געגן די אומשולדיגע קינדישע קושן. ער האָט זי געוואָלט אַרומנעמען און קושן אין מויל אַריין, ווי אַ מאַן אַ ווייב, נאָר אירע טרערן האָבן אים צוריקגעהאַלטן דער-פון, ווייל די טרערן האָבן זי קינדיש געמאַכט, און ער האָט באַגערט צו קושן די פרוי אין איר... האָט ער זי אַראָפּגענומען פון זיך און אָפּגערוקט זי:

— דו פאַרגעסט זיך, מאַשע, דו ביסט שוין מער נישט קיין קינד. דו ביסט אַ דערוואַקסן מיידל.

מאַשע איז רויט געוואָרן, פאַרשעמט, אירע טרערן זענען געבליבן הענגען אין מיטן אירע אויגן, און זי האָט געקוקט מיט נאַסע אויגן אויפן אַנקל און נישט געוואוסט, וואָס צו טאָן.

— ווילסט אַהיימגיין? — האָט דער אַנקל זי געפרעגט.

— יאָ — האָט מאַשע געשאָקלט מיטן קאָפּ.

דער אַנקל האָט אויסגעלאָשן דאָס ליכט, זייער זאָרגפעל-טיג פאַרשלאָסן די טירן פון הויז, אויף מאַשען האָט ער זיך נישט אַרומגעקוקט, ווי זי וואָלט דאָ נישט געווען. אויפן וועג, איידער ער האָט זי אַראָפּגעלאָזט פאַר איר הויז, האָט ער בע-זאָגט צו איר:

— זאָרג דיך נישט, מאשע, אַלץ וואָס איך וועל קענען טאָן פאַר דיר, וועל איך טאָן, ווי פאַר אַלע מיינע לאַנדסלייט און משפחה — און ער איז אַוועקגעפאָרן.

אין דער היים האָבן „פּאַ" און „מאַ" געוואַרט מיט אַנגסט אויף מאַשען. נאָר מאַשע האָט זיי גאָרנישט געענטפערט אויף זייערע פרעגנדע בליקן, און איז אַריין צו זיך אין צימער.

אהרן האָט עפּעס נאָכגעשריען און געוואָלט פרעגן, נאָר דאָס ווייב האָט אים געצופּט ביים אַרבל און געברומט צו אים:

— לאָז זי גיין, היינט פרעג זי נישט.

אהרן האָט איינגעזען, אַז דאָס ווייב האָט רעכט, ווי תמיד.

מאַשע איז געלעגן אַ גאַנצע נאַכט. דורך דער נאַכט איז איר קלאָר געוואָרן, אַז זי האָט נישט מער קיין רעכט אויף קיין גליק, אַז זי איז אויפגעצויגן געוואָרן מיט אַ שנור אויפן האַלז, אַז מען האָט זי פאַרקויפט, ווען זי איז נאָך אַ קינד געווען, פאַר דער באַקוועמלעכקייט פון „פּאַ" און „מאַ" און פון איר גאַנצער משפחה. זי האָט זיך דערמאָנט אָן האָפּ-קינס-סטריט, אײדער דער אָנקל האָט זיך פאַר זיי אָנגענומען, ווי זי איז געווען די „קליינע מאַמע" פון הויז. זי האָט גע-שמייכלט, דערמאָנענדיג זיך, ווי זי האָט אָפּגענאַרט דעם קרע-מער און דעם קצב מיט דעם צויבער-וואָרט: „פּאַ" אַרבעט שוין. זי האָט זיך דערמאָנט, ווי זי האָט דעם טאַטן אַהיים גע-שלעפּט, ווען ער איז אַנטלאָפן פון דער מאַמען, און נאָך אַזעל-כע ענלעכע סצענעס. און זי האָט איינגעזען, אַז זי האָט נאָך ביז איצט נישט אויפגעהערט צו שפּילן די ראָלע פון „דער קליינער מאַמע". און זי טאָר די ראָלע שוין מער פון זיך נישט אַראָפּוואַרפן.

זי האָט געזען דעם „עשאַפּאַט" — דאָס שלאָפצימער מיט דעם בלויען, רויטן, געלן ליכט — און פיליכט איז עס געווען דער עשאַפּאַט, די תליה, וואָס האָט זי געצויגן צו זיך... זי האָט זיך געשראָקן פאַר דעם בלויען שלאָפצימער, און עס האָט זי געצויגן צום בלויען שלאָפצימער. זי האָט שוין איין

מינוט נישט געקענט אויפהערן צו קלערן וועגן דעם בלויען צימער. עס האָט זי געצויגן מיט דער זעלבער קראַפט, ווי עס ציט דעם קראַנקן צום טויט. צומאָרגנס האָט זי, צו אַלעמענס איבעררראַשונג, געזאָגט דעם פֿאָטער, אַז ער זאָל רעדן מיט דעם אַנקל, אַז זי באַדויערט אירע רייד, און —

אָבער דער אַנקל האָט זיך נישט געלאָזט רעדן. ער האָט נישט געוואָלט הערן און געדענקען מער דערפֿון. אהרן מעלניק מיטן ווייב זענען געקומען בעטן זיך ביי אים, אַז ער זאָל רחמנות האָבן אויף זייער יונג קינד, און ער זאָל נישט צע־ברעכן איר יונג לעבן — אָבער דער אַנקל האָט נאָר געוואָלט, אַז מאַשע זאָל קומען צו אים אַליין און אים זאָגן, וואָס זי האָט צו זאָגן. און דערנאָך וועט ער זען, וואָס ער האָט צו טאָן. און צוגעגעבן האָט ער:

- איך בעט אייך, — טוט מיר אַ טובה און נויט זי נישט צו טאָן זאַכן, וואָס זי וויל נישט. פאַר אייער שטיקל ברויט.

מאַשע האָט געפֿילט די באַליידיגונג, וואָס דער אַנקל וויל פֿון איר, אַז זי אַליין זאָל זיך קומען בעטן ביי אים. דורך די פּאָר טעג איז יעדעס געפֿיל פֿון אַכטונג און טאַכ־טערלעכער ליבע, וואָס איז געוואָרן איינגעפֿלאַנצט אין איר האַרץ צו אים דורך דער גאַנצער צייט, וואָס ער האָט זיך אינטערעסירט מיט איר, אויסגעריסן געוואָרן ביי איר. זי האָט שוין מער גאָרנישט געפֿילט צו אים, נאָך פֿאַראַכטונג און עקל. זי האָט אָבער נישט געקענט בײַשטיין די בעטנדע שנאָרנדיגע בליקן פֿון איר „פּאַ" און „מאַ", פֿון אירע ברידערלעך און שוועסטערלעך, וועלכע האָבן געקוקט אויף איר, ווי שטומע באַשעפֿעניש: טו עס פֿאַר אונז. זי איז געווען „די קליינע מאַמע" און נישט קיין כּח געהאַט ווידערצושטיין די געפֿילן פֿון איר מוטערלעכקייט, וואָס זי האָט גענומען אויף זיך פֿון קליינערהייט אָן.

זי האָט זיך דורך דער צייט געזען מיט טשאַרלין. נישט דערפֿאַר וואָס זי האָט דערוואַרט צו הערן פֿון אים אַ וואָרט,

וואָס זאָל איר כח געבן אויסצוהאַלטן דעם קאַמף. נאָר זי האָט געוואָלט זען, אפשר וועט איר זיין אנבליק מער קראַפט און האָפנונג געבן. זי האָט זיך אָפּגערעדט מיט אים צו טרעפן און ווידער האָבן זיי אַ גאַנצן טאָג דורכשפּאַצירט די „פינפטע עוועניו" און „סענטראַל פּאַרק", און טשאַרלי האָט ווידער געהאַלטן אין איין רעדן פון גרויסע זאַכן, וועגן באַפרייען די וועלט, און וועגן דעם תכלית פון לעבן, און דערציילט איר פון זיינע „לענער צו אָרגאַניזירן אַ סטרייק ביים אָנקל. אָבער פאַר איר אַליין, פאַר איר לעבן, פאַר אירע אייגענע אינטערעסן, האָט ער קיין וואָרט נישט געהאַט. ווי דענסטמאָל, האָט זיך טשאַרלי אינטערעסירט מיט דער גאַנצער וועלט, נאָר נישט מיט איר, אויך דאָס מאָל האָט טשאַרלי זי נישט געזען. שוין האָט זי אים געוואָלט פון אַלצדינג דערציילן און בעטן אים. אַז ער זאָל איר העלפן שטאַרק זיין, זי זאָל כח האָבן ווידער אָנצוהויבן דאָס לעבן אויף אייגענער אחריות, אויף אייגענער רעכנונג, ער זאָל איר העלפן שטעלן זיך אויף די פיס. אָבער טשאַרלי איז געווען פאַרנומען מיט אַזעלכע גרויסע וועלט־זאַכן, אַז זי האָט נישט געוואוסט, ווי זי הויבט אָן רעדן מיט אים וועגן זיך, וועגן איר קליינעם לעבן. עס האָט זיך איר געדאַכט, אַז פאַר טשאַרלין איז דאָס צו קליין, ער זאָל זיך מיט אַזעלכע „פּריוואַטע זאַכן" אָפּגעבן.

זי איז אַהיים געקומען פון טשאַרלין נאָך מער פאַרלאָזט און איינזאַם, ווי זי איז געגאַנגען צו אים. קיין וואָרט וועגן זיך האָט זי מיט אים נישט גערעדט, און טשאַרלין איז עס גאָרנישט איינגעפאַלן. זי האָט געפּראָוווט אַמאָל אַליין שטעלן זיך אויף די פיס. געגאַנגען זוכן אַ שטעלע, נאָך אַן אַנאָנס פון אַ צייטונג — איז אין דער היים געווען תשעהבאב, און די שטומע בליקן פון די קליינע שוועסטערלעך און דעם טאַטנס ציטערן. און וואָס איז דער חילוק — שוין לאַנג איז די שנור אויפן האַלז אַרויפגעצויגן. זי איז געבוירן געוואָרן מיט דער שנור אויפן האַלז.

זי איז געגאַנגען צום אָנקל. זי האָט מער נישט געפילט

צו אים ווי עקל און פאַראַכטונג — דאָך איז זי געגאַנגען. זי האָט קלאָר געוואוסט און געפילט די באַדייטונג פון דעם גאַנג, די רעזולטאַטן דערפון, און זי האָט געזען דאָס בלויע שלאָפצימער מיט דעם בעט אויפן פּיעדעסטאַל... און אפשר איז עס געווען דאָס בלויע צימער און דאָס בעט אויפן פּיעדעסטאַל, וואָס האָט זי געבראַכט צו פאַרבויגן אַלע באַליידיגונגען און אַלע געפילן און גיין אַליין צום אָנקל זיך בעטן, אַז ער זאָל חתונה האָבן מיט איר. עס איז געווען, ווי דאָס בלויע צימער וואָלט איר כּישוף אָנגעטאָן. יאָ, זי האָט געבענקט נאָך דעם בלויען צימער, אין דער שטיל, אין געהיים. טיף אין זיך האָט זי געבענקט נאָך דעם בלויען צימער מיט אַלע זיינע סודותדיגע ליכט-עפעקטן... איר פאַנטאַזיע האָט זיך צעשפּילט אַרום דעם בלויען צימער און געמאָלט איר פאַרשיידענע שרעקלעכע בילדער. און דאָס בלויע צימער האָט געצויגן צו זיך, ווי דער טויט דעם קראַנקן...

דער אָנקל האָט זי, ווי דאָס ערשטע מאָל, גענומען אין אונגאַרישן רעסטאָראַן. ער האָט פון אַלצדינג גערעדט, נאָר נישט וועגן דעם, צו וואָס מאַשע איז געקומען. ער האָט איר אפילו נישט געהאָלפן מיט קיין וואָרט. ער האָט געוואָלט האָבן די גאַנצע באַלייבונג, אַז זי זאָל זיך טאַקע בעטן ביי אים, און דערמאָנען מיטן גאַנצן מויל, צו וואָס זי איז געקומען. די באַלייבונג האָט ער געקריגן, ווען זיי זענען ווידער געווען אין דער נייער וואוינונג, און ער האָט זי ווידער אַריינגעבראַכט אין בלויען צימער. דער אָנקל האָט זיך אוועקגעזעצט אויפן בעט, ווי אַ תּליון אויפן קלאָץ, און געזאָגט:

— נו, דאָ קאָנסטו מיר זאָגן, וואָס דו האָסט מיר צו זאָגן.

— אָנקל, איך בין גרייט חתונה צו האָבן מיט דיר, — האָט מאַשע געזאָגט.

— בין איך שוין נישט מער צו אַלט פאַר דיר?

— אָנקל —

— איך וויל וויסן אָפענע ווערטער, אַ קלאָרע סיטואַציע.

פאַרוואָס האָסטו פריער נישט געוואָלט, און איצט ווילסטו יאָ? איז עס דערפאַר, ווייל דיין „פּאַ" האָט דיך געגעוויט דער-צו? זאָג מיר.

— אָבער, אָנקל, פאַרוואָס רעדסטו אַזוי צו מיר?

— איך וויל עס וויסן. עס מוז דאָך זיין אַ „רעזאָן" (אַ אורזאַך), פאַרוואָס איצט ווילסטו יאָ מיט מיר חתונה האָבן און פריער האָסטו נישט געוואָלט?

— דער „רעזאָן" איז, ווייל — איך ליב דיך! — האָט מאַשע געזאָגט פארשעמט.

— ווי וואָס ליבסטו מיך, ווי אַן „אָלד גוד אָנקל" אָדער ווי אַ מאַן, מיט וועלכן מען וויל חתונה האָבן?

מאַשע האָט אויפגעהויבן אירע גרויסע אויגן צו אים און געזאָגט:

— פאַרוואָס פרעגסטו מיך אַזעלכע פראַגן? דו ווייסט עס אַליין.

— איך ווייס עס שוין גאָר נישט אַליין. פריער האָסטו איך אַנדערש געליבט.

— פריער בין איך אַ קינד געווען — האָט מאַשע גע-ענטפערט אין דער שטיל.

— און איצט?

מאַשע האָט געקוקט אויף אים און דערקענט אין אים דעם אַלטן „אָנקל". זי האָט זיך דערמאָנט די סצענע, ווען זי איז אַ קינד געווען און ער האָט פאַרשעמט איר פאָטער אין אירע אויגן. און ווי דענסטמאָל האָט זי זיך געוואָלט אויפהויבן און שרייען אים אין פנים אַריין „חיה, הונט", נאָר אַ געפיל פון נקמה אין זיך אַליין האָט זי געגעוויט צו שטיין און אויס-צוהאַלטן די אינקוויזיציע. זי האָט געשוויגן.

— און וואָס איצט? — האָט דער אָנקל נאָך אַמאָל גע-פרעגט.

— וואָס איצט?

— און ווי אַזוי האָסטו מיך איצט ליב?

— איצט האָב איך דיך ליב, ווי אַ מאַן, מיט וועלכן מען וויל חתונה האָבן! — האָט זי געקוקט גלייך דעם אָנקל אין פּנים אַריין.

— ווי אַ מאַן — האָט דער אָנקל איר נאָכגערעדט. ער איז צוגעגאַנגען, זי אַרומגענומען און טיף געקושט זי אין מויל אַריין...

מאשע איז אַוועקגעגאַנגען פון אָנקל, און זי האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז איצט מעג זי שוין אַלץ טאָן. און זי איז טאַקע געווען פעאיג אויף אַלצדינג...

דריטער טייל

1

מאַן און ווייב.

מאַשע האָט געטראָגן (עס איז שוין געווען צוויי יאָר נאָך דער חתונה). און אָנקל מאָזעס האָט געציטערט איבער איר ווי מען ציטערט איבער אַ קליין שוואַך קינד. ער האָט נישט געקענט איינזיצן אין געשעפט, און יעדער פערטל שעה האָט ער זיך געלאָזט פאַרבינדן מיט דער היים, און געפרעגט דורכן טעלעפאָן אויף מאַשען און אָנגעזאָגט: „מאַשע לעבן, כ׳בעט דיך, באַוועג זיך נישט״. געהערט, אַז אַלץ איז גוט אין דער היים, האָט ער זיך באַרואיגט און איז אַרויף צו די שניידערס, און שפּאַס געמאַכט מיט די לאַנדסלייט:

— נו, שלמהלע, וואָס שוויגסטו, זינג אָפּ דיין קדושהלע.

עס האָט זיך באַמערקט אַ וואונדערלעכע ענדערונג אין זיין כאַראַקטער פון טאָג צו טאָג, זייט דער אָנקל האָט חתונה געהאַט. נישט נאָר איז זיין באַציונג צו מענטשן געוואָרן אַן אַנדערע, נאָר אַפילו דאָס אויסערלעכע זיינס האָט זיך געענדערט. דאָס געזיכט זיינס האָט אָנגענומען אַן אָנבליק מער פון מענטשלעכן געשטאַלט. עפּעס ווייכעס און אומבאַהאָלפענעס האָט זיך אַריינגעגנבעט צווישן די פעטע פאַלדן פון אַרום זיין מויל און די טיף איינגעזונקענע אויגן — דאָס פּנים האָט שוין מער

נישט געשראָקן, ווי אַ ווייכע ווייבלעכע האַנט וואָלט ליבע איינגעקנעטן אין די קנייטשן פון זיין פּנים, און צערטלעכקייט איינגעהויכט אין זיי, צערטלעכעס פון איר ווזן. און עס איז געווען אַזוי, ווי ער וואָלט בייטאָג פאַרשפּרייט ארום זיך די ליבע און ווייכקייט, וואָס ער האָט פון ערגעץ אַ געהיימען קוואַל איינגעזאַפּט. אַנקל מאָזעס האָט געשמייכלט, געשמייכלט צו זיינע מענטשן. אַנקל מאָזעס איז געוואָרן פריינטלעכער, און וואָס אַ טאָג האָט מען פאַרלאָרן פאַר אים די אימה און דעם רעספּעקט, און אויפגעהערט זיך צו שרעקן פאַר אים.

נאָר מער פון אַלץ האָט זיך געפילט די ענדערונג אין אַנקל מאָזעס, זייט מאַשע האָט אָנגעהויבן צו טראָגן. פון ערשטן טאָג אָן האָט מען עס באַלד געוואוסט אין געוועלב, ביי די שניידערס אויבן און ביי אַלע לאַנדסלייט. און געוואוסט האָט מען עס דורך אַנקל מאָזעס׳ האַלטן זיך. דורך זיין אומרואיקייט, דורך זיין יעדעס מאָל אָנקלינגען אַהיים און דורך זיין גוט שמייכעלע, און מען האָט אָנגעהויבן צו לאַכן פון אים הינטער דעם רוקן, און גערוימט זיך אין די אויערן פאַרשיידענע סודות, און געוואָרפן בליקן אין געהיים אויף סעמען.

נאָר אויף סעמען האָט מען מורא געהאַט צו קוקן, עס איז געווען, ווי סעם וואָלט איבערגענומען אין זיינע הענט אַריין די לייצעס, וועלכע אַנקל מאָזעס האָט אָפּגעלאָזט. אַנקל מאָזעס האָט זיך וואָס אַמאָל מער פאַרלאָזט אויף סעמען אין די ביזנעס. סעם איז נישט בלויז געוואָרן דער איינציגסטער פאַרוואַלטער, נאָר ער האָט אייגנציגווייז איבערגענומען די באַשטעלונגען פון דרויסן. סעם האָט דורכגעקוקט די באַשטעלונגען. סעם האָט אַרויסגעשיקט די רייזנדע איבערן לאַנד, און ביסלעכווייז איז סעם געוואָרן דער ריכטיגער „באָס" אין געוועלב און מורא האָט מען געקריגן פאַר סעמען, מער ווי פאַרן אַנקל.

אַנקל מאָזעס האָט זיך די לעצטע צייט אָנגעהויבן צו אינטערעסירן מיט אַזעלכע זאַכן, וואָס גיבן נישט קיין פּרעסטיזש אַ ביזנעס-מאַן, פאַר וועלכן מען זאָל דרך-ארץ האָבן. אַנקל מאָזעס איז געוואָרן רעליגיעז, אינטערעסירט זיך מיט דער

שול פון די לאַנדסלייט, און דאָס וואָס ער האָט נישט געהאַלטן צו דער חתונה, האָט ער איצט געוואָלט אויספירן — קויפן די קוזמינער לאַנדסלייט אַן אייגענע שול. ביז איצט איז ער נאָך געווען דער „פּרעזידענט" פון די קוזמינער לאַנדסלייט אויפן פּאַפּיר. זייט נאָך דער חתונה האָט זיך אָנקל מאָזעס אָנגעהויבן אינטערעסירן מיט דער חבֿרה, און אַריינגעלייגט זיינע גאַנצע ביזנעס-פעאיקייטן און אויסגענוצט זיינע ביזנעס-ערפאַרונגען פאַרן „וואויל פון דער חבֿרה". אָנקל מאָזעס האָט געקויפט פאַר דער חבֿרה אַ נייעם פּלאַץ פאַר אַ בית-עולם און האַלב דערפון גלייך פאַרקויפט אַן אַנדער חבֿרה, און דערפון אַזויפיל געלט פאַרדינט, אַז די קוזמינער האָבן געקריגן זייער בית-עולם כמעט בחינם. איצט נוצט ער אויס זיינע גאַנצע סוחרישע פעאיקייטן אַרויסצוקריגן אַ שול פאַר דער חבֿרה. ער האָט שוין דורך אַ ביזנעס-שווינדל געקריגן אַ פּלאַץ אויף אַ שול כמעט בחינם און איצט האַנדלט ער אונטער אַ טויש צו מאַכן אויף אַ הויז. אָנקל מאָזעס וועט קריגן אַ שול פאַר די לאַנדסלייט, און זייט אָנקל מאָזעס אינטערעסירט זיך מיט די קוזמינער, איז זייער חבֿרה געוואַקסן, רייך געוואָרן און האָט שוין איינגעשלונגען אַ פּאָר אַנדערע קלענערע חבֿרהלעך. זיינע פאַרדינסטן פאַר קהלשע אָנגעלעגנהייטן האָבן אים באַלד באַרימט געמאַכט איבער די גרענעצן אַרויס פון קוזמינער לאַנדסמאַנשאַפט. אַנדערע אַנשטאַלטן פּראָוון פאַראינטערעסירן אָנקל מאָזעס אין גרעסערע אונטערנעמונגען פאַר טובֿת הכּלל. אָנקל מאָזעס איז שוין וויס-„טשערמאַן" פון אַ מושבֿ זקנים, אַ קאַסירער פון אַ תּלמוד תּורה און אַ דירעקטאָר פון אַ קליינעם האָספּיטאָל — און זיין באַרימטקייט אַלס פילאַנטראָפּ און כּלל-מענטש וואַקסט אין שטאָט.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, האָט אָנקל מאָזעס אָפּגעשניטן יעדע באַציונג מיט יענעם ווייבל, וועלכע האָט געהאַט פּרעטענזיעס צו אים וועגן קינדער. אָנקל מאָזעס האָט ליב געקריגן זיין היים און זיין ווייבל, און איז געוואָרן אַ מאָראַלישער מענטש. ער האָט ליב געהאַט די ריינקייט פון זיין שטוב, און נישט געקענט

פאַרשטיין, ווי אזוי האָט ער געקענט אמאָל אַנדערש לעבן. ווען ער דערמאָנט זיך זיין אַמאָליגעס לעבן, שאָקלט ער זיך אָפּ דערפון און האַלט עס פאַר אַ שלעכטן חלום. אַנקל מאָזעס האָט געפּרעדיגט מאָראַל צווישן זיינע מענטשן, זיינע לאַנדסלייט. מיט דער צייט איז ער געוואָרן אַ שופט און אַ פּאַטריאַרך צווישן זיינע לאַנדסלייט. די לאַנדסלייט האָבן אים פאַרטרויט זאַכן וועגן זייער אינטימען לעבן, און געפרעגט אים עצות. אַנקל מאָזעס איז אויפגעבראַכט געוואָרן איבער געשעענישן, געגרופן דעם שול-דיגן און מוסר געזאָגט. שלום געמאַכט צווישן מאַן און ווייב, און אָנגעזאָגט, אַז אַזעלכעס זאָל מער נישט געשען. נישט אַלע מאָל אָבער האָט ער געקענט קוקן דעם ווייבל, וועלכן ער האָט מוסר געזאָגט, — אין די אויגן אַריין...

אַנקל מאָזעס איז פרי אהיימגעקומען פון די ביזנעס. ער האָט נישט געקענט איינזיצן אין געשעפט, זייט מאַשע איז אַריין אין די הויכע חדשים. אַהיימגעקומען, האָט ער געטראָפן אהרנען מיט ראָזען, וועלכע זענען דורך דער צייט פון מאשעס טראָגן געוואָרן גאַנצע באַלעבאַטים אין שטוב.

עס איז געווען אַ וואונדער, ווי דעם דערשלאָגענעם יידנס באַציונגען צום אַלמעכטיגן אָנקל האָבן זיך געענדערט, זייט זיין טאָכטער האָט פאַר אים חתונה געהאַט. נישט נאָר האָט דער אַמאָליגער „מענטש" פאַרלוירן די אימה און רעספּעקט פאַרן באַלעבאָס, נאָר אהרן האָט זיך באַלד געהאַלטן מער באַלעבאָס אין שטוב ביים אָנקל, ווי דער אָנקל אַליין. און פון ראָזען איז דאָך אָפּגערעדט. זייט איר מאַשעלע האָט חתונה געהאַט פאַרן אָנקל, און זייט איר מאַשעלע איז נאָך געקומען אין אנדערע „אומשטענדן", איז נישט בלויז זי האָט זיך געהאלטן די באַ-לעבאָסטע פון שטוב, נאָר זי האָט זיך אָנגעהויבן צו מישן אין די ביזנעס, און איז געוואָרן אַ זייער אָנגעזעענע קראַפט אין דעם דיפּלאָמאַטישן קאָרפּוס פון אָנקל מאָזעסעס ביזנעס. נאָך האָט אַנקל מאָזעס נישט קיין צייט געהאט זיך אַוועקצוזעצן און

אויספּרעגן זיך אויף מאַשען, איז ראָזע שוין צוגעטראָטן צו איר באַליבטער טעמע, מיט וועלכער זי האָט אַרומגעפּלאָגט דעם אָנקל די לעצטע צייט:

— איז ווידער דאָ געווען דער שנאָרער, דער גאַליציאַ־נער אכבראָש. ער האָט זיך געפרעגט אויף דיר, מאָזעס, איך פאַרשטיי נישט, פאַרוואָס קומט אים דאָס, אַז ער זאָל זיין דער אינקאַסענט? וואָס, חתונה געהאט מיט אים האָסטו? צי האָסטו מיט אים אַ שידוך געטאָן, וואָס דו מוזט זיך האלטן מיט אים

— שוויגער, לאָזט מיך אָפּ. וואָס מאַכט מאַשעלע? האָט זי עפּעס געגעסן? איז דאָ געווען דר. גאָלדשטיין? איך וויל, ער זאָל יעדן טאָג אַריינקומען, איר הערט, שוויגער, יעדן טאָג.

— שווער — רופט ער צו אהרנען — גיט אים אַ קלונג אָן, דעם דאָקטאָר.

— וואָס דאַרף מען דעם דאָקטאָר דאָ? זיי נישט משוגע, מאָזעס, מאַשע איז אָלל־רייט, מאַטער זי נישט מיט דאָקטוירים. דר. גאָלדשטיין וועט שוין קומען, ווען מען וועט אים באַדאַרפן.

— ניין, איך וויל יעדן טאָג זאָל ער קומען — האָט דער אָנקל געזאָגט מער פאַר זיך, און איז אויף די שפּיץ נעגל אַרויפגעגאַנגען אויף די טרעפּ, וואו דאָס שלאָפצימער איז געווען.

נאָר באַלד איז ער געבליבן שטיין פאַר די טרעפּ מיט אַ פריידיגער מינע, און געקוואָלן פאַר שרעק און פרייד:

— פּאַמעלעך, מאַשע, איך בעט דיך, לויף נישט — האָט דער אָנקל געזאָגט אומרואיג און נישט ווילנדיג פאַרשפּרייט די הענט —· ווי ער וואָלט געוואָלט גרייט זיין אויף יעדע סיבה.

פון די טרעפּ אַראָפּ איז אַראָפּגעקומען מאַשע· זי איז נישט געווען פאַרזיכטיג, ווי דער אָנקל האָט געוואָלט. זי האָט נישט געענטפערט אויף זיין פרעגנדיגן בליק. זי האָט אים נישט אָנגעקוקט — זי איז ווייטער געגאַנגען, און איז אַריין צו אירע עלטערן אין עס־צימער.

אָנקל מאָזעס איז איר נאָכגעגאַנגען און געשלונגען פאַר זיך די ווערטער:

— מאַשע לעבן, ווי פילסטו זיך היינט? איך האָב געהייסן רופן דעם דר. גאָלדשטיין.

— מען באַדאַרף נישט דעם דאָקטאָר. טאַטע, זעץ דיך אוועק.

— מאַשע לעבן, וואָס אַרט עס דיך?

— איך בעט דיך, פייניג מיך נישט — און זי האָט אָנגעקוקט איר מאַן — זעץ דיך אוועק — און דער אָנקל האָט זיך אוועקגעזעצט.

מאַשע האָט זיך אויך געענדערט דורך דער צייט פון איר חתונה. עס איז געווען, ווי דער אָנקל האָט אויסגעזויגן פון איר די מיידלשע צערטלעכקייט און איינגעהויכט אין איר פון זיין מענלעכער ברוטאַליטעט, און דאָס האָט מען אָנגעזען אין ביידנס געזיכט. איז דעם אָנקלס פנים באַשטראַלט געוואָרן מיט אַ מענטשלעכער אומבאַהאָלפנקייט, איז פון מאַשעס געזיכט דורך דער צייט פון איר חתונה אויסגעלאָשן געוואָרן איר מיידלשע צערטלעכקייט. זי איז שטאַרקער געוואָרן און פולער, ווי אַ רייפע שטאַרקע פרוכט, לאָמש אירע אויגן האָבן אויסגעדריקט אַ בליק פון שרעק, ווי זי וואָלט פאַר עפּעס מורא געהאַט, וואָס שאַפט זיך אין איר — נאָר איר פנים האָט אויסגעדריקט די גרייטקייט זיך צו באַשיצן. איר הויכע שטאַרקע פיגור און איר בליק האָבן אויסגעדריקט הערשאַפט.

און דאָס טראָגן האָט נאָך מער צוגעגעבן און פאַרשטאַרקט דעם איינדרוק פון איר געביטערישער הערשאַפט, וואָס זי האָט פאַרשפּרייט אַרום זיך, ווי אַ טראָגנדע הערשנדע מאַמע — וואָס ווייסט, אַז זי ברענגט לעבנס אויף דער וועלט.

אָנקל מאָזעס האָט געהאַט צו איר אַן אַפּשיי און אַ דרך־ארץ, ווי מען האָט צו עפּעס אומפאַרשטענדלעכעס, רעליגיעזעס, מיסטעריעזעס. נישט בלויז האָט אים פאַרומגעזוממען עפּעס אַן אומפאַרשטענדלעך צערטלעך געפיל צו זיין אייגן בלוט און פלייש, צו זיין צווייטן איך, וואָס ליגט אין די טיפע פאַרבאָרגענישן ביי דעם מיידל — און זי האַלט עס אין זיך און שענקט דעם לעבן, נאָר אַ רעליגיעז מיסטישע אימה פאַר דעם, וואָס טוט

זיך מיט מאַשען איצט, פאַר דעם אומפאַרשטענדלעכן און אומ־באוואוסטן, וואָס וועבט זיך אין איר, וואָס גאָט טוט מיט איר דאָס וואונדער און באַשאַפט דורך איר אַ לעבן...

דאָס האָט אים שוואַך געמאַכט און אונטערטעניג געמאַכט צו אירע פיס. דאָס און נאָך עפּעס.

אָנקל מאָזעס האָט געהאַט אַ גרויס בענקשאַפט נאָך ריינ־קייט, זייט ער האָט חתונה געהאַט פאַר מאַשען. פונקט אזוי ווי ער וואָלט זיך אָפּגעוואַשן פון אַלע מיאוסע געפילן, וואָס איז ביי אים איבערגעבליבן פון זיין פריערדיג לעבן. און מאַשע, די יונגע אומשולדיגע מאַשע, וועלכע ער האָט דערצויגן ביי זיך און מיט איר חתונה געהאַט, מאַשע איז געווען ביי אים דער סימבאָל פון ריינקייט. ביי איר האָט ער זיך געריי־ניגט פון זיין גאַנצן מיאוסן און זינדיגן לעבן. נישט נאָר זי אליין, איר צימער, אין וועלכן זי האָט געוואוינט, די זאַכן, וואָס זי האָט באַרירט, די קליידער, וואָס זי האָט געטראָגן, — האָבן אין אים געוועקט אַ געפיל פון ריינקייט. די באַרירונג מיט ריינקייט האָט אים אָנגעשטעקט, און ער איז געטריבן געוואָרן צו זויבערקייט — און געבענקט נאָך איר. און דאָס האָט אים אונטערטעניג געמאַכט, שוואַך געמאַכט און מענטשלעך גע־מאַכט...

נאָר מאַשע האָט זיך אויך צו עפּעס אָנגערירט — און די פאָלגן זענען געווען גאַנץ אַנדערע...

2.

מאַשעס מעטאַמאָרפאָזע.

יעדע באַרירונג און מיט געוואַלט געבראַכטע צערטלעכ־קייט האָט צוערשט אַרויסגערופן ביי איר עקל און דערנאָך גלייכגילטיקייט.

זי האָט געטאָן, וואָס מען האָט פאַרלאַנגט פון איר, ווייל עס האָט זיך איר געדאַכט, אַז ווייַ זי איז געגאַנגען צום אָנקל

און באַשטאַנען חתונה צו האָבן מיט אים איז זי איינגעגאַנגען אויף אַלעס. און זי האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ קרבן. איז אין אָנהויב פון איר חתונה געלעגן אַ שטילע ליידנדע שיין אויף איר — די שיין פון אַ קרבן, וואָס האָט זי איידל און שיין געמאַכט. האָט דער אַנקל איינציגוויז די הייליגע שיין אויף איר פאַרשוועכט, אויסגעלאָשן.

ער האָט אויפגעוועקט אין איר אַ רייץ, אָבער דר. גאָלד־שטיינס עלעקטרישע מאַשינען, וועלכע האָבן געוואַרעמט און אויפגעפרישט אַנקל מאָזעס' איינגעשלאָפן בלוט — (וואָס דער אַנקל האָט גענומען אין געהיים) — זענען נישט בכוח געווען יונג צו מאַכן דעם אַנקל. האָט ער געוועקט זי פון איר מיידלשן חלום און איז נישט אימשטאַנד געווען צו שאַפן פאַר איר אַן אַנדערן, אַ וואָרן חלום... זי איז געווען ווי אַ געבעטענע כלה צו דער חתונה — און קיין חתן איז נישט געווען... ווי אַ יונ־גער פרישער שפּראָצלינג, איבער וועלכן מען פאַרדעקט אַ גלע־זערנע באַנע, מען פיטערט די ערד פון שפּראָצלינג, מען וואַ־רעמט די וואָרצלען, אָבער די צווייגן איינגעצוימט אין אַ גלאָז...

מיט יעדער באַרירונג אירער, מיט יעדער צערטלעכקייט, האָט זי אים איידעלער און שענער געמאַכט, האָט זי אין אים איינ־געפלאַנצט נייע בענקעניש צום לעבן, און זי אַליין איז העס־לעכער און גראָבער געוואָרן. ווי אַ פרעה אַ נאַקעטער, וואָס באָדט זיך ביינאַכט אין קינדער־בלוט, האָט זיך דער אַנקל ביי־טאָג אַרומגעדרייט אַ גוטער, אַ שיינענדער און אַ שמייכלענדער, בעסער צו גאָט און צו לייט. זיין האַרץ, גענערט מיט קינדער־בלוט, וואָס ער האָט געטרונקען ביינאַכט, איז ווייכער געוואָרן, פילנדער און מענטשלעכער... אַזוי האָט מאַשע געקאָרמעט יעדע נאַכט מיט איר מיידלשער אומשולד און איידעלער יונגקייט טראָפּנ־וויז אַ פרעמדן אַלטן פאַרדאַרטן דאָרן. דער דאָרן האָט אָנגע־הויבן צו בליען, און אַליין איז זי געוואָרן פאַרטריקנט...

די ערשטע צייט האָט זי זיך געשעמט. זי האָט געמיינט, אַז אַלע ווייסן, אַז אַלע זעען אירע מיידלשע פאַרבאָרגעניש, וואָס דער אַנקל האָט אַנטפּלעקט, און עס ליגט נאַקעט אָפן פאַר דער

גאַנצער וועלט — האָט זי זיך באַהאַלטן אויף גאַנצע טעג אין שטוב, אָפּגעשלאָסן זיך פון מענטשן, געשעמט זיך צו קוקן אין שפּיגל אַריין, איר אייגן פּנים צו זען, איר אייגענע שוועסטער צו זען.

דערנאָך האָט זי אַרומגענומען אַ בענקעניש נאָך אירע מיידלשע יאָרן. זי האָט זיך ליב געהאַט אָנצוטאָן ווי אַ מיידל, אַזוי ווי ווען זי איז נאָך געווען אין שול, און דערמאָנען זיך יעדע קלייניקייט, וואָס עס האָט פּאַסירט מיט איר, ווען זי איז נאָך געווען אַ מיידל. די געשפּרעכן מיט אירע חברטעס, דאָס שפּילן זיך מיט טשאַרלין, און דאָס אויסלאַכן אים — יעדע קלייניקייט האָט אַרויסגערופן ביי איר אַזויפיל אָנגענעמע ערי־נערונגען. זי פלעגט זיך איינשליסן אויף גאַנצע טעג, אַרויסנע־מען אירע שול־ביכער און שול־העפטן, וועלכע זי האָט באַהאַלטן אַלס אָנדענקען, אַלטע בריוו, וואָס זי האָט אַמאָל געקריגן פון חברטעס, געבורטס־טאָג־געשאַנקען, אָנדענקען און אַנדערע אומ־שולדיגע שפּילערייען, און דערמיט אויסגעפילט אירע פּוסטע בענקנדיגע טעג.

אָפטמאָל האָט זי געקלערט וועגן טשאַרלין, און פּרובירט זיך פאָרשטעלן אין איר פאַנטאַזיע, וואָס עס וואָלט געווען, ווען זי וואָלט נישט חתונה געהאַט מיטן אָנקל. אַ גאַנץ אַנ־דער לעבן. זי האָט זיך געזען אַלס אַרבעטער־מיידל. זי איז אַ סטענאָגראַפערין און אַרבעט אַכט שעה אַ טאָג אין אַן אָפיס און העלפט טשאַרלין, ער זאָל קענען ענדיגן „קאָלעדזש״. און יעדן פאַרנאַכט וואַרט ער זי אָפּ פאַרן אָפיס, און זיי גייען ביידע עסן אין אַ ביליגן „לאָנטש־רום״, גייען צוזאַמען אויף אַ פאָרשטעלונג אָדער אויף אַ פאָרלעזונג, אָדער צוזאַמען אין ביבליאָטעק אַריין. אָפטמאָל, ווען זי וויל זיך עפּעס קויפן, טרעפן זיי זיך שבת נאָכמיטאָג פאַר דער טיר פון אַ גרויסן מאַגאַזין. זי האָט אָפּגענומען דעם קאָנווערט מיטן געהאַלט, קלייבן זיי אויס אַ קאָסטיום פאַר איר, טשאַרלי מוז זאָגן, אויב עס געפעלט אים, און זי טוט גלייך דעם קאָסטיום אָן, און

טשאַרלי דעם נייעם קראַוואַט און זיי גייען צוזאַמען אויף אַ „מאַטינע"...

דערנאָך איז איר דאָס לעבן לאַנגווייליג געוואָרן. ביי־טאָג, ווען דער אָנקל איז נישט געווען, האָט זי געקענט אויס־פּיין אירע טעג מיט חלומות — אין די אָוונטן איז איר לאַנג־ווייליג געווען. עס האָבן איר דערעסן די פּאָרצעלייענע הינט און קעץ און דאָס נאַרישע געשליפענע גלאָז, וואָס האָט גע־פינקלט פון אַלע ווינקלען און וואָס איז שטום געווען. האָט גאָרנישט געקענט זאָגן, און איז אַלע טאָג ענלעך געווען, און קיינמאָל זיך נישט געענדערט. אַלע אָוונט די זעלבע צימערן, די זעלבע לאָמפּן און דער זעלבער „אָנקל", דאָס זעלבע שמייכלען מיטן זעלבן „מאַשאַ דיער, דאַרלינג". די לאַנגוויי־ליקייט מיט דעם אַלטן אָנקל איז געווען נישט צו דערטראָגן. זי האָט געקריגן קאָפּ־שמערצן יעדן אָוונט פאַר לאַנגווייליי־קייט, ווי מען קריגט פון אַ שלעכטן ריח... יעדן אָוונט דאָס זעלבע: דאָס נאַרישע עסן, צו וואָס און צו ווען — טיילמאָל קינאָ, אָפּטמאָל די זעלבע אָן פרייד און אָן לוסט טאַטע־מאַמע, וואָס פּייניגן זי מיט איבערטריבענער גוטסקייט און אונטערטע־ניקייט. די מאַמע טרייבט פּאָליטיק וועגן די אָנגעשטעלטע אין געשעפט און וועגן די לאַנדסלייט אין דער משפּחה, און דער אָנקל זאָגט גראָבע וויצן מיטן טאַטן. און דאַן די פּאַר־שעמטע און שמאַכטנדע נעכט, פאַרשעמט דורך מיט רפואות געטריבענעם רייץ און באַליידיגט דורך אָן כּוחותדיגע תאווה — ווי זי איז געוואָרן דערוואַרעמט מיט די אָן-ביינערדיגע שטראַלן פון אַ פראָסט שטיק גלאָז, און זי איז געווען ווי אַ יונגער שטאַרקער אָקס, וואָס ווערט געפיטערט מיט פּאַפּירענעם גראָז...

אָפּטמאָל איז אַריינגעקומען אין די אָוונטן סעם. שוין לאַנג האָט ער זי פאַרפאָלגט מיט זיינע שטום־רעדנדיגע בליקן. און אַז דאָס לעבן איז איר געוואָרן לאַנגווייליג, האָט זי זיך אָנגעהויבן צוצוקוקן צו די שטום-שנאָרנדיגע בליקן. דאָס פּנים איז געווען דאָס זעלבע, ווי דעם אָנקלס. נאָר יינגער און קרעפטיגער, די נאָזלעכער האָבן נאָך געציטערט. און די אונ־

טערשטע ליפּ האָט געציטערט פאר שטארקייט און פרישקייט. געוועזן איז ער, דער אָנקל — נאָר ייִנגער און ברוטאַלער, און גערעדט א סך און געלאכט אַ סך אין די אָוונטן, און האָט געוויזן זיינע שטאַרקע ווייסע ציין, וואָס האבן אַרויסגעקוקט פון די באַקעטע ליפּן. און האָט זי זיך אָפטמאָל געוואָלט פארגעסן, האט זי זיך פאָרגעשטעלט דעם ייִנגערן און ברוטאַ-לערן אָנקל...

סעם האָט אויסגעפירט דעם קוזין מאַגעסעס עצה: „מאַך דיך צו צו דעם יונגן ווייבל, וואָס דו האָסט נישט געקענט דער-גרייכן ביים אַלטן, וועסטו דערגרייכן דורך איר...” און ווי ער האָט נאָר געהאַט אַ געלעגנהייט, האָט ער איר אַרויסגעוויזן אויפמערקזאַמקייט. צוערשט אויס איבערגערעכנטקייט פאַר די ביזנעס. נאָר אַז ער האט זיך אָנגעהויבן צוצוקוקן צו איר, צו איר שטילקייט און צו איר ליידנדן שווייגן, האָט עס ביי אים עפּעס גערירט. ער האָט זיך פאַרליבט אין איר, און צוליב איר אָפּגעלאָזט דעם שידוך, וואָס ער האָט געטאָן אויך פאַר אַ ביז-נעס=קאַר ערע. דאָס געפיל צו איר האָט אים דיקטירט, ווי זיך צו האַלטן. ער האָט געשוויגן, נישט געוואַגט מיט קיין וואָרט אָדער מיט קיין באַוועגונג צו באַליידיגן זי אָדער געבן אָנצו-הערן פון זיינע געפילן. ער איז אָפטמאָל געוועזן מיט איר אַליין, זי אָפט אַהיימגעפירט פון געשעפט, פאַרבראַכט מיט איר אין די אָוונטן, ווען דער אָנקל איז געווען פאַרנומען מיט זיינע זיצונגען אין פאַרשידענע חברות. ער האָט איר פאַרטרויט זיינע פּלענער און עצות געפרעגט ביי איר וועגן זיין שידוך. דאָס האָט זי נענטער געמאַכט צו אים. און סעם איז איר געוואָרן אַן אמתער, איבערגעגעבענער פריינט. זיין געפיל צו איר איז אַזוי שטאַרק געוואָרן, אַז דער יונג איז גרייט געווען אַלצדינג צו טאָן פאַר איר. ער האָט צוליב איר אָנגעהויבן זיך אַנדערש אויפצופירן, אָנשטענדיגער און שענער. ער האָט זיך פאַר איר געוואָלט אויספיינען און נישט געוואוסט מיט וואָס, האָט ער אָנ-געהויבן צו גיין אין אַ דייטשן טעמפּל דאַוונען, געמיינט, ער וועט דערמיט מאַשען געפעלן. געלערנט זיך ענגליש שרייבן,

און אַפּילו גענומען ביכער צום לערנען. אין זיין קליידן זיך האָט ער זיך אויך געענדערט. און צו איר האָט ער אַרויסגעוויזן אַ שטילע, איבערגעבענע געטריישאַפט, און די געטריישאַפט האָט אים איידעלער און שענער געמאַכט...

3.

ווען אַ מענטש ווערט געבוירן.

אין הויז איז געווען שטיל. די דינסטן זענען געגאַנגען אויף די שפּיץ פינגער, ווי אַ טויטער וואָלט געווען אין שטוב; נאָר פון אַ ווייט-ווייט צימער, וואָס איז געלעגן אין אַ ווינקל פון הויז, האָט זיך געהערט אַ באַוועגונג, אַ פאַרשטיקטע באַוועגונג. אַ טיר האָט זיך אויפגעמאַכט און צוגעמאַכט. אַ כלי האָט געקלימפּערט. אַן ערנסטע באַפעל אין אַ שטילן טאָן, און טריט, טריט אויף די פינגער.

אין זאַל, וועלכער איז געווען זעלטן באַנוצט, און וואו די קאַלטקייט פון אומבאַוואוינטקייט האָט אומהיימלעך געמאַכט, האָט זיך דער אַנקל אַרומגעדרייט, געביסן זיך די נעגל פון אומגעדולדיקייט. און דאָס פּנים איז בלייך געווען און אויסגעמאַטערט פון אַ פּאָר נעכט נישט שלאָפן. זיינע אויגן האָבן געשטראַלט פאַר שרעק און האָפענונג. ער האָט געביסן די פינגער און געמורמלט פאַר זיך:

— טאַטע, מאַמע — גאָט — העלף מיר. — איך וועל אַלץ טאָן, אַלץ, אַלץ, אַלץ — נאָר העלף מיר — לאָז זי נישט פּייניגן, טאַטע — לאָז זי נישט, עס איז דאָך אַ רחמנות — אוי-אוי-אוי!

אין צווייטן צימער האָבן זיך געהערט טריט און עס איז ווער דורכגעלאָפן, דער אַנקל איז אַרויס.

— וואָס הערט מען, שוועגער? — וואָס?

— גאָט העלפט אונז, משה, גאָט העלפט אונז — שווייג. דער דאָקטאָר איז דאָרטן.

— אוי, גאָט, האָב רחמנות! — טאַטע, מאַמע, איינציגער.

אין איין מינוט איז דורכגעגאַנגען זיין לעבן פאַר אים. ער האָט זיך דערמאָנט אַלצדינג, וואָס ער האָט געטאָן, און עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז עס שטייט ווער הינטער אים און לאָזט אים נישט צוקומען צו אַ תּכלית אין לעבן. לאָזט אים נישט ווערן דאָס, וואָס ער וויל. ערשט איצט זעט ער דאָס, ער האָט נישט געוואוסט דערפון.

ער האָט געבענקט נאָך אַ בעסערן לעבן דורך דער גאַנצער צייט, וואָס ער האָט זיך געשטעלט אויף די פיס, נאָר עס האָט ווע׳ נישט צוגעלאָזט דאָס לעבן, און איצט, אַז ער האָט עס שוין געפונען, אַז ער איז שוין אין דעם נייעם לעבן — און עס באַדאַרף קומען דאָס, וואָס ער האָט אַזוי געהאָפט דערויף, אַז עס וועט קומען — אַ קינד פון אים; זיין אייגן קינד פון ריינקייט, מיט וועלכן ער וועט זיך נישט דאַרפן באַהאַלטן; זיין אייגענער איך — אַ נייער און אַ יונגער — זיין אייגענער איך וועט נאָך אַמאָל געבוירן ווערן, וואָס וועט געבן אַ טעם און אַן אינהאַלט צו זיין גאַנצן לעבן; איצט, אַז עס קומט די מינוט, האָט ער מורא, אַז עמיצער וועט נישט לאָזן -- עס וועט געשען אַן אומגליק.

— ניין, טאַטע אין הימל — וועסט מיר מוחל זיין — איך וועל אַלץ טאָן. גאַנץ אַנדערש, גאַנץ אַנדערש לעבן — לאָז מיך, טאַטע אין הימל, לאָז מיך — העלף מיר, העלף מיר!

מיט יעדער שעה, וואָס עס האָט לענגער געדויערט מאַטערן, איז אים אַלץ קלערער געוואָרן, וואָס מאַשע און דאָס ניי־געבוירענע באַדייטן פאַר אים. ער האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז נישט אַ פרעמד לעבן, נאָר זיין אייגן לעבן ווערט דאָרט אונטער די פאַרמאַכטע טירן געבוירן אָדער געטויט. זיין ווייט לעבן אין דער פאַרגאַנגנהייט און זיין ווייט, ווייט לעבן אין דער צוקונפט — אַלץ וואָס קומט נאָך אים, ליגט אין מאַשעס שויס — און דאָרט ווערט עס איצט באַשאַפן אָדער געטויט. מיט יעדער שעה, וואָס האָט לענגער געדויערט, אַלץ געלויטערטער איז ער געוואָרן, דער שווערער אָנקל, געטריי

פון זיין זינדיג לעבן, און געאיידלט אין בענקשאַפט נאָך ריינ-קייט. אין מאָשעס קרעכצן האָט ער געהערט די שטים פון זיין אייגענער נשמה, וואָס לויטערט זיך איצט אין פיין. עס זענען זיס געווען די ווייטאָגן, די קרעכצן, וואָס האָבן אים געשמיסן. ער האָט זיך דערמאָנט זיינע קינדער־יאָרן. זיין מאַמעס אויסגע-מאַטערט געזיכט האָט ער געזען פאַר זיך שבת פאַרנאַכט. אַלצ-דינג אַרום אים איז געווען ווי אַמאָל שבת פאַרנאַכט. ניין, ווי ערב יום-כפור, אמאָל, אַמאָל — אין דער אַלטער היים, ווען ער איז נאָך אַ קינד געווען, ער געדענקט עס נאָך — די גרויסע יאָר־צייט ליכט אין אַ מעשענעם ראָנדעל אין זאַמד שטייען אויפן וויס געדעקטן טיש, און די מאַמע אין אַ ווייסן הויב בענטשט ליכט און וויינט — און ער אין אַ ניי-ער קאַפּאָטע, וואָס די מאַמע האָט אים געלאָזט מאַכן — שטייט אין אַ ווינקל פון שטוב מיטן גרויסן מחזור אין האַנט — און שעמט זיך פאַר דער מאַמעס ווייסן הויב און פאַר דער מאַ־מעס טרערן — ער האָט היינט מערן געריסן אויפן פעלד, און עפּל געגנבעט — ערב יום־כפור עפּל געגנבעט פון אַ שטעל אַראָפּ, און די מאמע בענטשט די גרויסע יום-כפור ליכט.

דאָס זעלבע געפיל האָט ער אויך איצט געהאַט — מאָ-שעס ריינקייט, אירע קרעכצן און פיין — און ער — ער האָט עפּל געגנבעט...

נאָר טריט הערן זיך, אַ רעש הינטער דער טיר — ער כאַפּט זיך אויף — לויפט ארויס — דאָקטאָר גאָלדשטיין אין ווייסן פאַרטוך מיט אויפגעשאַרטע אַרבל פאָרויס, די שוויגער הינטער אים.

— מזל טוב, משה! — מזל טוב — אַ ייגגל, אַ ייגגל!

— דאָקטאָר, יאָ? דאָקטאָר...

— יעס, יעס — מר. מעלניק — מזל טוב! אַלץ איז אָלל-רייט. זי איז אָלל-רייט.

— דאָקטאָר, טייערער — און שפּרינגט ווי אַ ייגגל אי-בער די טרעפּ.

— איין מינוט, מר. מעלניק, לאָזט זי אַליין — מירן באַלד אַריינלאָזן.

— דאָקטאָר, טייערער! — איך װעל עס אייך קיינמאָל בישט פאַרגעסן — קיינמאָל נישט — און װאָס מאַכט זי, און דאָס?...

— זי איז אָלל־רייט, און בייבי איז אָלל־רייט, װאָס האָב איך אייך געזאָגט, מר. מעלניק, איר געדענקט? — האָט דער דאָקטאָר אים געקוקט אין די אויגן אַריין מיט אַ פרעך געלעכטערל.

— איך גיי טאָן פאַר אייך עפּעס אַ זאַך, אַז די גאַנצע שטאָט װעט מיט אייך קלינגען — איר װעט זען, דאָקטאָר.

— אָלל־רייט, מר. מעלניק! — מירן זען.

נאָר דער אָנקל האָט אים שוין נישט געהערט. ער איז דורכגעלאָפן דעם זאַל. אין עס־צימער איז אים געפאַלן אויפן האַלז אהרן מעלניק מיט געװיין און קושן. אַ האַלב טוץ מו־מעס, פעטערס, משפחה און לאַנדסלייט האָבן אים אַרומגערינגלט מיט פרייד און געשריען: מזל טוב! מזל טוב, אַ ייִנגל — ער האָט זיך קוים אַרויסגעריסן פון זיי און איז אַרויף מיט לייכטע, איינגעהאַלטענע טריט צו די שלאָפצימערס. הינטער מאַשעס טיר האָט ער געפונען סעמען. דער יונג איז גע־שטאַנען הינטער דער טיר — אַ בלייכער, און די טרערן זע־נען אים גערונען איבערן פּנים.

— סעם, דאָס ביסטו סעם, מיין זון, איך בין גליקלעך, דיין אָנקל איז גליקלעך.

סעם האָט אים נישט געענטפערט, סעם האָט אים נישט אָנגעקוקט. ער איז אַלץ געשטאַנען אויף איין אָרט, געציטערט. די נאָזלעכער האָבן שאַרף געשלונגען די לופט. די ליפּן פאַר־ביסן ביז — און די טרערן זענען געראָנען איבער די באַקן.

דער אָנקל האָט לייכט אָנגענומען ביי דער קליאַמקע פון דער טיר און געװאָלט זי עפענען. די טיר איז אָבער געװען פאַרשלאָסן.

— גיי נישט אַריין, אָנקל, גיי נישט, זי איז מיד, זי שלאָפט, אָנקל, זי שלאָפט — האָט אים סעם צוריקגעהאַלטן.

— סעם, מיין טייערער — איך בין גליקלעך, איך בין דער גליקלעכסטער מענטש אין דער וועלט. איך גיי אַלעמען גליקלעך מאַכן. סעם, איך ווייס, וואָס דו ביסט פאַר מיר, איך וועל דיך מאַכן פאַר מיין שותף, סעם — איך ליב דיך ווי אַ פאָטער. און ער איז אים געפאַלן אויפן האַלז און געקושט אים.

די טיר האָט זיך שטיל געעפנט, און די שוויגער איז אַרויסגעקומען.

— שוויגער, וואָס מאַכט זי ?

— ש־ש — זי שלאָפט, זי איז מיד.

— איך וויל עס זען, איין אויגנבליק נאָר...

די מוטער האָט פאַמעלעך אויפגעעפנט די טיר, און דער אָנקל איז אַריין אויף די שפּיץ פינגער.

ער איז געבליבן שטיין ביי דער טיר. פון בעט האָט מאַשע אַרויסגעשיינט אַ בלייכע און אַ מידע, דער אָנקל האָט געקוקט אויף איר און נישט געוואַגט צו איר צוגיין, ווי דאָרט וואָלט געלעגן זיין הייליגטום. מאַשע האָט אים נישט אָנגע־קוקט, אירע אויגן זענען שטאַר געווען און שטום און געקוקט אויף איין אָרט. דער אָנקל האָט געציטערט און איז געגאַנגען מיט פאַמעלעכדיגע טריט — נענטער צו צום בעט — אַראָפּגע־בויגן זיך און געקושט די זיידענע קאָלדרע, מיט וועלכער מאַ־שע איז געווען צוגעדעקט:

— מאַשע — מיין, מיין — מיין מאַמע — אויף מאַי עס בלייכע באַקן האָט אַרויסגעשלאָגן אַ רויטלעכקייט, ווי זי וואָלט אַ קליין קינד געווען און זי וואָלט זיך פאַרשעמט.

נעבן מאַשעס בעט איז שוין געשטאַנען דער נייער קינ־דער־וואָגן, די מוטער האָט אויפגעדעקט דאָס זיידענע געדעקס, און דער אָנקל האָט דערזען עפּעס רויטעס, צעהיצטעס און אומ־פאָרמדיגעס. ער האָט זיך אַראָפּגעוואָרפן אויף דער ערד, איינ־

געגראָבן זיין פּנים אין דעם נייעם געפּוירעגעם געלעגער און געוויינט.

סעם, וועלכער איז געשטאַנען ביי דער אָפענער טיר, איז דערנאָך צוגעגאַנגען מיט שטילע טריט און געשטעלט זיך איבער דעם אַנקלס קאָפּ און אויך אַריינגעקוקט אין וויגעלע אַריין...

מאַשע האָט געצויגן די זיידענע דעק איבער איר קאָפּ און פאַרשטעלט זיך דאָס פּנים...

4.

ווען אַ מוטער טוט איר דינסט.

עס איז געווען אַ שיינער זומער-טאָג. דאָס גרויסע שלאָף צימער אין אַנקל מאָזעס' וואוינונג איז געווען באַגאָסן מיט צוע בערס ליכט, וועלכע האָבן אריינגעדרונגען פון די צוויי גרויסע פענסטער, וואָס זענען אַרויסגעגאַנגען אין א ברייטע גאַס אריין. מאַשע, אַ יונגע און שטאַרקע מאמע, האָט געבאָדן איר נאַקעט פינף־מאָנאַטדיג קינד אין אַ בעקן מיט לעבלעך וואַסער. דאָס קינד איז געווען געהילט אין וויס־באַטיסטענע ליילעכלעך. אַז עס זאָל זיך נישט פאַרקילן. דאָס קינד האָט באַוואויגן דאָס וואַסער מיט זיינע שווערפעלטיגע באַוועגונגען און עס האָט געשריגן, פאַרקנייטשנדיג די אויגן ווי אַן אַלטער ייד. מאַשע האָט זיך געפרייט און געשפּילט זיך מיטן קינד, וואַשנדיג עס און גיסנ־דיג וואַסער אויף דעם קינדס קערפּערל. ארום איז געווען אָנ־געוואָרפן וויסע וועש, ליילעכער, האַנטיכער, און אלצדינג אין שטוב האָט געשמעקט מיט ריינקייט און מיט מוטערלעכקייט. זי האָט דאָס קינד אַרויסגענומען פון שיסל, פלינק עס אייגעהילט אין געמאַנגלטע פרישע ליילעכלעך און עס געטוליעט צו איר האַרץ, איינגעשטילט דאָס קינד, וועלכעס האָט נישט אויפגעהערט צו פאַרטומלען די שטוב מיט זיין שאַרף־שניידנדיגן קוויטשען. מאַשע האָט געלאַכט און געפרייט זיך, ווייל זי האָט געוואוסט,

פאַרוואָס דאָס קינד שרייט, און שפּילנדיג זיך מיטן קינד, האָט זי צו אים געלאַכט:

— דו פרעסער איינער, איך ווייס וואָס דו ווילסט, איך ווייס.

זי האָט פלינק באַפרייט איר יונגע קערנדיגע ברוסט פון איר קאָפטענדל, אָבער זי האָט נישט באַלד אַריינגעגעבן איר ברוסט אין דעם זוכנדיגן קינדישן מייל, נאָר האָט זיך גע־רייצט מיטן קינד, ווי איין קינד מיטן אַנדערן, אָנגענומען איר ברוסט מיט צוויי פינגער און אַרויסגעשפריצט אַ פּאָר טראָפּן מילך פון די ברוסט-וואָרצלען אויפן קינדס מיילעכל, האָט דאָס קינד עס אָפּגעלעקט און ווייטער געשריגן.

— דו פרעסער איינער — האָט מאַשע געלאַכט, ווען זי האָט געזען, ווי דאָס קינד שטרעקט אויס זיין מיילעכל נאָך די טראָפּנס און זוכט, ווי אַ שטום חיהלע, די קוואַלן, דורך וועלכע גאָט שיקט אים זיין דערנערונג.

אַ מינוט האָט זי געלאָזט דאָס קינד זוכן. נאָכשפּירנדיג נאָך דעם געשמאַק פון דער מילך, האָט דאָס קינד געפונען דעם קוואַל און איינגעבאָרעט זיין פּנימל אין מאַשעס שטאַרקער יונ־גער ברוסט, און געזויגט פון אירע קוואַלן מיט דעם גאַנצן קינ־דערשן כּוח, וואָס איז געווען אין דעם פרישן מאַרך פון זיינע יונגע ביינדעלעך. און איבער דער מוטער איז געקומען אַ דער־לייכטערונג, ווי עס וואָלט זי ווער געקושט אומבאַוואוסט אין שלאָף, און אַ ציטערדיגער ווינט פון קינדיש=מוטערלעכער צערט=לעכקייט איז דורכגעגאַנגען דורך אירע ביינער...

יעדעס מאָל, ווען מאַשע האָט געזויגן דאָס קינד, זענען איר געקומען מאָדנע געדאַנקען אין קאָפּ, און עפּעס אַן אומ=באַוואוסטער ווייטאג האָט זי געגאָגט. אַ ווייטאג און אַ בענק־שאַפט. זי האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז זי האָט נאָכנישט חתונה געהאַט, אַז זי האָט אַ קינד און נישט קיין מאַן... און זי האָט געבענקט נאָך אַ מאַן, וואָס זאָל קומען און זי גלעטן אין דער שטיל איבערן ק״פּ, ווען זי זיצט און שטילט איין איר קינד. און דער מאַן זאָל זיין דער ריכטיגער און איינציגער פאָטער

פון איר קינד. די פאַרבינדונג צווישן איר און איר מאַן זאָל זיין אַ געטרייע און אַ טיפע, ווי ביי יעדן יונגן פּאָר פאָלק — איר קינד זאָל האָבן אַן אמתן פאָטער. און יעדעס מאָל, ווען עס זענען געקומען די געדאַנקען צו איר, האָט אַ טיפער און אַ באַהאַלטענער ווייטאג זי געפּייניגט און פארשעמט זי, און זי האָט זיך געהאַלטן. אַז זי איז אַ פאַרשאָלטענע אויף אייביג. קיינמאָל נישט — וועט זי נישט קענען געבן איר קינד אַ פאָטער...

זי האָט מקנא געווען יעדן יוייבל, וועלכע האָט אַ מאַן. אָפטמאָל האָט זי באַמערקט פאָרנדיג אין דער הויך־באַן שבת אין אָוונט, ווי עס זיצט אַ יונגער טאַטע און האַלט אַ קינד אויף די הענט, און נעבן אים זיין ווייב. זיי פאָרן געוויס צו שווער און שוויגער, האָט זי זיך געטראַכט, און מקנא געווען דעם אויסגעהאָרעוועטן מידן ווייבל איר מאַן. ניין, נישט וואָס זי האָט אַ מאַן, נאָר וואָס זי האָט אַן איינציגן און ריכטיגן פאָטער פאַר איר קינד... און אַ בענקשאַפט האָט זי ארומגענומען צו אַ געטריי און ריין לעבן, וואָס האָט א באשטאַנד, אַ שטאַרקן וואָרצל אונטער זיך.

זי האָט נישט געהאַט קיין מאַן, נאָר אַ קינד, און דעם קינד האָט זי אַוועקגעגעבן איר מוטערלעכע און ווייבלעכע צערטלעכקייט. מיט דעם קינד האָט זי געפילט ווידער צוריק יענע אומבאַוואוסטע זויבערקייט, אין וועלכער זי האָט געלעבט, ווען זי איז געווען אַ מיידל. מיט דעם קינד האָט זי זיך צוריק געפונען.

האָט זי נאָר פאַרבראַכט מיט איר קינד, קיינעם נישט געוואָלט זען, נישט אַרויסגעגאַנגען פון הויז, נישט געלעבט מיט עפּעס אַנדערש, נאָר פאַרבאָרגן זיך אינם שלאָפצימער, ווי אַ כהן אין זיין טעמפּל, און פאַרבראַכט מיטן קינד. זי האָט עס געבאָדן, געוואַשן, איבערגעטאָן, און ביים קינד האָט זי זיך געפילט געראַטעוועט...

די טיר פון שלאָפצימער האָט זיך אין דער שטיל גע־עפנט. מאַשע האָט נישט באַמערקט, ווי דער אָנקל איז אַריינ־געקומען אויף די שפּיץ פינגער. ער האָט פון דערווייטנס גע־זען, ווי מאַשע שטילט איין דאָס קינד, און אַ מינוט האָט ער זיך אָפּגעשטעלט ביי דער טיר, ווי ער וואָלט באַטראַכט זיין הייליגטום. אַ ציטערנדיג געפיל האָט אים אַרומגענומען יעדעס מאָל, ווען ער האָט געזען, ווי מאַשע זויגט דאָס קינד, און ער איז מיט שטילע טריט און איינגעהאַלטענער פרייד צוגעגאַנ־גען צו מאַשען און געגלעט זי איבערן קאָפּ.

מאַשע האָט אויפגעציטערט, ווי עס וואָלט זי ווער אויס־געוועקט פון אַ שווערן שלאָף:

— ווער איז דאָס? — האָט מאַשע אויסגעריסן מיט שרעק.

— דאָס בין איך. וואָס דערשרעקסטו זיך? יעדעס מאָל, ווען איך קום אַריין צום קינד, דערשרעקסטו זיך. אין אַמעריקע זענען נישטאָ קיין גנבים, מיין קינד.

— קום נישט אַריין, ווען איך זויג דאָס קינד, איך בעט דיך, דו דערשרעקסט מיך.

— פאַרוואָס? — שמייכלט דער אָנקל — איך האָב ליב צו זען, ווי דו זויגסט דאָס קינד.

— און איך וויל נישט, אַז דו זאָלסט אַריינקומען. איך בעט דיך, טו עס פאַר מיר.

— אָבער פאַרוואָס? דו ביסט אַ נאַריש מיידל — אַזוי ווי מיין קינד. איר ביידע זענט מיינע צוויי קליינע קינדער — נעמט זי דער אָנקל אַרום מיטן קינד צוזאַמען און טאַנצט פאַר פרייד.

מאַשע איז טרויעריג געוואָרן און שטיל, און שטילע טרערן האָבן פלוצים אָנגעהויבן צו רינען פון אירע אויגן איבער איר געזיכט און זענען געפאַלן אויף איר נאַקעטע ברוסט.

— וואָס איז דיר? פאַרוואָס וויינסטו שטענדיג, אַז איך קום אַריין? וואָס האָב איך דיר געטאָן? פאַרוואָס לאָזטו מיר נישט קיין נחת האָבן פון מיין פרייד, וואָס גאָט האָט מיר

געשאָנקען. איך האָב דאָך קיינמאָל קיין פרייד נישט געהאַט אין מיין גאַנצן לעבן. נאָר איצט, אויף דער עלטער — דיך און מיין קליין, קליין ריין קינד — מיינס — מיין אייגנס. און פאַרוואָס ווייִנסטו? פאַרוואָס פרייסטו זיך נישט מיט מיר — מאַשע לעבן — מיין גרויס, גרויס גליק?

מאַשע האָט אויפגעהויבן אירע אויגן און האָט אים אָנ־געקוקט. אירע אויגן זענען פול געווען מיט טרערן — און דער גרויסער ווייס-אַפּל האָט זיך געוואַסערט — און זי האָט אים אָנגעקוקט מיט רחמנות אויף זיך און אויף אים, און גע־שוויִגן, ווי זי וואָלט געווען אַ שטומע חיה, וואָס גאָט האָט איר נישט דעם לשון געשאָנקען, נאָר זי דריקט אויס אירע געפילן אין בליק.

— פאַרוואָס קוקסטו אויף מיר? פאַרוואָס רעדסטו נישט צו מיר? — זייט דו האָסט געהאַט דאָס קינד, רעדסטו נישט צו מיר — פאַרוואָס, ביסטו דען נישט גליקלעך מיטן קינד? מאַשע טייערע, זאָג מיר.

— יאָ, יאָ, איך בין גליקלעך מיט מיין קינד — קיי־נעמס נישט, נאָר מיין — איך האָב גאָר נישט מער, נאָר דאָס קינד — איך בין גליקלעך — און די טרערן האָבן גערונען פון אירע אויגן אַלץ געדיכטער.

— און פאַרוואָס ווייִנסטו ווידער? — פאַרוואָס ביסטו אַזוי טרויעריג, פאַרוואָס?

— איך ווייס נישט, מאָזעס, פאַרוואָס, איך ווייס נישט — לאָז מיך אַליין — איך בעט דיך, לאָז מיך אַליין מיט מיין קינד — קום נישט אַריין צו מיר, זע מיך נישט — לאָז מיך אַליין.

— אָ, טייערע — איך ווייס, דיין מאַמע האָט רעכט, דיין מאַמע זאָגט, אַז עס איז שטענדיג אַזוי מיט די יונגע מוטערס, ווען זיי זויגן די קינדער. דו ביסט נאָך אַליין אַ קליין קינד, איין קינד זויגט דאָס צווייטע — מיינע צוויי קליינע קינדער — האָט דער אָנקל געלאַכט.

פון עס-צימער האָט זיך פּלוצלונג דערהערט אַ שטימע. מאַשע איז בלייך געוואָרן.

— ווער איז דאָרט?

— סעם איז עס. — יעס, שטעל דיר פאָר, מאַשע, טשאַרלי דיין קוזין איז דאָך דער אַדוואָקאַט פון דער יוניאָן, ביי אים ווילן מיר דאָס באַדאַרפן רעגולירן דעם שטרייק מיט די לאַנדסלייט. דו ווייסט, אונזערע לאַנדסלייט שטרייקן דאָך — שוין די צווייטע וואָך, ווי זיי קומען נישט צו דער אַרבעט — דאָס האָט אַלץ דיין קוזין אָנגעמאַכט. איך האָב דיר שטענדיג געזאָגט, אַז ער איז אַ געפערלעכער מענטש — ער וועט אונז אָנמאַכן אַ סך צרות. — נאַ, זעסטו, דאָס האָט אונז אַן אייגענער, אַ לאַנדסמאַן, אַ משפחה-מאַן אָפּגעטאָן.

— גיי אַראָפּ, איך בעט דיך, גיי אַראָפּ און רעד מיט זיי — לאָז מיך אַליין — האָט זיך מאַשע געבעטן ביים אָנקל און גענומען אַוועקלייגן דאָס איינגעשלאָפענע קינד פון איר ברוסט אין וויגעלע אַריין.

— נאָך איין מינוט. איך וויל נאָר זען אַביסעלע, ווי עס שלאָפט.

— שטיל, וועסט עס נאָך אויפוועקן.

— שוין, שוין — און דער אָנקל איז אַרויס מיט שטי-לע טריט.

מאַשע האָט פאַרשלאָסן די טיר נאָך אים.

נאָר באַלד האָט ווער געקלאַפּט:

— שטיל. ווער איז דאָרט?

— עפן אויף, מאַשע לעבן — רופט זיך אָפּ די מוטער, וואָס פאַרשליסטו זיך? קיינער וועט דיך נישט צוגנבענען.

— נו, וואָס זאָגסטו צו די שנאָרערס, הע, צו דער משפחה. אויסגעהאַלטן דאָס פאַר אונזער פאַרהאָרעוועטן גראָשן. אַז עס האָט געדאַרפט אַ טאָכטער אויסצוגעבן, אַן אויסשטייער צו מאַכן, דאָס ווייב מיט די קינדער אַריבערצוברענגען קיין אַמעריקע — איז עס געקומען צום אָנקל. וואָס, ווען עס האָט באַדאַרפט עפּעס — איז עס געקומען צו אונז. מיר האָבן עס

געשטיצט, מיר האָבן עס אויסגעהאַלטן, און איצט שטרייקן זיי גאָר. נאַ דיר אַמעריקע. און ווער? דעם שנאָרערס זון, טשאַרלי — ער איז גאָר געוואָרן אַ גאַנצער פּאָלקאָווניק ביי דער יוניאָן. האָסט שוין געהערט אַזאַ לכעס?

— מאַמע, וואָס איז געשען?

— האָסט נישט געהערט? די לאַנדסלייט שטרייקן דאָך — זיי קומען נישט צו דער אַרבעט. און טשאַרלי איז זייער אָנפירער.

נאָר אין דעם האָט ווידער ווער דעם קאָפּ אין דער אָפּענער טיר צוריינגעשטעקט. און מאַמע און טאָכטער האָבן דערקענט סעמס בלייכן ענערגישן פּנים מיט זיינע דערשראָקענע בעטנדיגע אויגן.

— מאַמע, פאַרמאַך די טיר — האָט מאַשע אויסגערופן און זי איז בלייך געוואָרן...

— וואוהין קריכן זיי, די שנאָרערס, ווייניג איז זיי דאָס געשעפט, קריכן זיי נאָך אין די שלאָפצימערן. — די מאַמע האָט פאַרקלאַפּט די טיר פאַר סעמס פּנים...

5

דער שטרייק פון די קוזמינער לאַנדסלייט.

עס איז געשען אַ וואונדערלעכע זאַך — די לאַנדסלייט פון קוזמין, אַנקל מאָזעס' משפחה, זענען אַרויס אין שטרייק. צוערשט האָט אַנקל מאָזעס נישט פאַרשטאנען, וואָס איז געשען. געזען, ווי די לאַנדסלייט הויבן זיך אויף אין מיטן טאָג און לייגן אַוועק די נאָדל און פאַרלאָזן דעם שאַפּ, האָט ער געמיינט עפּעס אַן אומגליק איז געשען.

— וואָס איז געשען? וואוהין גייט איר?

די לאַנדסלייט האָבן זיך אַרויסגעגנבעט פון שאַפּ, ווי זיי וואָלטן בגאַנגען אַ גנבה, און געשעמט זיך צו קוקן דעם אָנקל אין די אויגן אַריין. איינציגווייז האָבן זיי זיך אַרויסגע־

שלייכט. האָט דער אָנקל אָפּגעשטעלט שלמה דאָרפס־גייער, אַ גוטן באַקאַנטן פון דער היים:

— שלמה, וואוהין גייסטו?

— איך ווייס נישט. מ'האָט מיר געהייסן, גיי איך.

— וואָס בין איך, אַ פרעמדער? — האָט דער אָנקל געשריגן — ביי מיר שטרייקט מען? פאַר מיין גוטס, וואָס איך האָב אייך אַראָפּגעבראַכט קיין אַמעריקע, האַלט איך אויס מיט ווייב און קינדער. דאָס געשעפט איז דאָך נאָר צוליב אייך—שטרייקט מען ביי מיר! גוט, גוט, איך וועל זיי שוין ווייזן שטרייקן.

די לאַנדסלייט האָבן גאָרנישט געענטפערט, פאַרלאָזט דעם שאַפּ און צעגרויפּגעקליבן זיך אין דער חברה „אנשי קוזמין", טאַקע אין דער שול, פון וועלכער דער אָנקל איז געווען פּרעזידענט.

לאַנג האָט געדויערט, ביז עס איז געלונגען דער יוניאָן פון די שניידער צו אָרגאַניזירן אָנקל מאָזעסעס שאַפּ. אַזוי לאַנג ווי דער אָנקל איז געווען דער „אינעוויינגסטער מענטש", איז עס טאַקע נישט געלונגען. די לאַנדסלייט האָבן דעם אָנקל נישט געקענט מעיז פּנים זיין, זיי האָבן זיך נישט פאַרגעשטעלט, ווי אַזוי זיי וועלן קענען דעם אָנקל שלעכטס טאָן. ער איז דאָך אונזער „פּרנסה־געבער", האָבן זיי אויף אַלע טענות אָפּגעענטפערט. קוים איז סעם געוואָרן זייער באָס (זינט דער אָנקל האָט התונה געהאַט), און סעם האָט זיי געלאָזט פילן זיין האַנט, איז ביסלעכווייז געוואַקסן די אומצופרידנהייט צווישן די לאַנדסלייט מיטן אָנקל. טשאַרלין און נאָך אייניגע פּראָפעסיאָנעלע טוער פון פאַך איז ענדלעך געלונגען אין דער שטיל צו אָרגאַניזירן דעם אָנקלס שאַפּ, אין געהיים פון איין לאַנדסמאַן צום אַנדערן, ביז דער שטרייק איז אויסגעבראָכן, אומגעריכט פאַרן אָנקל און אַלע זיינע באַהעלפערס.

אין אָנפאַנג איז קוזמין געווען זייער ענטוזיאַסטיש צו קעמפן, אז מען האָט געדאַרפט גיין „האַלטן וואַך" פאַרן אָנקלס שאַפּ, האָבן זיך אַלע געריסן. אויסגעקליבן אָבער האָט מען שלמהלע פורמאַן, יאַסל דאָרפס־גייער, יידן סעדער־האַלטער און

פישערס, יידן, וועלכע קענען געבן צוריק א קלאפ, ווען מען וועט דארפן. זיי האבן געגומען ברויט און אפגעזאדענע קאר־טאפליעס אין די קעשענעס און האבן זיך אוועקגעשטעלט א זייגער זעקס אין דער פרי פארן אנקלס שאפ. געשטאנען און געהיט.

טיילמאל איז דער אנקל ארויס צו זיי און פרובירט מיט זיי רעדן:

— וואס וועט זיין דער סוף פון שטיין?

— מיר ווייסן נישט, געהייסן שטיין, שטייען מיר — האבן די יידן אפגעענטפערט.

— אבער וואס ווילט איר? לאזט מיך הערן, וואס איר ווילט.

— מיר ווייסן גארנישט, טשארלי — אלץ טשארלי... מיר זענען פראסטע סאלדאטן, געהייסן שטיין, שטייען מיר — האבן די יידן אפגעענטפערט מיט א זעלנערישן טאן.

— וואס, טשארלי האט אייך געבראכט קיין אמעריקע? טשארלי האט אייך געגעבן ארבעט? פרנסה געגעבן? א גאנץ יאר גייט איר אויך צו טשארלין?

— אזוי געהייסן.

— וואס שטייט דער אנקל און טענהט זיך אויס מיט זיי? מיט וועמען איז דא צו רעדן? אנקל, אריין! — האט סעם אים געצויגן ביים ארבל מיט חוצפה, וואס ער האט גע־קראגן צום אנקל, זינט מאשע האט געבוירן דאס קינד.

— לאז מיך, איך וויל מיך מיט זיי דורכרעדן.

— אנקל — האט סעם געשריגן — איך וויל, אז דער אנקל זאל אריין. מען דארף נישט רעדן מיט זיי, אויס משפחה, אויס לאנדסמאן. איך לאז נישט מער קיין משפחה איבער דער שוועל ארויף.

— אלעס צו טשארלין. מיר ווייסן גארנישט—האבן די לאנדסלייט אפגעענטפערט.

און טשארלי איז געווען דער גאט. טשארלי איז געקו־מען יעדן אוונט אין חברה „אנשי קוזמין" און גערעדט צו די

לאַנדסלייט ; טשאַרלי האָט געבראַכט אַנדערע רעדנער ; טשאַרלי איז אַרומגעלאָפן צו די צייטונגען ; טשאַרלי האָט פון ער־געץ-וואו געלט געקראָגן ; טשאַרלי איז געווען דער צווייטער משה, וואָס איז געקומען אויסלייזן די לאַנדסלייט פון אָנקל מאָזעס, פּרעה מלך מצרים.

אין דער חברה „שלחן־ערוך אנשי קוזמין" זענען געווען פאַרזאַמלט די שטרייקנדיגע לאַנדסלייט. קוזמין האָט גערוט, און עס האָט אויסגעזען, ווי חול-המועד אין דער היים. נישט קיין שבת, נישט קיין יום־טוב — ס'איז אינדערוואָכנס, און מען אַרבעט נישט. און צו דעם איז קוזמין אַזוי נישט געווען צו־געוואוינט. שוין אכט טעג, ווי דער שטרייק האַלט אָן. דער ערשטער ענטוזיאַזם איז שוין פאַרשוואונדן, און קוזמין האָט שוין געפילט אַ בענקשאַפט נאָכן שאַפּ. נאָך האָבן זיי נישט געפילט קיין הונגער, אַביסל האָט יעדער געהאַט אַליין אָפּגע־שפּאָרט און באַהאַלטן פאַרן שטרייק, און אביסל האָט די יו־ניאָן מיט מי צענויפגעשלעפּט. נאָר קוזמין האָט נישט גע־קענט אַרומגיין ליידיג. דאָס „באַלמוטשען" האָט זיי נישט גע־לאָזט רוען. דער „תּכלית" האָט געפּיקט אין געהירן און גע־נאָגט דאָס האַרץ, ווי אַ שלעכטער וואָרים.

— וואָס וועט זיין דער תּכלית פון דעם באַלמוטשען ?— האָט איינער אין דער שטיל געפרעגט דעם אַנדערן.

— און וואָס פאַר אַ תּכלית האָסטו ביים אָנקל אין שאַפּ ? פאַרן טרוקענעם שטיקל ברויט, — דאָס איז דער תּכלית ?

— מילא, מן הסתּם ווייסט מען דאָך, אז קהל הייסט אזוי — קהל ווייסט, וואָס עס טוט.

נאָר קוזמין האָט נישט באַלמוטשעט. איינער האָט זיך דערוויילּ אָנגעגרייט אַ שטיקל יענע וועלט און אַריינגעכאַפּט אַ יום תּהלים ; אַן אַנדערער, וואָס האָט געקענט אַ ביסל לערנען — אַ פּרק משניות ; נאָר די פּראָסטע און די עם-הארצים האָבן גע־כאַפּט אַ קאָרטל ביי דער טיר פון שול, און די עלטערע האָבן געהאַט תּרעומות : אין אַ מקום קדוש ! האָבן די יינגערע גע־טענהט : עס איז אַ „שטרייק־האָלל".

קוזמין האָט זיך אַרומגעדרייט פראַנק און פריי אין האָט גאָרנישט געטאָן; קוזמין האָט דערווייל באַקענט זיך מיט זייערע ווייבער און קינדער, אויף וואָס זיי האָבן קיין צייט נישט געהאַט, ווען זיי האָבן געאַרבעט; קוזמין האָט דערווייל אַרומגעשפּאַצירט, אָפּגעגעבן זיך מיט הויז־זאַכן, צורעכט געמאַכט די אייגענע קליידער, אָבער קוזמין איז נישט צופרידן געווען.

— געוואַלד, יוסף, וואָס ציט עס זיך אַזוי לאַנג? וואָס וועט זיין דער תכלית?

און טשאַרליס „פּאָפּולאַריטעט" ביי די קוזמינער לאַנדסלייט האָט אָנגעהויבן ביסלעכווייז צו פאַלן. וואָס לענגער עס האָט זיך געצויגן דער שטרייק און מען האָט קיין רעזולטאַטן נישט געזען, האָבן די קוזמינער לאַנדסלייט, ווי אַמאָל זייערע עלטערן אין דער מדבר, אָנגעהויבן צו „מורמלען" אויף טשאַרלין:

— וואָס וועט זיין דער סוף? אַלטע יידן לאָזן זיך פירן פון אַ יינגל; הע, ש"ן זעען מיר אויס.

סעם איז דערווייל אויך נישט געשלאָפן. סעם האָט פאַררופן אַ משפּחה־ראַט, געשיקט נאָך דעם קוזין מאַנעס, וועלכער איז אַ „דעמאָקראַט", און זיך מיט אים אַן עצה געהאַלטן. מען האָט צונויפגערופן די נאָענטע משפּחה, און זיי געשיקט אין געהיים צו די לאַנדסלייט אַהיים. צוערשט איז מען געגאַנגען צו די באַקאַנטע, וואָס מען קען פון דער היים, וועלכע דער אָנקל האָט אַממערסטן טובות געטאָן, און געמאַכט מיט זיי אַ שמועס:

— וואָס זאָגט ער אייך צו, טשאַרלי? ער וועט פאַר אייך אַ שאַפּ עפענען? נו, לאָמיר זען. וואָס ווייזט ער נישט, וואָס ער קען? וואָס לאָזט ער אייך הונגערן? אז ער האָט אייך פון דער אַרבעט אַראָפּגענומען, פאַרוואָס גיט ער אייך נישט אַ לעבן צו מאַכן? ער עסט. ער נעמט שכירות פון דער יוניאָן. פאַרוואָס שטרייקט ער נישט? ער שטרייקט נישט, אייך הייסט ער שטרייקן.

און די לעצטע ווערטער האָבן איבערצייגט. ס'האָט נישט לאַנג געדויערט, און סעמען מיטן קוזין מאָגעס איז געלונגען צו געווינען א טייל פון די לאַנדסלייט צו דער אַרבעט. נישט דער הונגער, נישט די נויט האָט דאָ געזיגט, נאָר קוזמין האָט נישט געקאָנט באַלמוטשען, איז נישט געוואוינט געווען אַרומצו-גיין ליידיג און האָט געבענקט נאָך דעם שאָפּ.

צומאָרגנס אין דער פרי, אַז טשאַרלי איז אַריינגעקומען אין דער חברה „שלחן-ערוך אנשי קוזמין", האָט ער געטראָפן די חברה באַלייגט מיט ווייבער פון די שטרייקנדע לאַנדסלייט. קוים האָבן זיי אים דערזען, זענען זיי צו אים צו, און חנה-רויזע, שלמהלה דאַרפּס-גייערס ווייב, האָט זיך אוועקגעשטעלט אויסטענהן פאַר אַלעמען:

— ווער האָט דיך געבעטן, איך בעט דיך, אַז דו זאָלסט זיך פאַר אונז אָננעמען? אַז דו האָסט צו טאָן מיטן אָנקל צוליב אַ שידוך, אַ כלה, וואָס ער האָט ביי דיר אָוועקגענו-מען — דאַרפן מיר ליידן דערפאַר, אויסגיין מיט אונזערע קינדער פאַר הונגער? וויפל האָסטו גענומען דערפאַר?

— פאַר וואָס?

— אום דו זאָלסט זיי, די אַלטע נאַראָנים, פון וועג אַראָפפירן.

— ניין, דו פרעג אים בעסער, פאַרוואָס שטרייקט ער נישט? אונז הייסט ער שטרייקן, פאַרוואָס שטרייקט ער נישט — האָט אַ צווייטע יידענע געשריגן.

— פון וואָס זאָל איך שטרייקן?

— פון דער יוניע פאַרוואָס שטרייקסטו נישט? פאַרוואָס הייסטו אונז שטרייקן?

— אָבער איך האָב דאָך נישט צו וואָס צו שטרייקן, איך אַרבעט דאָך ביי קיינעם נישט. איך אַרבעט דאָך ביי מיר אַליין. ביי וועמען זאָל איך שטרייקן? — האָט טשאַרלי געלאַכט.

— דו הערסט, ער אַליין שטרייקט נישט, אונז הייסט ער שטרייקן.

— וואָס רעדט איר מיט אים? ווער איז ער אין גאַנצן,

וואָס ער וואַגט זיך אַנטקעגנצושטעלן געגן דעם אָנקל? און מיר, אַלטע יידן, לאָזן זיך פאַרפירן פון אַזאַ שנעק, פון אַזאַ ייִנגל!

— קומט, יידן, קומט. די הענט דאַרפן מיר קושן דעם אָנקל, אַז ער זאָל אונז צוריקנעמען. געהערט אַ מעשה?

און שוין האָבן זיך די קוזמינער לאַנדסלייט געוואָלט אַרויסלאָזן פון דער חברה. טשאַרלי איז געשטאַנען אין מיטן אַ פרעמדער וועלט — און ער האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס צו זאָגן זיי. ער האָט יאָ פּרובירט עפּעס רעדן, וועגן אויס־האַלטן, וועגן אַ בעסער לעבן, וועגן אַ גערעכטלעכער אָרדנונג, נאָר די יידן האָבן אים נישט געהערט, געלאַכט הינטער אים, און אַ יידענע האָט גערופן צו אים:

— דו באַזאָרג זיך צוערשט, אַז דו זאָלסט נישט גיין מיט אָפּגעהאַקטע אָפּצאַסן און מיט אַן אָפּגעריבענעם הינטן, דערנאָך וועסטו די וועלט פאַרזאָרגן. מייַנע פאַרזאָרגער...

טשאַרלי איז געוואָרן פאַרצווייפלט. עס איז געווען זיין אַמביציע, זייט ער האָט זיך אינטערעסירט מיט אָרגאַניזירן אַר־בעטער, צו אָרגאַניזירן אָנקל מאָזעס' שאַפּ, דעם שאַפּ, אין וועלכן זיין פאָטער, זיין משפחה און זיינע אַלע לאַנדסלייט זענען גע־ווען פאַרשקלאַפט. ער האָט עס געהאַלטן פאַר זיין חוב פאַר אַמעריקע, פאַר דער אַרבעטער־באַוועגונג, אַלס א קינד פון זיין פאָטער, צו אָרגאַניזירן אָנקל מאָזעס' שאַפּ. און מיטאַמאָל האָט ער געזען זיין אַרבעט פון חדשים און יאָרן צו־נישט. ער האָט פּרובירט אויסניצן זיין גאַנצע רעדנער=קונסט, זיינע אידעען און זיינע איבערצייגונגען, און ער האָט דערציילט קוזמין וועגן דער גרויסער פאַרברידערונג, אין וועלכער זיי טרעטן אַריין, אָנשליסנ־דיג זיך אין דער יוניאָן. נאָר קוזמין האָט געקוקט אויף אים מיט שפּאָט און מיטלייד. די פאַרברידערונג האָבן זיי איבערגע=לאָזט פאַר אים. זיי האָבן מורא געהאַט פאַר דער פּרנסה.

נאָר אין דעם האָט זיך אויפגעהויבן ר' אהרן זשאַכלינער. ר' אהרן זשאַכלינער איז געווען טשאַרליס פאָטערס אַ חבר פון דער היים. ביידע האָבן זיי באַלאַנגט צו איין חסידים=שטיבל

אין דער היים, און דערנאָך, ווען טשאַרליס פאָטער איז אַהיים־געפאָרן שטאַרבן, האָט ר׳ אהרן איבערגענומען זיין שטעל. ער האָט געדרשנט יעדן שבת אין דער חברה „שלחן־ערוך אנשי קוזמין". געלערנט מיט די יידן מדרש שבת פאַרנאַכט, און שמחת־תורה פאַר זיי געלייענט דעם מדרש פון משה רבינוס טויט. ר׳ אהרן זשאַכלינער האָט פאַרנומען ביי זיי דעם אָרט פון אַ שטיקל דיין, און די קוזמינער לאַנדסלייט, וועלכע האָבן אים געקענט אַלס למדן און פרומען יידן פון דער היים, האָבן פאַר אים דרך־ארץ געהאַט, דעריבער האָבן זיך אַלע איינגעשטילט און אויסגעהערט, וואָס ר׳ אהרן האָט צו זאָגן.

— עס איז דאָך פונקט אַזוי, ווי די יידן ביי יציאת מצרים — האָט ר׳ אהרן אָנגעהויבן מיט זיין דרשה־ניגון, מיט וועלכן ער פלעגט יעדן שבת האַלטן זיין מדרש־דרשה — אַז משה רבינו האָט די יידן פון מצרים אַרויסגעצויגן — הויבט זיך אָן ר׳ אהרן צו שאָקלען — שטייט אין דער תורה הקדושה אַזוי געשריבן: האָט ער זיי אין מדבר געפירט. און ווי זיי זענען אין מדבר געקומען, נאָך קריאת ים־סוף און אַנדערע גרויסע נסיונות, אַזוי האָבן די יידן אָנגעהויבן צו בענקען נאָך די טעפּ פלייש, וואָס זיי האָבן אין מצרים געהאַט ביי פרעהן. האָבן זיי אָנגעהויבן צו מורמלען אויף משה רבינו, און האָבן געזאָגט: לאָמיר זעצן אַן עלטסטן און לאָמיר צוריקקערן נאָך מצרים. אַזוי איז אויך דאָ. קוים מיט צרות און גרויס מאַטערניש זענען מיר אַוועק פון אַנקל פרעה און פון זיין נוגש סעם, וואָס אַרבעט מיט אונז עבודת־פרך, ווי די יידן אין מצרים, און טשאַרלי גייט אויסאַרבעטן פאַר אונז אַן אחדות, וואָס דאָס זאָל זיין א חיזוק, אַ תקון רבים, אַז מען זאָל מיט אונז אַזוי שווער נישט אַרבעטן, וואָס דער יונג סעם, ימח שמו, אַרבעט מיט אונז, וואָס איז שווער איבערצוטראָגן; און קוים זענען מיר שוין באַלד אויסגעלייזט, נאָך אַ ביסל איבערצוטראָגן דעם צער פון הונגער, איידער דעם צער פון בושות און פון עבודת־פרך — פאַרבענקט איר זיך נאָך די טעפּ פלייש און זאָגט: לאָמיר זעצן אַן עלטסטן און צוריקקערן צום אַנקל. נאָר דאָרטן אין מצרים

האָט עס דער ערב-רב געזאָגט, און דאָ זאָגט איר עס אַלע. זאָג איך אייך, ווי דער מדרש זאָגט אויף די יידן אין מצרים: איר אַלע וועט אויסשטאַרבן אין מדבר, ווי דער ערב-רב, און וועט נישט די זכיה האָבן אַריינצוקומען אין „ארץ" אריין — ווייל איר זייט ווי דער עבד כנעני, וועלכער זאָגט: אהבתי את אדוני — איך האָב ליב מיין האַר...

אַ שרעק איז אָנגעפאלן אויף קוזמין, און אַ שטמעוודיקייט האָט אַרומגענומען די יידן. זיי האָבן זיך געשעמט איינער דעם אַנדערן צו קוקן אין די אויגן אַריין. עס האָט זיך מיטאַמאָל אויפגעוועקט אין זיי דער אַלטער קשי-עורף, וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן שטענדיג, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט אום עפּעס ערנסטעס. עס איז מיטאַמאָל פאַרשוואונדן די שרעק פאַר דער פּרנסה; אַוועק איז די וואָכעדיקייט פון „תכלית", וואָס האָט אַזוי געפּיקט זייערע מוחות און גענאָגט זייערע הערצער. די קוזמינער לאַנדסלייט האָבן מיטאַמאָל דערפילט אַ גאַנץ אַנדערן טעם אין קאַמף מיט אָנקל מאָזעס. אַז עס איז נישט בלויז אַ קאַמף פאר אַ שטיקל ברויט און אַ לעפל זופּ, נאָר אַז עס איז אַ קאַמף פאַר מעבדות — לחירות. און די אַלטע קאַמפּס-לוס-טיקייט פאַר עפּעס ערנסטעס און וויכטיגעס האָט זיך אויפגעוועקט אין בלוט פון די קוזמינער לאַנדסלייט. און שלמהלע דאָרפס-גייער האָט זיך געגעבן אַ רוף אַן פאר אַלע:

— יידן, מיט מיר! קומט, מיר וועלן אַרויסטרייבן די לאַנדסלייט פון שאַפּ. אַז נישט אַרבעטן — זאָל קיינער נישט אַרבעטן.

— שלמה, וואו גייסטו? איך וועל דיר נישט לאָזן! — האָט חנה-רויזע געשריען, אָנכאַפּנדיג שלמהן פאַרן לאַץ.

— סטופּיי, סטופּיי אַהיים, יידן, קומט

און די לאַנדסלייט האָבן זיך אַרויסגעלאָזט באַלאַגערן דעם אָנקלס שאַפּ.

6

דער נייער פּרעה

סעם האָט זיך גערִיכט אויף די לאַנדסלייט, און ער האָט געמאַכט אַלע פּאָרבאַרייטונגען זיי צו באַגעגענען. ער האָט זיך געזען מיטן קוזין מאַנעס, דעם „אַגיטאַטאָר". מאַנעס, דער „דעמאָקראַט", איז געווען אַ רפואה פאַר אַלע מכּות. איז סעם אויך איצט אַוועק צום אַגיטאַטאָר. מאַנעס האָט אַפילו ווייניג וואָס געהאַלטן פון אָנקל, און ווייניג וואָס געהאַט פון רייכן פעטער, נאָר דערהערט, אַז דעם אָנקלס בּיזנעס שטייען אין געפאַר, און אַז די „סאָשעליסטס" ווילן רואינירן דעם אָנקל, האָט זיך אין אים דערוועקט דער משפּחה־געפיל. די גאַנצע משפּחה פון אָנקל האָבן זיך געגרויסט מיטן אָנקלס פאַרמעגן, און געהאַלטן עס פאַר אַ „האָנאָר", ווען זיי האָבן עפּעס געקענט טאָן פאַרן אָנקל. מאַנעס איז אַוועק צום שעף פון פּאָליצײ און דערציילט פון די „שטערערס" און דער שעף האָט געשיקט פּאָליצײ צו באַגעגענען די לאַנדסלייט.

אַז שלמהלע דאָרפס־גייער מיט די לאַנדסלייט זענען אָנגעקומען צום שאַפּ פון אָנקל, האָט זיי באַגעגנט אַ גאַסן־פּרוי, וועלכע איז פון ערגעץ־וואו אַרויס און אַרומגענומען שלמהלען. שלמהלע איז דערשראָקן געוואָרן. ער האָט זיך געוואָלט אַרויסמאַכן פון דער פרויס אָרעמס און אריין אין געוועלב מיט די לאַנדסלייט אַראָפּנעמען די אַרבעטער. נאָר די פרוי האָט אים פעסט געהאַלטן ביים אַרבל און געשריגן:

— פּאָליצײ, פּאָליצײ, ער האָט מיך באַליידיגט!

מיטאַמאָל זענען אַרויס פּאָליצײ, מיט שטעקלעך אין די הענט, ציוויל־געקליידעטע אַגענטן און פאַרדעכטיגע פרויען, וועלכע האָבן געריסן די אַלטע יידן ביי די בערד, ביי די פּאות.

— וואָס איז געשען? — האָט דער קאָפּ געפרעגט.

— ער האָט מיך באַליידיגט, ער האָט מיר אָנגעבאָטן אַ שענדלעכע זאַך — האָט די פאַרדעכטיגע פרוי געשריגן, האַלטנ־

דיג ביי די קלאַפּעס דעם אָרימען שלמהלען, ביי וועמען די פאות האָבן געציטערט פאַר שרעק.

און דאָס איז געווען דער סיגנאַל. באַלד זענען געפלויגן שטעקנס איבער די קעפּ פון די לאַנדסלייט. איינציגע זענען געלאָפן, איבערלאָזנדיג ווער אַ פאה, ווער אַ שטיק באָרד אין די הענט פון די גאַסן־פּרויען; טייל זענען אָפּגעקומען מיט צע־קלאַפּטע קעפּ, מיט ביילן אויפן פנים; אַנדערע, מיט שלמהלען אין דער שפּיץ, זענען געוואָרן אָפּגעפירט צעבלוטיגטע אין פּאָ־ליציי־באַצירק, באַגלייט פון אַגענטן און גאַסן־פּרויען, מיט זיד־לערייען און קלעפּ. אין אַ פערטל שעה ארום איז שוין קיין זכר נישט געבליבן פון די לאַנדסלייט, און פאַרן אָנקל מאָזעס' שאַפּ איז געווען שטיל און רואיג. אויסער נאָר וואָס שטיקער פון היט און שטיקער קאַפּאָטעס האָבן זיך אַרומגעוואַלגערט אין דער בלאָטיגער גאַס.

אָנקל מאָזעס איז געווען אין געוועלב, ווען די מהומה איז פאָרגעקומען. ער האָט צוגעזען, וואָס עס קומט פאָר אין דרויסן. עס זענען געווען זיינע לאַנדסלייט, זיינע קינדער־חברים און קינדער־פריינט, וועלכע מען שלאָגט אין דרויסן פאַר זיין געוועלב אזוי אומדערבאַרעמדיג. עס איז געווען שלמהלע דאָרפס־גייער, זיין חדר־חבר, מיט וועלכן ער איז נאָך היינט אויף „דו", וועלכן מען האָט געשלעפּט א צעבלוטיגטן. ר' אהרן זשאַכלינער, זיין רבי, אַ ייד, פאַר וועלכן ער האָט נאָך דרך־ארץ ביז היינטיגן טאָג, וועמען מען האָט געריסן פאַר די פאות. קיין אַנדערע פריינט און קיין אַנדער משפּחה האָט ער נישט געהאַט אויסער די, וועלכע מען האָט אַזוי אומדערבאַרעמדיג באַהאַנדלט פאַר זיין טיר, צוליב אים. און ער האָט נישט פאַר־שטאַנען, ווי אַזוי דאָס איז געשען. ער האָט זיך קיינמאָל נישט געקענט פאָרשטעלן, אַז עפּעס אַזעלכעס זאָל פּאַסירן. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער אַליין איז געווען צווישן די לאַנדס־לייט, וואָס מען האָט געשלאָגן. גאַנץ קוזמין איז דאָרט געווען. ער איז צוגעלאָפן צו סעמען, וועלכער איז געשטאַנען אַ בליי־כער און געציטערט מיט די נאָז־לעכער.

— וואָס טוט מען דאָ ביי מיר? וואָס טוסטו? ווער האָט דיך געהייסן? — הער אויף די מינוט! הער אויף!

סעם האָט אויפגעהויבן אויף אים די אויגן. אין די אויגן איז געלעגן אַ בליק, וועלכן דער אָנקל האָט ביי קיינעם נישט געזען, נאָר אַנדערע האָבן עס ביז איצט געזען אין דעם אָנקלס אויגן:

— אָנקל, מישט זיך נישט אַריין, איך בעט אייך.

— ווער זאָל זיך נישט אַריינמישן? איך בין דאָ דער באָס!

— אז איר זענט דער „באָס", אָלל־רייט; צאָלט מיר אַרויס מיין טייל, וואָס איך האָב אין די ביזנעס, און איך וועל אַליין פירן ביזנעס, ווי איך פאַרשטיי.

דער אָנקל האָט זיך דערשראָקן. צום ערשטן מאָל האָט ער עס אַזוי קלאָר דערפילט, אַז איבער זיין קאָפּ איז אויסגעוואַקסן אַ מאַכט. ער האָט זיך געשראָקן צו בלייבן אַליין, ער האָט זיך געשראָקן פאַר דער ענערגיע און קראַפט, וועלכע האָבן געשפּראָצט פון סעמעס אויגן און פנים — און ער האָט דערפילט זיין שוואַכקייט.

— אָבער וואָס טוסטו, סעם? מענטשן שלאָגן? — האָט דער אָנקל איינגעהאַלטן זיין כעס.

— ביזנעס! — האָט סעם אָפּגעענטפערט איין וואָרט.

— אָבער לאַנדסלייט, משפחה?

— אויס משפחה, אויס לאַנדסלייט, אָנגעשטעלטע אַרבע־טער. איך'ל נישט גיין מיט זיי אין שול און איך וועל זיך נישט אָהעקזיצן דערציילן מעשיות פון דער היים. איך קאָן נישט קיין משפחה. ביי מיר דאַרף מען אַרבעטן, אַז נישט —

דער אָנקל האָט נאָך געפּרוּווט עפּעס רעדן:

— אָבער, סעם —

— אָנקל, איך בין מיד דערפון! — האָט אים סעם אי־בערגעשלאָגן. איך האָב מיין וועג אין ביזנעס, דער אָנקל האָט זיך געהאַט זיין וועג, און איך וויל נישט, אַז מען זאָל מיר קומען שטערן. און איך וועל זאָגן דעם אָנקל דעם אמת: אפשר וואָלט בעסער געווען, אַז מיר זאָלן זיך צעשיידן. איך וויל

אָנהויבן טאָן פּאַר מיר אויך עפּעס. שוין צו לאַנג געווען אַלץ ביי יענעם. איך וויל עפּעס אָנהויבן אויף מיין אייגענער ריזיקע.

דער אָנקל האָט שוין געשוויגן. ער איז בלייך געוואָרן, און טרויעריג. אַן איינזאַמקייט האָט אים אַרומגענומען, עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז גאַנץ קוזמין איז פאַרשעמט געוואָרן, אַרויס־געוואָרפן געוואָרן אויף דער גאַס, און ער איין אייגעם מיט זיי.

ער האָט פאַרלאָזט דאָס געשעפט אָן אַ וואָרט אויסצו־רעדן, און איז אַהיים געגאַנגען, ער האָט געוואָלט דערציילן מאַשען דעם עצמת נפש, וואָס ער האָט געהאַט, און געבעבנקט גאָך אַ טרייסט, עס זאָל אים ווער זאָגן אַ גוט וואָרט.

ער האָט געוואָלט זען זיין קינד און עס קושן און פרייען זיך דערמיט, ווי יעדעס מאָל, ווען ער האָט פאַרדרוס. ער האָט אָבער געפונען דאָס קינדער־צימער, וואו מאַשע מיטן קינד, פאַרשלאָסן, און ראָזע, די מאַמע, האָט צו אים געוואוּנקען:

— מאָזעס, לאָזט זי אַליין איצט. זי איז אויפגערעגט.

דורך דער טיר האָט ער געהערט מאַשעס שלוכצן.

— וואָס וויינט זי? וואָס איז געשען? — האָט זיך דער אָנקל דערשראָקן.

— זי קלאָגט אויף די לאַנדסלייט; זי האָט געהערט, מען האָט זיי געשלאָגן. זי וועט זיך באַלד באַרואיגן.

— מאַשעלע, מאַשע, טייערע, איך בעט דיך, מאַשע, מאַ־שע! — האָט זיך דער אָנקל געבעטן הינטער דער טיר.

מאַשע האָט אים נישט אָפּגעענטפערט. זי איז געלעגן אין קינדער־צימער, איינגעגעבירעט דאָס פּנים אין קינדס קישן, און האָט געוויינט. זי האָט איצט אַלעמען געהאַסט. נישט נאָר בלויז איר מאַן און סעמען — נאָר איר קינד, וואָס איז אַרויסגע־קומען פון זיי, האָט זי אויך געהאַסט. זי האָט זיך געהאַסט, וואָס זי האָט זיך פאַרקויפט צו זיי פאַר אַ שטיקל ברויט, און איר פאָטער און מוטער, וואָס האָבן זי געטריבן דערצו. איר יוגנט איז אויפגעשטאַנען פאַר אירע אויגן, מיט דער אָרימער האָפּקינס־סטריט, און איר האָט זיך געדאַכט, אַז גאָר נישט האָט זיך געענדערט דורך דער צייט; אַז זי איז אויך

איינע פון די לאַנדסלייט, וועלכע זענען פאַרשקלאַפט ביים אָנקל אין שאַפ און זענען איבערגעגאַנגען אין סעמס מאַכט. סעם איז דער באָס איבער די לאַנדסלייט, און אויך איבער איר. אין איינעם מיט זיי איז זי איבערגעגעבן געוואָרן אין סעמס הענט, אַלס דעם אָנקלס ירושה. אין דעם קאַמף פון די לאַנדסלייט געגן אָנקל האָט זי געזען איר אייגענעם קאַמף. זי וויל זיך אויך באַפרייען, מיט אַלע לאַנדסלייט צוגלייך, פון אָנקל מאָזעס און פון סעמען. און אויף דער גאַס, פאַרן אָנקלס שאַפ, האָט מען אויך זי געשלאָגן. זי שטוייקט אויך, זי וויל העלפן געווינען דעם קאַמף, דעם גרויסן קאַמף, צו באַפרייען זיך פון אָנקל און פון סעמען, אין איינעם מיט אַלע לאַנדסלייט...

זי האָט זיך אויפגעכאַפט פון געלעגער, צוזאַמענגענומען איר צירונג, וואָס דער אָנקל האָט איר געשאָנקען, די פּערל און די בלויע שטיינער — אַלצדינג, וואָס זי האָט געקענט צענויפנעמען אין געלט און צירונג, געמאַכט דערפון אַ פּעקל, זיך איינפאַך אָנגעקליידט און איז אַרויס אין צווייטן צימער אַריין.

— מאַשע, עס איז נישט מיין שולד, איך האָב עס נישט געוואָלט. איך קען נישט העלפן! — האָט דער אָנקל געקוקט אויף איר מיט בעטנדיגע אויגן.

אַ פאַראַכטונג האָט זי אַרומגענומען צו דעם אָנקל. גאָר נישט האָט זי פאַרמאָגט אין איר האַרץ צו אים, אויסער נקמה, — דאָס זיסע געפיל, אַז דאָס לעבן נעמט נקמה פון אים. זי האָט אים אָנגעקוקט מיט פאַראַכטונג און אויסגערופן:

— איך האָב דיך פיינט; איך האָב אייך אַלעמען פיינט.

— פאַרוואָס? — האָט דער אָנקל אויסגעשטרעקט נאָך איר די הענט.

— אָבער וואוהין גייסטו, טאָכטער? — איז איר די טיר נאָכגעלאָפן.

זי האָט זיי גאָרנישט אָפגעענטפערט.

דער אָנקל איז אַליין איבערגעבליבן.

האַלב אין טונקעלן האָט די איינזאַמקייט אָנגעהויבן קריכן צו אים פון די ווינקעלעך פון די צימערן. ער האָט זיך פאַר עפּעס וואָס געשראָקן — ער האָט נישט געוואוסט פאַר וואָס. עס האָט זיך אים געדאַכט, עפּעס וואָס קומט נאָענט צו אים. נאָר אין קינדער־צימער האָט זיך געהערט דעם קינדס געוויין און דער אָמס געזאַנג, און ער איז אַריין זוכן טרייסט און פרייד ביי זיין „אייגן" בלוט און פלייש...

7.

אויף דער צווייטער זייט.

מאַשע האָט געזוכט טשאַרלין אין דער היים ביי דער מומען. טשאַרלי איז נישט געווען אין דער היים, און די מומע, וועלכע האָט מאַשען געזען צום ערשטן מאָל, זייט מאַשע איז אַ ווייבל געוואָרן, האָט זי אויפגענומען קאַלט און שווייגנדיג. מאַשע האָט נישט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס. פון דער מומען איז מאַשע געוואָר געוואָרן, אַז זי קען געפינען טשאַרלין אין די „העדקוואָרטערס" פון די שטרייקערס, אין דער „חברה שלחן־ערוך אַנשי קוזמין". אין דער חברה, פון וועלכער דער אָנקל איז פּרעזידענט. מאַשע איז געגאַנגען מיט איר פּעקל צירונג, וואָס זי האָט געטראָגן צו די שטרייקנדע לאַנדסלייט, צו דער חברה. אַרום דער חברה האָט זי שוין אָנגעטראָפן די ווייבער מיט די קליינע קינדער אויף די הענט, וועלכע זענען געקומען צו לויפן, הערנדיג פון דער „טרעוואָגע", וואָס איז געווען ביים אָנקלס שאַפּ.

אין די ווייבער פון די קוזמינער לאַנדסלייט האָט זיך געפילט אַן ענדערונג. זייער קאַמפּס-לוסטיקייט האָט געשטיגן נאָך דעם, וואָס עס איז פאָרגעקומען פאַרן אָנקלס שאַפּ. געזען זייערע מענער צוריק אַהיים קומענדיג פון קאַמפּס-פעלד, ווער מיט אַ צעבלוטיגטן קאָפּ, ווער מיט אויסגעריסענע פּאות אָדער אַ אויסגעפליקטער באָרד, האָט זיך אין זיי דערוועקט אַ

רעוואָלוציאָנערער גייסט, זיי זענען גרייט געווען די מינוט צוצולויפן צום אָנקלס שאַפּ און איבערנעמען דאָס קאַמף־פעלד, פון וועלכן זייערע מענער זענען אַזוי שענדלעך דורכן „פיינט" אַראָפּגעטריבן געוואָרן. אָ, זיי האָבן שוין נישט גע־שיקט צוריק זייערע מענער צו דער אַרבעט צו „פּרעהן", האָבן שוין נישט געהייסן זייערע מענער, אַז זיי זאָלן פאַרן אָנקלס פיס פאַלן, אַז זיי זאָלן סעמס הענט קושן, פאַרקערט, זיי האָבן געשראָקן זייערע מענער, אַז זיי וועלן גיסן איבער זייערע קעפּ מיט טעפּ זודיגע וואַסער, ווען זיי וועלן וואַגן דעם אָנקלס שוועל איבערצוטרעטן.

— דו קענסט דיר שוין זוכן אַן אַנדער היים, אַן אַנ־דער ווייב, אַז דו וועסט מיר וואַגן צום אָנקל צו גיין — האָט אַ יידענע געמאַכט מיטן פינגער אויף דער נאָז צו איר מאַן.

— און אַלצדינג, וואָס טשאַרלי וועט דיר הייסן, זאָלסטו טאָן — דו הערסט — טשאַרלי ווייסט, וואָס ער האָט צו טאָן. אוי, ווייסט ער, אַ געזונט אין זיין קאָפּ.

און טשאַרלי איז צוריק געוואָרן דער „משה", וואָס גייט די יידן באַפרייען פון „פּרעה מלך מצרים" און פון אונטער זיין שווערן יאָך. טשאַרלי איז ווידער געוואָרן דער אויסלייזער, דער באַפרייער פון די קוזמינער לאַנדסלייט.

געהערט, אַז אַ „ליידי" פרעגט זיך נאָך אויף די קוז־מינער לאַנדסלייט, איז געוואָרן אַ רעש, די פרויען האָבן אַרומ־גערינגלט מאַשען, און באַלד האָט זי איינע דערקענט.

— יאָ, זי איז דאָך דעם אָנקלס ווייבל, מאַשע, דעם הויכן אהרנס טאָכטער.

— פאַרשטייסט שוין, זי איז אוודאי געקומען רעדן פאַרן אָנקל — אַז זיי זאָלן צוריקגיין צו דער אַרבעט — פאַר־שטייסט שוין — צו וואָס זי האָט באַדאַרפט טשאַרלין.

— אַז זי האָט זיך פאַרקויפט צום אָנקל — מיינט זי, וועלן מיר זיך אויך אַלע פאַרקויפן.

— וואָס עפּעס צום אָנקל אַליין — און וואו איז סעם? — האָט אַ צווייטע געוואָרפן אַ וואָרט אין דער שטיל.

מאַשעס פּנים האָט געפּלאַמט ווי פייער פאַר בושה. זי האָט נישט געוואוסט, ווי זיך צו רעטן פון די אויפגערעגטע פרויען, וואָס האָבן זי אַרומגערינגלט. זי האָט געפילט, אַז זי איז דער „שונא״ פון די לאַנדסלייט, צי זי וויל יאָ, צי זי וויל נישט. אין דער מינוט האָט זי נאָר געקלערט, ווי אַזוי זיך צו ראַטעווען פון זיי.

— ווייבער, ווייבער, באַרואיגט אייך, וואָס שרייט איר? — האָבן זיי אַ צוויי מענער, לאַנדסלייט, איינגעשטילט און געהאָלפן מאַשען אַרויסנעמען פון די פרויען.

— טשאַרלי איז נישטאָ, ער לויפט אַרום אין די געריכטן צו באַפרייען די לאַנדסלייט, וואָס מען האָט אַרעסטירט, ער וועט באַלד צוריקקומען, זעצט זיך, מיסעס מעלניק — ער וועט באַלד צוריקקומען.

— ווער איז זי, ווער? — גיב נאָר אַ קוק, ווי זיי רעדן מיט איר, וואָס פאַר אַ פאַראַד זיי מאַכן פון איר, נישקשה, איר פאָטער האָט אויך הויזן געניייט ביים אָנקל, געווען דער זעלבער קלאָגעדיגער מאַשין-שטעפּער. אַ גליק האָט אים געטראָפן, דער אָנקל האָט זיך פאַרליבט אין זיין טעכטערל — זע נאָר, וואָס זיי מאַכן.

— נאַר איינער, אונז אַלעמען האָט געקענט טרעפן דאָס גליק, אַז מיר וואָלטן געוואָלט אונזערע טעכטער חתונה מאַכן מיט אַלטע לייט.

— צוליב איר שפּאַלט ער דאָך אונזערע מענער די קעפּ, אַז ער זאָל זיין שיין ווייבל קענען דעם האַלז נאָכגעבן.

— אוודאי, אַז מען האָט חתונה מיט אַן אַלטן מאַן, לאָז פּאַטש דאָס חזיר רינען איבערן מויל.

מאַשע האָט געקוקט אויף די פרויען מיט בעטנדיגע אויגן. זי האָט זיי געוואָלט זאָגן, אַז זי איז אויך אַזוי אומגליקלעך ווי זיי. אַז אויך זי „אַרבעט״ ביים אָנקל — איז פאַרשקלאַפט צו דער פירמע „מאָזעס מעלניק ענד קאָמפּאַניע״, ווי זיי, און זי איז אַהער געקומען שטרייקן צוזאַמען מיט זיי, און צוזאַמען מיט די לאַנדסלייט צו באַפרייען זיך פון אונ-

טער דעם יאָך פון אָנקלס הויז, נאָר די ווייבער האָבן גאָרנישט געקענט און גאָרנישט געוואָלט לעזן, וואָס ליגט אין די גרויסע פאַר־טרערטע אויגן פון דעם יונגן ווייבל. זיי האָבן געזען אין איר דעם שונא — אין וועלכן זיי האָבן געוואָלט נקמה נעמען פאַר יאָרן לאַנגע פּלאָגן זיך, פאַר לאַנגע אַלטע באַליידיגונגען און פאַר די מענערס צעשפּאָלטענע קעפּ.

— גיב נאָר אַ קוק, וואָס פאַר „פּאַראַדן״ זיי מאַכן מיט איר. דער אָנקל איז קלוג, ער וויל זיי אַריינבאַרן אין שאַפּ אַריין, האָט ער געשיקט צו זיי דאָס יונגע ווייבל. גיב נאָר אַ קוק, ווי זיי זענען שטיל געוואָרן — ווי זיי האָבן מורא פאַר איר.

— דער אָנקל האָט זי געשיקט? — דאָס האָט זי סעם אהער געשיקט... זי ווייסט שוין, ווען ער זי האָט צו האָרכן.

מאַשע האָט געפילט די ברענענדיגע שטעך־ווערטער, וועלכע די ווייבער שיקן צו איר, און זי האָט עס גענומען אויף זיך ווי אַ שטראָף. זי איז אין דעם מאָמענט גרייט גע־ווען אויף אַלצדינג — אַלעס אויסצוטאָן פון זיך, אַראָפּצו־וואַרפן פון זיך די שאַנד און די פאַרשקלאַפונג, וואָס מען האָט געוואָרפן אויף איר, און איבערבלייבן דאָ מיט די לאַנדס־לייט אין דער חברה, טיילן איר גורל מיט זיי — און זי האָט געוואַרט אויף טשאַרלין, אַז זי זאָל אים קענען אַלצדינג זאָגן...

איר בלייבן אין „חברה״ איז געוואָרן אוממעגלעך. די פרויען זענען געוואָרן אַזוי ווילד אויפגערעגט, און זייערע ווערטער אויף איר חשבון זענען געוואָרן אַזוי באַליידיגנד, אַז זי האָט נישט געקענט דאָ פאַרבלייבן -- און ווער ווייסט, מיט וואָס עס וואָלט זיך געענדיגט, ווען טשאַרלי וואָלט נישט געווען אָנגעקומען.

— העלאָ, מאַשע — האָט זי טשאַרלי באַגריסט מיט זיין געוויינלעכן שמייכל, ווי ער וואָלט זי ערשט נעכטן גע־זען — וואָס טוסטו דאָ?

מאַשע האָט אים געקוקט אין די אויגן אַריין. דורך די דריי יאָר, וואָס זי האָט אים נישט געזען, האָט זיך טשאַרלי ווייניג וואָס געענדערט; ער איז געווען אַזוי קינדיש, ווי דענסטמאָל, אויף דעם ברעג ים אין קוני איילאַנד, און נישט ווילנדיג האָט זי געצויגן אַ פּאַראַלעל צווישן זיך און אים, און עס האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי איז דורך דער צייט זיין מוטער געוואָרן, און ער איז אַזוי קינדיש געבליבן. די שוואַרצע הערעלעך, וואָס האָבן מיט עקשנות זיך געריסן פון הינטער זיין גאָל-מעסער אויף זיין פּנים, האָבן אים אַ פּאָר שוואַרצע לאַנגע שפּאַנישע באַקן-בערד געשאַפן, ווי צוויי שוואַרצע פּאות. דאָס איז געווען די איינציגע ענדערונג, וואָס זי האָט באַמערקט אין אים. און דאָס האָט אים געמאַכט אין איַרע אויגן פאַר אַ שול ייִנגל, וועלכער וויל פרי וואָנסעס האָבן, שוואַרצט ער זיי מיט סאַזשע צו. זיין אָנבליק האָט אויף איין מינוט געמאַכט זי צו פאַרגעסן, צו וואָס זי איז אייגנטלעך געקומען. עס האָט זיך איר אויסגעדאַכט, אַז ער האָט זיך גאָרנישט געענדערט דורך דער צייט, ווען זיי האָבן זיך געזען דאָס לעצטע מאָל, און ווידער איז זי געקומען צו אים, ווי אַ יונגע חברטע צו אַ פריינט, ווי אַמאָל, און ער וועט זי נעמען מיט זיך אויף אַ שפּאַציר.

— איך וויל עפּעס רעדן מיט דיר, טשאַרלי — האָט זיך מאַשע אָנגערופן אויך מיט איר געוויינלעך פרייען שמייכעלע, וועלכעס זי האָט זיך געבאָרגט פון דער צייט, ווען זי איז נאָך א מיידל געווען. — קום מיט מיר אַרויס.

— איך באַדויער, נאָר דו ווייסט דאָך די סיטואַציע. די אַרבעטער קוקן אויף יעדער זאַך מיט חשד. און זיי וואָלטן ווייס איך וואָס באַלד אויסגעטראַכט, זיי וואָלטן געמיינט, אַז איך גיי זיי פאַרקויפן, לאָמיר רעדן דאָ.

מאַשע האָט זיך דערמאָנט, וואו זי געפינט זיך.

— יעס, דו האָסט רעכט, איך האָב עפּעס געוואָלט רעדן מיט דיר, אפשר אָן אנדערש מאָל. נאָר איצט בעט איך דיך, נעם צו דאָס פאַר די לאַנדסלייט, דאָס איז אַלצדינג, וואָס איך

פּאַרמאָג. — האָט זי איבערגעגעבן טשאַרלין איר פּעקל מיט צירונג.

אָבער טשאַרלי האָט פאַרשעמט געשמייכלט:

— מאָשע, דו ווייסט, אַליין קען איך נישט צונעמען. מיר מוזן פרעגן דעם שטרייק-קאָמיטעט, אויב זיי ווילן צונעמען.

— יעס, יעס, איך וועל וואַרטן.

טשאַרלי האָט פאַררופן אַ פּאָר לאַנדסלייט אין אַ ווינקל און זיך מיט זיי דורכגערעדט. באַלד איז טשאַרלי צוגעקומען און געזאָגט צו איר מיט זיין קינדישן שמייכל:

— איך באַדויער זייער, מאָשע, אָבער די אַרבעטער ווילן עס נישט צונעמען. זיי ווילן נישט נעמען קיין צדקה, דו ווייסט, דיין פּאָזיציע, — האָט טשאַרלי אָפּגעהאַקט אין מיטן — די פאַרשטייסט, מאָשע, מיך פאַרדריסט.

— נישט קיין צדקה, ס'איז מיין צושטייער אין שטרייק, איך שטרייק אויך, איך וויל אויך שטרייקן, טשאַרלי, איך וויל אויך זיין מיט אייך, אין איינעם — איך וויל אויך זיין אַזוי ווי איר, מיט אייך אין איינעם... און אין מאָשעס אויגן האָבן זיך באַוויזן טרערן.

— וואָס איז מיט דיר, מאָשע, פילסטו זיך נישט גוט?

— גאָרנישט, האָסט רעכט. יאָ, איך פאַרשטיי, איך בין אַ פיינט — פון אַ פיינט קען מען נישט צונעמען קיין שטייער. יאָ, איר האָט רעכט — עס איז גוט אַזוי — גוטע נאַכט, טשאַרלי. איך דאַנק דיר.

— אָבער וואָס איז מיט דיר? — וואַרט אַ מינוט, איך וועל גיין מיט דיר, איך וועל דיר אַהיים נעמען.

— נו, גיי נישט מיט מיר, די לאַנדסלייט וועלן האָבן אַ חשד, נו, נו, דו טאָרסט נישט גיין מיט מיר — איך באַלאַנג צו דער אנדערער זייט — איר האָט רעכט, גוד ביי, טשאַרלי! און זי איז אַרויס פלינק פון דער „חברה".

זי איז אָנגעקומען אַהיים מיטן אָוונט צו. אין גאַנצן הויז איז געווען טונקל, נאָר אויבן, אין דער הויך, אין שלאָף-צימער, האָט זיך געוויזן ליכט, די פאַרשידענע קאָלירטע ליכט-

עפעקטן, וועלכע דער אָנקל האָט געלאָזט איינריכטן. אויף די שטיגן אַרויף האָט זי געהערט דעם אָנקלס אַלטע באַסאָווע שטימע און שווערן געלעכטער. אַ מינוט איז זי שטיין געבליבן אין דער אָפענער טיר פון שלאָף־צימער און האָט אַריינגעקוקט. דער אָנקל איז געזעסן אויפן דיוואַן און געשפּילט זיך מיט די הענטלעך פונם קינד, וועלכעס איז געלעגן נעבן אים, און דער אָנקל האָט געלאַכט און געפרייט זיך מיטן קינד, האַלטנ־דיג אין איין קושן זיינע הענטלעך, סמאַקטשענדיג הויך. דער אָנקל האָט זי באַמערקט אין דער טיר און האָט אויפגעפרייט זיך מיט שטראַלנדע אויגן:

— קום אַהער, מאַשע, קום אַהער, זע, דאָס שנעבעלע וואָס עס קריגט — עס ווערט דאָך ענלעך צו מיר — איך וועט זיך מיט דיר, עס ווערט ענלעך צו מיר.

אין מאַשעס אויגן האָט עפּעס אויפגעברענט, זי האָט דעם אָנקל אָנגעקוקט מיט שטאָלענע גליִענדע אויגן, מיט אַ שטאָ־לענעם בליק. איר פּנים און איר פיגור זענען שטאַר און פאַר־שטאָלט געוואָרן, און איר ריר איז פאַרגליווערט געוואָרן. זי האָט אים געקוקט גלייך אין פּנים אַריין — און געזאָגט קאַלט:

— צו דיר?! — ווי קומסטו דערצו? —

אַ מינוט לאַנג האָט דער אָנקל זיך געוואַקלט, נישט פאַרשטאַנען, וואָס זי זאָגט — ער האָט עס דערפילט מער פון אירע אויגן, — איידער פון אירע ליפּן.

— מאַשע! מאַשע! — וואָס זאָגסטו?

נאָר מאַשע איז שוין נישט געווען.

8.

איינזאַמקייט.

ביי „מעלניק ענד קאָמפּאַני" האָט זיך אַרומגעדרייט אַן אַלטער מאַן, וואָס די מענטשן האָבן אים גערופן אויס געוואוינ־הייט, האַלב אין ערנסט, האַלב אין שפּאַס, „דער אָנקל". דער

אַלטער מאַן פלעגט זיין מיינסטע צייט פאַרברענגען אין דער הויך אין שאַפּ, צווישן די אַרבעטער. ער פלעגט זיך אוועקזעצן צווישן די לאַנדסלייט, און האָט ליב געהאַט צו פאַרברענגען מיט זיי, דערציילן זיי מעשיות פון דער אַלטער היים, פון קוזמין. אָפטמאָל פלעגט דער אַלטער מאַן אַזוי אַרום באַלמוטשען מיט די אַרבעטער, און אַז עס פלעגט זיך באַווייזן אין שאַפּ דער אויפזעער, דער קוזין מאַנעס, וואָס סעם האָט אים אַרויפגענומען צו זיך אין ביזנעס — פלעגט דער קוזין צוגיין צום אָנקל און אים קלאַפּן אויף די פּלייצעס: — קום, אָנקל — און אַז דער אָנקל פלעגט נישט הערן, איז דער קוזין געגאַנגען אַרויפרופן דעם באָס סעמען. און ווי אַמאָל האָט דער אָנקל אַראָפּגענומען מיט גוטע רייד זיין פאָטער פון די שניידערס, אַזוי האָט עס סעם איצט געמאַכט מיטן אָנקל. סעמס ערנסט געזיכט האָט אָנגענומען אַ ליבלעכע מינע, און ער האט מיט ווייכקייט אָנגערירט דעם אָנקלס אָרעם און געזאָגט צו אים גוטמוטיג:

— שעמסטו דיך נישט, אָנקל?

דער אָנקל האָט זיך טאַקע פאַרשעמט און איז אַראָפּגעגאַנגען מיטן סעמען אין שאַפּ, אָנע צו זאָגן אַ וואָרט.

ער האָט זיך נאָך אַ פּאָר מינוט אַרומגעדרייט אין אָפיס, אין געוועלב, און פלעגט מאַכן אַ פּאָר וויצן מיט די מענטשן. עס איז אים אָבער לאַנגווייליג געוואָרן, האָט ער זיך אויפגעהויבן און איז אַריבערגעגאַנגען אין שענק, וואָס איז געגנאיבער דעם געשעפט.

פלעגט מען דאָס פּליבק זאָגן סעמען, אַז דער אָנקל איז אין שענק. האָט ער אַריבערגעשיקט דעם קוזין מאַנעס, אַז ער זאָל אים אַרויסנעמען, און סעם האָט שוין געזאָגט צו אים מיט אַן ערנסט געזיכט, אָן דעם גוטן שמייכעלע:

— שעמסט דיך נישט, אָנקל? — און ער האָט גענומען אַ ייגל פון געשעפט, אַז ער זאָל דעם אָנקל פירן אַהיים.

אמאָל האָט זיך געמאַכט, אַז דער אָנקל האָט פאַרבלאָנדזשעט אויף אַ בית־עולם מיט אַ לויה פון אַ לאַנדסמאַן. דער נאָמען פון בית-עולם איז אים פאָרגעקומען באַקאַנט, און ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט דאָ וועמען — אַ גאַנץ נאָענטן. ער איז אריין אין ביוראָ און געפרעגט זיך אויף זיין ווייב, וואָס ליגט שוין דאָ באַגראָבן אַ צוואַנציג יאָר. מען האָט נאָכגעקוקט אין די ביכער און מען האָט מיטגעשיקט מיט אים אַ שמש. צווישן ריין־געהאַלטענע און ציכטיג-באַפלאַנצטע קברים איז געשטאַנען אַ פארלאָזטע מצבה, אַ ווילד באַוואַקסענער קבר, ווי אַ פאַרגעסענער. דער אָנקל האָט זיך צוגעקוקט צו דער מצבה— און זכרונות פון פריערדיגע יאָרן זענען אויפגעשטאַנען אין זיין קאָפּ. נעבן דעם קבר איז געווען אַרומגעצאַמט אַ פּלאַץ פאַר אַ צווייטן קבר. דאָס איז געווען די קרקע, וועלכע ער האָט אָנגעגרייט פאַר זיך, נעבן זיין פאַרשטאָרבענער פרוי.

און מיטאַמאָל איז אים קלאָר געוואָרן: אין יענעם קבר איז געלעגן זיין לעבן, זיין יוגנט — ער האָט עס דערזען. און נעבן דעם לעבן איז געלעגן זיין קבר און געוואַרט אויף אים.

ער האָט זיך געיאָגט, געהאַנדלט, געקויפט ליבע, אונטערטעניג געמאַכט לעבנס אונטער זיין ווילן — און דאָ איז אין דער שטיל געלעגן אַ קבר און געוואַרט אויף אים, און אים האָט זיך אויסגעדוכט, אַז ער פאַרשטייט שוין, פאַרוואָס זיין לעבן, וואָס ער האָט געבויט, איז איינגעבראָכן. ער האָט געבויט אויף אַן אָפענעם קבר.

און עס האָט נישט לאַנג געדויערט, און ער האָט פאַרנומען דאָס אָפענע קבר, וועלכעס איז געשטאַנען די גאַנצע צייט און געוואַרט נעבן זיין פאַרגעסענעם לעבן...

ע נ ד ע

אינהאַלט

ערשטער טייל

1. איבער וויליאַמסבורגער בריק 5
2. קינדער 13
3. פאַרטאָג 19
4. דער ברודער בערל מיט זיינע קינדער 24
5. אָנקל מאָזעס 32
6. דער „אַמעריקאַנער” אין אַמעריקע 36
7. אָנקל מאָזעס לעבן 46
8. דער נייער פרעה 54
9. דער אָנקל קומט צו מאַשאַן 61
10. קוזמינער לאַנדסלייט 67
11. אסתר און אחשוורוש 74

צווייטער טייל

1. ער וועט האָבן קינדער 83
2. מאַשאַ 89
3. אַ חתן 94
4. מאַנעס אַגיטאַטאָר 98
5. אָנקל מאָזעס זעט אַלץ פאָרויס 106
6. טשאַרלי 112
7. טשארלי מעלניק 116
8. קוני איילאַנד 126
9. ביים זאַמד-ברעג 129
10. „טויזנט און איין נאַכט” 138
11. די כלה וויל נישט 144
12. דער טייוול נעמט אים 151

13. מאשא טרעפט זיך מיטן אָנקל 160
14. דאָס בלויע צימער 168

דריטער טייל

1. מאַן און ווייב 179
2. מאשעס מעטאמאָרפאָזע 185
3. ווען אַ מענטש ווערט געבוירן 190
4. ווען אַ מוטער טוט איר דינסט 195
5. דער שטרייק פון די קוזמינער לאַנסדלייט . . . 201
6. דער נייער פּרעה 210
7. אויף דער צווייטער זייט 215
8. איינזאַמקייט 221